STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10461

FASHIZM IN EYROPE

Nachman Shemen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. שמן

פאשיזם אין אייראפא

זיין פראָגנאָזע און דיאגנאָזע

טאראנטא
1934

FASCISM IN EUROPE

Copyright 1934 by N. Shemen

״אידישער זשורנאל״ דרוקעריי,
542 דאנדעס סט. וועסט, טאראנטא.

צו די אמת ־ איבערגעגעבענע סאָציאַליסטען, וועלכע ווערען אכזריות'דיג געפייניגט; וועלכע שמאַכטען אין די פינסטערע געפענגענישען און קאָנצענטראַציע לאַגערען, אונטער דער אייזערנעם קנאַפעל פון פאַשיזם. צו די טויזענטער אידישע און סאָציאַליסטישע פליכטלינגע, וועלכע זענען ארויס־געטריבען געוואָרען פונ'ם היטלער ־ דייטשלאַנד. צום אָנדענק פון די טויזענטער קרבנות, וועלכע זענען געפאַלען אין זייער הייליגען פרייהייטס־קאַמף, געגען דעם פאַשיזם —

איז דאָס בוך פאַרפאַסט געוואָרען.

דער מחבר.

אינהאלט:

קאפיטעל — זייט

פארווארט — VII
איינלייטונג פון ש. מ. שאפירא — X

ערשטער טייל:

דער עלטסטער און ערשטער איטאליענישער פאשיזם.

1. סאציאליזם נאך דער וועלט מלחמה — 3
2. פון סאציאליזם צו פאשיזם — 10
3. וואס האט געפיהרט צום פאשיסטישען נצחון אין איטאליע — 20
4. די אויפטואונגען און דערגרייכונגען פונ'ם איטאליענישען פאשיזם — 26
5. וועגען מוסאליני'ן זעלבסט — 32
6. די טעאריע פון פאשיזם — דער ווייטער מהלך צווישען דער פאשיסטישער טעאריע און איהר פראקטיק — 41

צווייטער טייל:

היטלער און היטלעריזם.

7. די אנשטעהונג פון היטלעריזם — 51
8. די ערשטע צוויי אויפשטאנדען און דער לעצטער היטלעריסטישער נצחון — 66
9. פאשיזם אין דייטשלאנד — 79
10. די דייטשע רעוואלוציע און איהר דורכפאל
   1. ווי אזוי עס האט אויסגעבראכען די דייטשע רעוואלוציע — 88
   2. די נאציאנאלע פארזאמלונג אין וויימאר — 94
   3. די ריכטונגען אין דער ארבייטער באוועגונג — 100
   4. דער ווערסאילער פרידענס אפמאך וואס האט רואינירט דייטשלאנד — 106
   5. דער דורכפאל פון דער דייטשער רעפובליק — 110
11. די טראגעדיע פון דייטשלאנד — 118
12. די אויסזיכטען פון דייטשלאנד — היטלער'ס מפלה מוז קומען — 126

דריטער טייל:

אנדערע פאשיזמען אין קלענערע לענדער.

13. די מיליטערישע דיקטאטור אין פוילען אין פארם פון דער פאשיסטישער רעאקציע — 135
14. די פאשיסטישע כוואליע איבער די באלטישע לענדער — 148
15. פאשיזם אין עסטרייך און אין אונגארן — 156
16. די מאנארכיסטישע דיקטאטור אין יוגאסלאוויע — 171
17. פאשיזם און אנטיסעמיטיזם — 176
18. דער אלגעמיינער סך־הכל פון דעם פאשיזם און זיין באוועגונג — 188

פאָרוואָרט

טיילען פון דעם דאָזיגען ווערק, "פאַשיזם אין אייראָפּאַ", האָב איך אָנגע־פאַנגען צו שרייבען נאָך מיט צוויי יאָהר צוריק, אינ'ם יאָהר 1932. איינציגע קאַפּיט־לאַך זענען דורך דער צייט פאַרעפענטליכט געוואָרען אינ'ם טאָראָנטאָר "אידישען זשורנאַל" און אין אַנדערע צייט־שריפטען. צוליעב פאַרשיידענע אורזאַכען האָב איך זיך ערשט לעצטענס גענומען איבערצואַרבייטען די צוגעגרייטע מאַטעריאַלען, און זיי צוזאַמענגעהמען אין בוך פאָרם.

די אויפגאַבע וואָס איך האָב זיך געשטעלט, איז, צו געבען אין דעם בוך א גענויע אָפּשאַצונג פון דעם פאַשיזם וואָס פאַרשפּרייט און פאַרפעסטיגט זיך איבער גאַנץ אייראָפּאַ, צו אַנאַליזירען זיינע טעאָרעטישע יסודות, און צו רעווידירען זיינע פּראַקטישע מיטלען; אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף זיין שעדליכער ווירקונג און געפערליכער אַנשטעקענדער קראַנקהייט; ווער און וועמען מיר קענען באַשולדיגען אין זיין גרויסען וואוקס און ווירקונג.

איך האָב אינטענסיוו געאַרבייט אויסצוגעפינען די אביעקטיווע סיבות פון דער אייראָפּייאישער קאַטאַסטראָפע, די ענדערונג און כאַראַקטער פון דעם איצטיגען "מאָנאָפּאָלישען" קאַפּיטאַליזם, דעם באַזונדערען כאַראַקטער פונ'ם לאַנג־דויערענדען עקאָנאָמישען קריזיס; די ראַדיקאַלע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער נאָך מלחמה־צייט אין אַלע סאָציאַלע קלאַסען — אין פּראָלעטאַריאַט, מיטעלשטאַנד, אינטעליגענץ — די סאָציאַל פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסען אין די פאָלקס־מאַסען; די פאַרשאַרפטע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע ליידענשאַפטען א. א. וו., א. א. וו.

צו דעם אַנאַליז פון די אביעקטיווע סיבות, וואָס האָבען געפיהרט צו דער קאַטאַסטראָפע, האָב איך אויך אָנגעוויזען אויף די סוביעקטיווע סיבות פון יעדען לאַנד באַזונדער, וואָס האָבען געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין די לעצטע געשעהעני־שען. אזא קריטישער אַנאַליז איז אומבאַדינגט נויטיג אום פאַנאַנדערצוקלייבען און אויסצוגעפינען די אביעקטיווע און סוביעקטיווע סיבות און פאַקטאָרען. דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען זאָל אונז דערקלעהרען די סיבות פון דער וועלט־קאַטאַסטראָפע, און ווייזען דעם וועג ווי אזוי בייצוקומען די פאַשיסטישע דיקטאַטור. איך האָב געמאַכט דעם פאַרזוך צו ערקלעהרען דעם דיאַגנאָז, וואָס איז דער ערשטער טראָט צום היילונג — ווי אחד־העם האָט עס אמאָל אויסגעדריקט אין זיין סטילישען העברייאיש "הכרת המחלה צעד הראשון לרפואה".

לעבענדיג אין א פעריאָדע, ווען אַלעס שטעהט אויפ'ן שייד־וועג, ווען די גאַנצע וועלט טרייסעלט זיך, און שטעהט ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, ווען ערבערטע

פראגרעסירטע יסודות ווערען אונטערגעגראבען, און אויף זייער פלאץ ווערען אויפ־געבויט אזעלכע מיטעלאלטערליכע פינסטערע בנינים פון קולטור בארבאריזם — האב איך זיך פלייסיג גענומען שטודירען אט די דאזיגע מערקווירדיגע ערשיינונג. איך האב געוואלט דערגעהן די קראנקהייט, די עפידעמיע, וואס האט ארומגעכאפט די גאנצע וועלט בכלל, און אייראפא בפרט. ווי אן אביעקטיווער באאבאכטער, האב איך זיך גענומען באטראכטען און נאכפארשען דעם פאשיזם, וואס שטעהט אויפ'ן טאגעס־ארדנונג, זינט דער וועלט־מלחמה.

אינ'ם דאזיגען בוך האב איך אויך אנגעוויזען אויף דער שוואכקייט און סתירות פונ'ם פאשיזם; אויף דעם שאנטאזש און פראוואקאציע פון דעם פאשיזם, וואס שטיצט זיך אויף פאלשקייטען און אויף דער פארבלענדניש פון די מאסען, וואס קען לאנג נישט אנהאלטען זיין עקזיסטענץ, און וועט געווים צוזאמענברעכען און צופאלען. דער אמת וועט סוף־כל־סוף זיגען און גובר זיין דעם שקר.

קיין איינער פון די פאשיזמען אין די פארשיידענע אייראפייאישע לענדער האבען דערוויייל נאך גאר ניט באוויזען אויפצוטאן פאר די מאסען, אויסצובעסערען די עקאנאמישע לאגע פון די בירגערליכע און ארבייטענדע עלעמענטען. אין געגנ־טייל, אין די לענדער, וואו עס הערשט דער פאשיזם, האט דער קריזיס זיך מעהר און פריהער פארפעסטיגט, איידער אין אנדערע לענדער, און איבערשטייגט אלע פינסטערע נביאות וואס מען האט זיך פריהער פארגעשטעלט.

לאמיר נעהמען, למשל, דייטשלאנד. היטלער איז שוין אין מאכט א יאהר־און־א־האלב, און די רעזולטאטען זענען פיעל ערגער ווי מען האט זיך פריהער פאר־געשטעלט. זיי איבערשטייגען אפילו די פינסטערע און ערגסטע נביאות פון זיינע געגנער. אין אלע געזעלשאפטליכע און רעגיערונגס אינסטיטוציעס הערשט אן אונ־באשרייבליכער כאאס, א דאנק דעם, וואס היטלער האט ארויסגעשיקט אלע פריהער־דיגע ערפאהרענע רעגיערונגס בעאמטע, און אויף זייער פלאץ אוועקגעשטעלט מענ־שען וועלכע האבען ניט דעם מינדעסטען באגריף וועגען מלוכה זאכען, און א דאנק דעם, וואס היטלער האט מיט ברוטאלע מיטלען פארכאפט די מאכט.

זינט היטלער האט געזיגט איז דייטשלאנד איזאלירט געווארען פון דער דרויסענדיגער וועלט. דייטשלאנד האט פארלוירען איהר צוטרוי פון דער פינאנצי־עלער וועלט. די וועלט קען קיין צוטרוי צו היטלער'ן ניט האבען דערפאר, ווייל היטלער'ס אויסלענדישע פאליטיק האלט זיך כסדר אין איין וואקלען. פון איין זייט הערט מען פון איהם פרידליכע רעדעס; פון דער צווייטער זייט אומגעלומפערטע אוואנטיורעס. הינטער זיינע פאסיפיסטישע דרשות קומט פאר אין דייטשלאנד א פיבערהאפטע צוגרייטונג צו א מלחמה, וואס שרעקט די גאנצע וועלט.

מען דארף אויך וויסען, אז די פארפאלגונגען אויף סאציאליסטען און אידען — די ראסען פראפאגאנדע האט קיין נוצען ניט געבראכט דעם היטלעריזם. דער אלוועלטליכער אידישער און אויך סאציאליסטישער באיקאט אויף דייטשע סחורות האט פארקלענערט דעם דייטשען עקספארט אויף שווערע מיליאנען.

הויז דעם הערט זיך שוין אין דייטשלאַנד דאָס אָנקומען פון שטורם, וואָס זאָגט אָן אַן אומפּארמיידליכע מלחמה צווישען די צוויי טיילען פון היטלער׳ס "נאַציאָנאַלען פראָנט". דער דועל צווישען די קאָנסערוואַטיוו - בורזשואזיע פליגלען און נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ארבייטער, ווערט אלע מאָל שטאַרקער און פאַרצויגענער. דאָס זעלבע פּאַסירט אָדער וועט פּאַסירען אומעטום, איבעראַל, וואו דער פאַשיזם האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, און לכתחילה פאראייניגט די אלע עלעמענטען, וועלכע זענען עגאָאיסטיש - נאַציאָנאַליסטיש געשטימט. דער פאַשיזם איז אומשטאַנד אויסצוגלייכען די פארשיידענע שטרעמונגען צווישען זיינע נאַציאָנאַלע עלעמענטען. דאָס וועט געוויס ברייגען צו א צוזאַמענברעכונג און צופאַלונג פון דער גאַנצער באַוועגונג.

אינ׳ם דאָזיגען בוך האָב איך אויך פיעל־וויניג באַריהרט די פראַגע פון אנטיסעמיטיזם, וואָס האָט לעצטענס געקראָגען זיין סימבאָל אין היטלעריזם. איך האָב געפּרואווט צו באַווייזען ווי אזוי אנטיסעמיטיזם און פאַשיזם געהען זאלבענאַנד, ווערען צוזאַמענגעקניפּט און צוזאַמענגעבונדען אין איין קאָנצעפּציע. און ווי אזוי דער קליינבירגערליכער שאָוויניזם ברייגגט צו ראַסען - האַס, צו ראַסען - אונטערשיידען און איד - פיינדשאַפט.

צום סוף: דעם בעסטען דאַנק מיין פריינט ה׳ ש. מ. שאפּיראָ (רעד. פון "אידישען זשורנאַל") וואָס האָט זיך באמיהט און מיר פיעל געהאָלפען אין דער קאָרעגירונג און קאָרעקטור פונ׳ם בוך. און אויך די אלע וועלכע האָבען מיר מאַטעריעל געהאָלפען.

נ. שמן,

טאָראנטא, יולי, 1934.

איינלייטונג

איז געווארען כמעט א מנהג, אז א בוך דארף האבען א הקדמה, פון מחבר אליין, אדער פון אימיצען אנדערש, פונקט ווי דאס וואלט געווען אן עסענציאלער טייל פון בוך, און אן דעם וואלט דער לעזער ניט געקענט לעזען דאס בוך. ניט איינמאל האב איך געטראכט: וואס וואלט דער לעזער באמת געטאן מיט א בוך אן א הקדמה. ער וואלט דאך געמוזט אנהויבען לייענען דאס בוך פון דער ערשטער זייט, און צוטרעטען גלייך צום ענין.

ניט האבענדיג בדעה צו ברעכען דעם דאזיגען מנהג און פיהלענדיג, אז "פאשיזם אין אייראפא" איז ניט נאר א פראטעסט געגען דער דאזיגער מגפה, וועלכע האט געשלאגען טיפע ווארצלען אין אייראפא און פארשפרייט זיך שנעל אויפ'ן אמעריקאנער קאנטינענט, נאר איז א שטודיום פון זיין אנשטעהונג, און וועלכען פלאץ ער פארנעהמט אין אונזער ציוויליזירטער וועלט, איז ווערט, אז דער לעזער זאל האבען א באגריף וועגען דער ווערק איידער ער טרעט צו זיך מיט דעם צו באקענען.

פאשיזם אין יעדער פארמע, סיי אין רעגיערונג, און סיי אין סאציאלען לעבען פון פעלקער, גרופען און אפילו יחידים, האט פארנומען דאס פלאץ פון א העכערער מדרגה אין לעבען אזוי, אז אנשטאט פארווערטס ווי די וועלטליכע געשיכטע איז געגאנגען, און פראגרעס וועלכען די מענשהייט האט געמאכט אין די לעצטע דריי פיר הונדערט יאהר גרייכענדיג פון שטאפעל צו שטאפעל צו א העכערער שטופע פון ציוויליזאציע און אנטוויקלונג, שטויסט ער צוריק די גאנצע מענשהייט אין תהום פון מיטעלאלטערטום.

יעדער איבערגאנג אין דער מענשליכער געשיכטע, פון אנארכישען בארבאריזם צו ארגאניזירטע מענשליכע גרופען פארמען, פון רויבער באנדע פירער צו ארגאניזירטע רעגיערונגען; פון פעאדאליזם צו אינדיווידועלע פרייהייט פארשקלאפונג אין קלאסען פארמען, זענען געווען עטאפען פון פראגרעס. ניט אכטענדיג, וואס מיר באטראכטען עס אין אונזער יעצטיגער שטופע אלס פינסטערע צייטען פון מענשליכען לעבען אויף דער וועלט, דאס זענען אבער געווען נויטיגע עטאפען צו גרייכען יענע הויך, צו וועלכער דער אנטוויקעלטער טייל פון דער מענשהייט האט געשטרעבט. אן דעם וואלט ניט מעגליך געווען קיין צוואנציגסטער יאהרהונדערט ציוויליזאציע. עס האט ניט געקענט זיין קיין שפרונג פון בארבאריזם צו הויכער מענשליכער עטיק, פונקט ווי די וועלט האט פון פופצעהנטען יאהרהונדערט ניט געקענט מיט איין שפאן אריינשפרינגען אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט. ווען מיר האלטען אבער ביי אן איבערגאנג פון דעמאקראטיע צו פאשיזם, און דאס פאסירט אין אונזערע טעג, קען

עס ניט דורכגעלאָזען ווערען אָן קאמף. און דער איינציגער אופן צו געבען א ווידערשטאַנד דעם פאַשיזם, איז זיך באַקענען מיט זיין פאָרמע און כאַראַקטער.

"פאַשיזם אין איראָפּא" קען דינען אלס באלייכטער פאַר די אידישע מאַסען, און ליכט איז אלע מאָל געווען דער שונא פון פינסטערניש און רעאַקציע. ווען די מאַסען קענען זעהן פאַשיזם אין זיין פולער עקעלדיגקייט, וועט קיין געפאַר ניט זיין, ער זאָל באַקומען א ווערכען עס איז באַדען. דאָס איז דער הויפּט צוועק פון "פאַשיזם אין איראָפּא", לויט פאָרגעלייגט פון דעם מחבר.

נעהמט מען אין אַכט, אז ביי אידען פעהלען אוים מעצענאַטען, און אז דער שרייבער מוז אויך זיין דער פאַרלעגער. ווייסענדיג ווי שווער עס קומט אָן צו פאַרקויפען א אידיש בוך, איז עס איינפאַך א העלדענטאַט מצד נ. שמן די דאָזיגע אונטערנעהמונג. אָבער איך גלויב, אז די דאָזיגע באַמיהונג וועט ברייגען פרוכט דערמיט, וואָס עס וועט דינען אלס בליץ אָפּלייטער געגען דעם פאַשיזם שטורם.

דאָס בוך גיט א רעזומע פון פאַשיזם אין איטאַליע און דייטשלאַנד, זיין אנשטעהונג, די אורזאַכען, זיין גדייאונג און די שוואַכקייט פון די אנדערע איזמען, וועמענס צוועק עס איז געווען צו באַקעמפען דעם פאַשיזם. ווייסט מען די אורזאכען, שטודירט מען די אנטשטעהונג, איז ניט שווער צו געפינען דעם אנטי טאקסין לויט אונזער מיינונג און וויסען.

דאָס, וואָס דאָס פאָרליגענדיגעס בוך איז געשריבען אין אידיש, איז עס פון א טאָפּעלען ווערטה פאַר די אידישע פאָלקס מאַסען, ווייל עס איז דאָך א זעלטענהייט, אז ביכער פון אַזאַ פאַרנעם זאָלען געשריבען ווערען אין אידיש. מערסטענס באַנוצען מיר זיך מיט איבערזעצונגען.

רעקאָמענדירענדיג "פאשיזם אין איראפּא" צו די ברייטע אידישע מאַסען, פיהל איך, אז דאָס איז דער איינציגער אופן מיט וועלכען מיר קענען דעם דאָזיגען אלגעמיינעם שונא באַקעמפען.

מיט דרך ארץ,

שמואל מאיר שאַפּיראָ.

ערשטער טייל

דער עלטסטער און ערשטער איטאַליענישער פאַשיזם

קאפיטעל 1

סאָציאַליזם נאָך דער וועלט מלחמה

יאָהרען פארגאנגען.

צוואנציג יאָהר זענען שוין פאָראיבערגעלאָפען זינט דער אָנהויב פון דער וועלט מלחמה, און זעכצען יאָהר נאָך דער וועלט מלחמה. 1914 האָט אויסגע־בראָכען דער קריעג, 1918 האָט ער זיך געענדיגט, און היינט — 1934. פיעל ביכער זענען געשריבען געוואָרען און וועלען געשריבען ווערען אין דער מענשען־שפּראַך, אויפ'ן היסטאָריש־טעאָרעטיש־פּסיכאָלאָגישען געביט. פון דעם היסטאָ־רישען שטאַנדפּונקט — וועמען צו באַשולדיגען, און האַלטען פאַראַנטוואָרטליך, פאַר דעם גרויסען פערלוסט, פון דער מענשהייט. ווער האָט עס אונטערגעהעצט און פּראָפּאַגאַנדירט די מלחמה, ווער האָט געמאַכט דעם ערשטען ארויסטריט און אַנגריף. עס איז נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג ניט גענוי פעסטגעשטעלט געוואָרען ווער עס איז שולדיג אין דער לעצטער גרויסער וועלט־געשעהעניש. פון טעאָרעטיש־פּסיכאָלאָ־גישען שטאַנדפּונקט — ווארום און ווי אזוי שאַפט זיך דער שטראָם נאָך מלחמה. די קאָנפליקטען צווישען די מענשען, און ווי אזוי צו באַזייטיגען מלחמה. די גרעסטע היסטאָריקער, טעאָרעטיקער און פּסיכאָלאָגען זענען פאראינטערעסירט אין דער פראַגע.

די לעצטע וועלט מלחמה האָט אריינגעשלעפּט די גאַנצע ציוויליזאציע. פערצען גרויסמעכטע זענען געווען אין דער קריעג. אויף איין זייט: — דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגארן, טערקיי און בעלגיע. אויף דער צווייטער זייט: — סערביע, רוסלאַנד, פראנקרייך, גרויס־בריטאַניע (די גאַנצע בריטישע אימפּעריע, קאנאדע אויך אריינגערעכענט) א. א. וו. די צוויי קריגס־פיהרענדע צדדים זענען געווען: די דייטשען און עסטרייכער מיט די עליים (רוסלאַנד, פראנקרייך און ענגלאַנד).

די מענשהייט האָט טייער באַצאָלט, מיט בלוט און קאַפּיטאַל, פאַר די מיטעלאַלטערישע מעשים; פאַר אַט דער אוואַנטוריסטישער געשעהעניש מיט זיינע גוואַלד־טהאַטען. נאָך צוויי און א האַלב יאָהר קריג — דערצעהלט די אָפיציעלע סטאַטיסטיק — זענען מעהר ווי זיבען און אַ האַלב מיליאָן מענשען אויסגעשטאָרבען און אויסגע'הרג'עט געוואָרען. מעהר מענשען ווי עס געפינט זיך אין דער גרעסטער שטאָדט ניו־יאָרק, אין דעם איצטיגען עסטרייך, אָדער אין גאַנץ בעלגיע. חוץ די פארוואונדעטע און רואינירטע אינוואַלידען, פון וועלכע עס איז אונמעגליך איבער־

צוגעבען א גענויען באריכט. לויט די פארשיידענע באריכטען פון די אויבענדער־מאנטע לענדער, זענען מעהר, ווי פופציג מיליאן סאלדאטען געווען אין קריג.

ביליאנען זענען אויסגעגעבען געווארען פאר כלי־משחיתים אויף אמוניציע און באוואפנונג, קוילען און קאנאנען, כדי אויסצושיסען די מענשען מיט די גרויזאמ־סטע און בארבארישסטע מיטלען. די וועלט קען נאך ביז איצט צו זיך ניט קומען פון די קאסטען און מלחמה הזיקות. ביז׳ן היינטיגען טאג איז נאך אלץ א שווערע פראבלעם, מיט די מלחמה רעפעראציעס. פארשיידענע אפמאכען און מאראטאריומס זענען אין דער צייט פארגעקומען. די העכסטע דיפלאמאטיע זוכט אלץ מיטלען צו לייזען דעם פראבלעם, און צו קיין סוף קען מען אלץ ניט קומען. מען צאלט נאך עד היום פאר דער דאמאלסטדיגער מאביליזאציע, אין ארמייען און פלאטען. אן אונ־טערשייד ווער עס האט טריאומפירט, קען מען דייטליך זעהן, וואס פאר א רעזול־טאטען און ערפאלג, מען קען ערהווארטען פון דער בעסטיאלישער מאכט — די מאכט פון שווערד און ביקס, האט מען פאקטיש געזעהן, קען קיין גליק ניט ברייגגען. דער אינסטינקט פון בלוטדורשטיגקייט, איז שעדליך, אוננוצליך פאר דער מענשהייט.

* * *

זעבצען יאהר נאכ׳ן וועלט־קריג. לגבי דער אייביגקייט איז זעבצען יאהר א גארנישט, א כהרף־עין; לגבי דער פארגרעסערער וועלט, איז זעבצען יאהר שוין א צייט, מיט וועלכען מען דארף זיך אויך רעכענען. דורך דער צייט, איז אונטערגע־וואקסען א נייער דור. דער אלטער עלעמענט איז אוועק, און א נייער איז אויף זיין פלאץ צוגעקומען. דורך דער צייט זענען געוויסע ענדערונגען פארגעקומען, דאס זענען געווען יאהרען פון לעבען, פון אקציע — די פרוכטבארע און רענעסאנסטע יאהרען, ווי אייניגע באהויפטען. מיר האבען צו פארצייכענען געאגראפישע און היסטארישע דערגרייכונגען, דורך דער קורצער פארגאנגענהייט. די געאגראפישע ענדערונגען אין דעם וועלט אטלאס, די מאפע פון געוויסע נאציאנען, איז געענדערט געווארען; פארקלענערט אדער פארגרעסערט, צוגעגעבען אדער גאר אוועקגענומען. עס זענען צוגעקומען נאציאנען און רעפובליקען, איינשליסענדיג: פוילען (זינט 1814 איז מעהר ווי א העלפט פון דער פוילישער טעריטאריע און באפעלקערונג געווען אונטער׳ן צאריסטישען רוסלאנד; דאס איבעריגע אונטער דייטשלאנד און עסטרייך). ליטא, לאטוויע, עסטאניע, פינלאנד, טשעכאסלאוואקיע, אונגארן, רומעניע, יוגאסלאוויע, און אנדערע. דייטשלאנד און עסטרייך זענען געווארען אויס אימפעריאליסטישע מלוכות. עס איז עטאבלירט געווארען דער ווערסאילער פרידענס־אפמאך, אין יוני 1919, באקאנט אלס דער "פעלקער בונד", וואס האט זיין הויפט קווארטיר אין זשענעווע, און רעכענט זיך אלס די קערפערשאפט וואס פארטרעט אלע נאציאנען, און דינט די אינטערעסען פון שלום.

אין די יאהרען זענען פארגעקומען גרויסע היסטארישע איבערקערענישען, וויכטיגע געשעהענישען זענען דא צו פארצייכענען פון אט דער קליינער פעריאדע.

עס זענען פארגעקומען אזעלכע פאסירונגען, וועגען וועלכע מען האט נאר געקענט חלומ'ען, פאנטאסטיש זיך פארשטעלען: די פראלעטארישע רעוואלוציע אין צאריסטישען רוסלאנד, דעם 25-טען אקטאבער (7-טער נאוועמבער לויט דעם נייעם סטיל) 1917. די גרעסטע שטארקסטע מאנארכיסטישע דינאסטיע איז זיך צופאלען, און ארונטער פון איהר טראן. רעפובליקען און קאנסטיטוציעס זענען פראקלאמירט געווארען אין דער מעהר ציוויליזירטע לענדער. עס זענען גערופען געווארען וועלט-קאנפערענצען וועגען אנטוואפנונג און פאסיפיזם. גלייכצייטיג איז געגרינדעט געווארען די אינטערנאציאנאלע ארבייטער ביורא אין זשענעווע, אונטער דער פירערשאפט פון פראמינענטע סאציאליסטען, ווי דער ניט-לאנג פארשטארבענער דירעקטאר, דער באוואוסטער סאציאליסטישער פראנצויזישער פיהרער, אלבערט טהאמא.

ווער האט אבער געוואונען פון וועלט-קריג, דער סאציאליזם אדער דער קאפיטאליזם? האט דער סאציאלער באוואוסטזיין פראגרעסירט? איז דער ארבייטער-קלאס שטארקער געווארען נאך דער וועלט-מלחמה?

ווען מיר באטראכטען די איצטיגע לאגע אויף דער גאנצער וועלט, ווען מיר מאכען אן אביעקטיוו-קריטישען אנאליז, אין דער איצטיגער עקאנאמישער און פאליטישער לאגע, מוזען מיר קומען צום באשלוס, אז דער סאציאליזם האט קיין סך ניט געוואונען פון דער וועלט-מלחמה. נאך אזוי פיעל פראגרעס איז נאך אלץ די וועלט צוריקגעשטאנען. די רעאקציע הערשט אומעטום; עס הערשט נאך אלץ דער בירגערליכער און אויסערליכער קריג, דער נאציאנאלער און קלאסען-קאמף. אויף די וואגשאלען פון דער וועלט ליגען נאך אט די צוויי שווערע געוויכטען אין וועלכע די וועלט איז צושיידט און צוטיילט אין צוויי מחנות: פראלעטאריער און קאפיטאליסטען. איינער קען ניט איבערוועגען דעם צווייטען. עס איז דער שטארקסטער, פאר'עקשנ'טער קאמף, אין וועלכען די גאנצע וועלט איז פארמישט, און קיינער וויל ניט נאכגעבען...

עס רעגירט איצט ווידער די שטארקע דיקטאטור, אנשטאט דעמאקראטיע. רעזשימען פון אויטאקראטיע, שאוויניזם און פאשיזם איז פארשפרייט איבער אלע אייראפייאישע לענדער. איטאליע — א באוועגונג פון פאשיזם, און א שטארקע דיקטאטארישע מאכט. בעניטא מוסאליני, דער ענטוזיאסטישער געוועזענער מארקסיסט, האלט אן זיין דיקטאטור, אין ברייטסטען זין פון ווארט. פוילען, רעגירט די פילסודסקי-דיקטאטור. אין יוגאסלאוויע האנגעלט זיך די רעגיערונג נעבאך אין שאטען פון דיקטאטור. און איצט, דייטשלאנד, דאס לאנד פון דעם טראדיציאנעלען מארקסיזם, וואו דער מארקסיזם איז געבוירען געווארען; דאס לאנד פון בעבעל'ען און ליבקנעכט'ן — דארט האט די היטלעריסטישע ברוטאלע דיקטאטור איבערגענומען די מאכט, און דער פאשיזם איז געווארען די איינציגע און שטארקסטע פארטיי.

מערקווירדיג, דאס ציוויליזירטע דייטשלאנד, די נאציע פון "דיינקער און פאעטען", די בארימטע מיט איהרע אונגעהויערע אינטעלעקטואלען, די גרעסטע פילאזאפען און ליטעראטען, דאס לאנד פון אזעלכע גרויסע מענשען ווי געטהע און

קאַנט, ניטשע און היינע, וועלכע האָבען באַאיינפלוסט די גאַנצע וועלט; — זאָל זיך צוריקקערען צו איהרע אַמאָליגע טהאַטען פון דעם מיטעלאַלטער, צו דער פיזישער קראַפט פון פרידריך דעם גרויסען א. א.

דייטשלאַנד, וואָס האָט אונאָפיציעל מיטגעהאָלפען צו דעם געבורט פון מאַרקסיזם, וואו דער סאָציאַליזם האָט געקראָגען זיין גרעסטע מאַכט, מעהר ווי אירגענד אנדערע אייראָפּייאישע לענדער, זאָל איצט זיין פול מיט פאַשיזם. עס איז אינטערעסאַנט, אז אין די אַלגעמיינע וואַהלען צום רייכסטאַג אין 1913, א יאָהר פאַר דעם קריעג, האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען געוואונען א מערהייט, ווי עס ווייזען די פאָלגענדע ציפערען:

סאָציאַל־דעמאָקראַטען — — — — — — —	110	דעפּוטאַטען
צענטריסטען — — — — — — — — — — —	99	״
קאָנסערוואַטיווען — — — — — — — —	56	״
נאַצ. ליבעראַלען — — — — — — — — —	46	״
ראַדיקאַלען — — — — — — — — — —	43	״

דאָס מיינט, אז די ס. ד. האָט דאַן שוין געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויפ׳ן דייטשען פאָלק. די ס. ד. איז שוין דאַן געווען די שטאַרקסטע און גרעסטע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, פון קיין פאַשיזם האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. מען האָט נאָך אפילו ניט גע׳חלומ׳ט פון אזא זאַך, און איצט איז דייטשלאַנד פול מיט ראַסען־האַס, אנטיסעמיטיזם. די גרעסטע פּאַרטיי איז געוואָרען די פאַשיסטישע, וועלכע פּרעדיגט אַפּאַרטוניסטישען פּאַטריאָטיזם, ווי די קריסטליכע פּויפּסטען אין דעם מיטעלאַלטער.

* * *

שוין אין דעם 19־טען יאָהרהונדערט, נאָך אין מאַרקס און ענגעלס צייטען, זענען פאָרגעקומען ערנסטע שפּאַלטונגען אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. גענוג צו דערמאָנען דעם אנאַרכיזם פון פּרודאָן, באַקונין און קראָפּאָטקין. שוין דאַן האָבען זיך געשאַפען פאַרשיידענע פּראַקציעס וואָס האָבען געשטערט די אייניגקייט פון די אַרבייטער. דער אויסגאַנג פון דער מלחמה האָט אָבער נאָך מעהר צושפּליטערט די אַרבייטער וועלט, וועלכע איז צוטיילט געוואָרען אין פאַרשיידענע גרופּען. אמת, די סאָציאַליסטען פון אַלע לענדער האָבען מיט אַלע כוחות געאַרבייט ניט צו דער־לאָזען, אז דער קריג זאָל אויסברעכען, זיי האָבען אָבער פאַרשפּעטיגט. קיינער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט פריהער ניט געגלויבט, אז די גרופּע מאַגנאַטען און קאַפּיטאַליסטען וועלען האָבען מאַכט צו העצען און אַרויסרופען א קריג. און נאָכהער איז שוין דער אינטערנאַציאָנאַל ניט געווען אומשטאַנד צוריקצוהאַלטען זיינע מיטגלידער פון הרג׳ענען איינער דעם צווייטען.

די מלחמה האָט באַלד פאַרניכטעט דעם סאָציאַליסטישען ״אינטערנאַציאָנאַל״. זינט יולי, 1914, האָט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ קיין פלענאַרע זיצונג ניט געקענט רופען. מאַנכע אָנגעזעהענע סאָציאַליסטען האָבען זיך אנטזאַגט

צו קומען צוליעב פארשיידענע אורזאכען. אזוי האט דער אינטערנאציאנאל לגמרי אויפגעהערט צו פונקציאנירען. דאס איז געווען א שווערע, זעהר שווערע סיטואציע פאר'ן סאציאליזם. זייענדיג אפגעזונדערט איינער פון צווייטען דורך דער מלחמה פעריאדע, האבען זיך געשאפען באזונדערע פראקציעס, וואס האבען פארשאפט כאאס אין דער גאנצער באוועגונג.

ביז דער מלחמה, און אפילו אין דער מלחמה צייט, ווי למשל, אויף דער צימערוואלדער קאנפערענץ דעם 5־טען סעפטעמבער, 1915, האט לענין נאך אלץ גענומען א גרויסען אנטייל און איז געווען פארטראטען אויף די ס. ד. קאנפערענצען. אין יאהר 1919 איז פראקלאמירט געווארען דער קאמאינטערן (קאמ. אינטערנאציאנאל). דאס איז געווען די גרעסטע שפאלטונג און צושטערונג אין דער פארטיי דיסציפלין, און געגעבען א שטארקען קלאפ דעם ארבייטער קלאס, וואס איז געווארען אידייאיש און פראקטיש צוטיילט. אויב דער סאציאל־דעמאקראטישער לאזונג איז געווען "אנטוואפנונג", "בלוטלאזע רעוואלוציע" א. ד. גל., האבען די לינקע רעוואלוציאנערען אונטער דער פירערשאפט פון לענין און קארל ליעבקנעכט (פירער פון די דייטשע "ספארטאקיסטען" די קינפטיגע קאמוניסטען) זיך געהאלטען ביים "באוואפנונג פון פאלק", צו פארוואנדלען די נאציאנאלע קריג אין א בירגער און קלאסען קריג. אזעלכע געגענזאצען האבען געבראכט צו דעמאראליזאציע אין דער באוועגונג.

באלד נאך דער מלחמה געפינען מיר איבעראל אין דער סאציאליסטישער באוועגונג א שאוויניסטישען פליגעל. די שוואכע כמארע פון פאשיזם האט זיך אנגעהויבען באוויזען אויף דעם אייראפייאישען קאנטינענט פון דעם פריהערדיגען אלטען עקסטרעמען קאסמאפאליטיזם, איז ארויסגעוואקסען די מכלומר'שטע נאציאנאל־סאציאליסטישע באוועגונג, וואס האט געענדערט די פריהערדיגע אנגענומענעמארקסיסטישע דאקטרין, אז דער ארבייטער קלאס האט גאר ניט צו טאן מיט דעם נאציאנאליזם, אויף אזא אידעאלאגיע וואס פאדערט נאציאנאליזם פריהער פאר סאציאליזם, שאוויניזם פאר מארקסיזם, און די סאצ. דעמאקראטישע פארטייען דארפען קעמפען, ניט בלויז געגען קאפיטאליזם, נאר אויך געגען לינקיזם און רעכטיזם, געגען טעראר און דיקטאטור.

"די וועלט מלחמה", זאגט קארל קאוטסקי אין זיין בוך: "טעראריזם און קאמוניזם", "האט געמאכט דעם ארבייטער־קלאס ריקווערטס איןביידע הינזיכטען "מאראליש און אינטעלעקטועל". פאר דער מלחמה אין די פארשיידענע רעוואלוציעס, וואו, און ווען עס זאל ניט געווען פארקומען, איז יעדער סאציאלער פראטעסט און ארויסטריט פון די ארבייטער מאסען געגען דער הערשענדער ארדנונג — יעדע אקטיוויטעט פון די ארבייטער צונויף געקומען נאר דער סאציאליסטישער באוועגונג, און איז באוואוסטזיניג און דירעקט געטאן געווארען דורכאויס לטובת דעם סאציאליזם.

מעג זיין, אז די גרויסע מערהייט פון די ארבייטער מאסען — די סטיבישע ארבייטער, האבען ניט פארשטאנען דעם סאציאליזם, האט אבער די מינדערהייט,

די, וואָס האָט יאָ פאַרשטאַנען דעם סאָציאַליזם, און גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; די, וועלכע עס האָט אינטערעסירט צו וויסען, וואָס סאָציאַליזם באַדייט פאַר דעם ארבייטער קלאַס — געהאַט פאַר זיך נאָר דעם איין־איינציגען וועג — דעם מאַרקסיסטישען. און אָט דער באַוואוסטזיניגער, און דורכאויס איבערגעגעבענער, איז געווען דער "מחזיק את המרובה". ער האָט אָנגעפיהרט מיט דער סטיכישער מערהייט. ער איז געווען דער פיהרער פון די ארבייטער פאַראיינען, און פונ'ם טרייד יוניאָניזם. דורך זיין קאָנטאַקט איז געפיהרט געוואָרען די גאַנצע ארבייטער געזעלשאַפט, וואָס איז באַאיינפלוסט געוואָרען פון די הונדערט־פּראָצענטיגע איבערגעגעבענע סאָציאַליסטען. דער ארבייטער־קלאַס איז געווען ענג פאַרבונדען מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די סאָציאַליסטען האָבען סיסטעמאַטיש אָנגעפיהרט מיט די סטרייקען און די דעמאָנסטראַציעס אויב עס איז נויטיג געווען.

דער היינטיגער ארבייטער איז טאַקע פיעל מעהר באַוואוסטזיניג; דער היינטיגער ארבייטער לעזט מעהר, און איז בכלל מעהר באַקאַנט מיט די וועלט פּראָבלעמען. דער היינטיגער ארבייטער האָט אָבער צופיעל וועגען, צופיעל יוניאָנס; ער ווייסט איינפאַך ניט אין וועמען זיך אָנצוטרויען. עס פעהלט היינט די אויטאָראַטיווע מאַכט. עס דאַכט זיך איהם, אז איטליכער וויל איהם פאַרראַטען. דער היינטיגער ארבייטער איז געוואָרען א מאַטעריאַליסט אין ברייטסטען זין פון וואָרט. ער איז אין גאַנצען אויס אידעאַליסט; ער זוכט נאָר וואָס מעהר צו פאַרדינען, ווי אַזוי אויסצובעסערען זיין עקאָנאָמישע לאַגע. און פון פּאָליטיק וויל ער גאָר ניט וויסען. דער היינטיגער ארבייטער איז געוואָרען אַן אינדיווידואַליסט, ער טראַכט נאָר פאַר זיך.

דאָס צוטיילונג און צושפּאַלטונג פון די ארבייטער פאַך־פאַראיינען אין יוניאָנס פון רעכטע און לינקע, די פלוג־בלעטער און פּאַסקווילען, וואָס איינער וואַרפט אויפ'ן אַנדערען, דער אַנטאַגאָניזם צווישען די ארבייטער זעלבסט, האָט צושטערט דעם פּראָלעטאַרישען קלאַס צו קומען צו זיין ענדציל.

עס קלינגט כמעט ווי פּאַראַדאָקסאַל אָט דאָס, וואָס מיר ווילען זאָגען, אז נאָך דער וועלט־קריג, ווען די מאַסען האָבען געקראָגען דעם סאָציאַלען באַוואוסטזיין, האָט זיך גאָר דער קאַפּיטאַליזם אויפס־ניי פאַרשטאַרקט, א דאַנק דעם, וואָס עס איז היינט מעהר אנטשיידענער. דער קאַמף פון איין פּאַרטיי געגען דער צווייטער, אין סאָציאַליזם גופא, ווי דער קאַמף געגען דער בורזשואזיע. עס איז געוואָרען א פּאַרטייען קאַמף פון רעכטס און לינקס, עוואָלוציאָנערען און רעוואָלוציאָנערען. איין פּאַרטיי וויל שטירצען די צווייטע. דער ברוטאַלער האַס, האָט זיך פאַרשפּרייט אין די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט זעלבסט. יעדע פּאַרטיי קוקט אויף דער צווייטער ווי אויף איהר געפערליכסטען קאָנקורענט. אנשטאַט א געמיינזאַמער קאַמף פון גאַנצען פּראָלעטאַרישען אינטעליגענץ און ארבייטער מאַסען געגען קאַפּיטאַליסטישען רעזשים, געגען אפּאַרטוניזם און שאָוועניזם, קעמפט מען צווישען זיך זעלבסט, איינער געגען זיין אייגענעם ברודער.

דער רעזולטאט איז זעהר א טרויעריגער. אלעס געהט צום גרונט. וואס פריהערדיגע האבען אויפגעבויט, צוברעכט מען, פארניכטעט מען, און קיין בעסערס קען מען דערווייל ניט אויפשטעלען. דער רוף פון "ארבייטער פאראייניגט אייך", וואס האט אין אמאליגע צייטען געמיינט א פאראייניגונג אין קאמף געגען דער בורזשואזיע, מיינט היינט — א פאראייניגונג אין קאמף געגען אנדערע פראלעטא־רישע גרופען און פראקציעס.

מיר לעבען איצט אין א כאאטישער צייט. אלעס ציטערט און טרייסעלט. די גאנצע וועלט שטעהט אויפ'ן היסטארישען שייד־וועג. די איצטיגע ציוויליזאציע איז באנקראט. אט אין אזא מאמענט דארף זיין די אויסגעצייכענטע ארגאניזאטא־רישע קראפט, וואס זאל ארגאניזירען און פאראייניגען דעם גאנצען פראלעטאריאט. די געזעלשאפט איז א מאשין — א ווערק פון פארשטאנד, א געמיינשאפט פון נשמות, און אט די נשמות דארף דער גרויסער פסיכאלאג און מענשען־קענער, צוזאמענפאסען און קאנצענטרירען איינס צו דעם צווייטען. מען דארף האבען דעם גרויסען מעכאניקער, וועלכער זאל די אלע שרייפלאך צוזאמענשרויפען אין איין ארגאניזם. עס פעהלט אבער דער, וועלכער זאל שטעהן ביים רודער און אנפיהרען מיט דער מאשין, ער זאל קאנטראלירען דעם גאנצען ארגאניזם, אז אלעס זאל זיין פאלקאם צוזאמענגעשטעלט.

קאַפּיטעל 2

פון סאָציאַליזם צו פאַשיזם

ביים ענדע פון דער וועלט - מלחמה איז די וועלט רייכער געוואָרען מיט פיעל אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער. פון די ווערטער, וואָס זענען אזוי פּאָפּולער געוואָרען זינט דער וועלט - מלחמה, פאַרנעהמט דאָס וואָרט "פאַשיזם" דעם ערשטען פּלאַץ. דאָס וואָרט פאַשיזם איז געבוירען געוואָרען אין איטאַליע, זיין אָריגינאַליטעט שטאַמט פון פאַשיס (Fascis) וואָס מיינט א גרופּע; און ווערט אויך גענוצט אין איטאַליעניש אויף א גרופּע צווייגען וואָס זענען שטאַרק צוזאַמענגעוואַקסען געוואָרען. ווי געזאָגט, אלזאָ, איז פאַשים אַן איינפאַך וואָרט, וואָס איז גענוצט געוואָרען נאָך איידער דער מעכטיגער פאַשיזם איז געבוירען געוואָרען.

עס איז שוין אמאָל געווען אין איטאַליע א פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אויך גערופען פאַשיזם, — א סאָציאַליסטישע פויערים פּאַרטיי, געגרינדעט אין יאָהר 1893, וואָס איז זעהר שנעל פאַרשוואונדען געוואָרען, און אויך פאַרשיידענע קליינע לאָקאַלע גרופּען, מערסטענטייל רעוואָלוציאָנערע, וועלכע האָבען זיך גערופען מיט דעם דערמאָנטען נאָמען. דאָס זענען געווען אזעלכע געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע קלובען, וועלכע האָבען קיין פּאָליטישע ראָלע ניט געשפּילט.

אין יאָהר 1914 האָט מוסאָליני אָרגאַניזירט אזעלכע קליינע גרופּען, אונטער'ן נאָמען "פאַשי ד'אַזיאָנע רעוואָלוציאָנאַריא". די דאָזיגע יונגע חברה-לייט זענען באַשטאַנען פון געוועזענע סאָלדאַטען, פּאַטריאָטישע קליינבירגער, וועלכע זענען גרייט געווען צו געהן אין דער מלחמה צו פאַרהיטען די נאַציע, און געהאָלפען מוסאָליני'ן דורכפיהרען זיין פּראָגראַם פון איטאַליע'ס אנטייל נעהמען אין דער וועלט-מלחמה צוזאַמען מיט די עליים. אין יאָהר 1915 האָבען די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס פאַרמאָגט א מיטגלידערשאַפט פון ארום 5000 מענשען. די דאָזיגע ערשטע אַפּאָסטאָלען האָבען זיך פאַרשפּרייט צווישען אלע שיכטען און קלאַסען און פאַרציוויינגט אָט די נייע אידייע צווישען דעם איטאַליענישען פאָלק.

דער יונגער מוסאָליני, איינער פון די רעבעלען, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון די צוויי סאָציאַליסטישע צייטונגען, האָט געשאַפען א דיוויזיע פון העלדישע, מוטיגע יונגעלייט, וועלכע זאָלען באַקעמפען די רעגיערונג, און זיי ביסלאַכווייז, שטופּענווייז פאַרוואַנדעלט אין א פּאָליטיש - מיליטערישע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך באַוויזען ווי א פענאָמענאַן ביים איטאַליענישען פאָלק. די דאָזיגע יונגע פּאַטריאָטען האָבען איהם פיעל געהאָלפען אין זיין קאַמף געגען די קאָמוניסטען; זיי זענען ארויסגעוואַקסען אין א גרויסער קאָנטער - רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, צו באַזי-

גען די "רויטע" רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען געוואָלט שאַפען אין איטאַליע, גלייך ווי אין רוסלאַנד, א סאָציאַליסטישע רעפּובליק. אין 1919 האָט ער זיי אָרגאַניזירט אלס אַן עכט פּאָליטישע פּארטיי, וואָס זאָל ארומנעהמען אלע שיכטען פון פאָלק, און געשאַפען דעם צוזאַמענגעשטוקעוועטען פאַשיסטישען פּראָגראַם. דער דאָזיגער צוזאַמענגעטשעפּעטער פּראָגראַם, וואָס האָט גע'גנב'עט פון די פארשיידענע סאָציאַליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע פּראָגראַמען, איז גאָר געפעהלען געוואָרען די פארצווייפעלטע, פּרעספּעקטיוולאָזע מענשען, דעם קליינבירגער און א טייל פון די ארבייטער. און אָט דער נייער פּאָליטישער און סאציאַלער אנשויאונג איז אריבער די גרעניצען און באַריהמט געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט.

דער איטאַליענישער סאָציאַליזם, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך א דרייסיג יאָהריגע געשיכטע פון עקזיסטענץ, און ארייגעשריבען עטליכע אינטערעסאַנטע קאַפּיטלאַך אין דער געשיכטע פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם, איז פארניכטעט געוואָרען. דער איטאַליענישער סאָציאַליזם איז אין אָנפאַנגס ערשינען אלס "דער ארבייטער-קלאס" פּארטיי אין דעם יאָהר 1880. אין יענע כאַאָטישע יאָהרען איז עס אנטשטאַנען ווי אַן עקאָנאָמישע אַרבייטער אָרגאַניזאציע. ביז אין יאָהר 1893, ווען זיי האָבען זיך שוין אָפיציעל ערקלעהרט אלס סאָציאַליסטען, און געענדערט דעם נאָמען אויף "די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּארטיי". די איטאַליענישע סאָציאַליסטען האָבען דורך דער צייט פון זייער עקזיסטענץ געהאַט צו פארצייכענען איינינע פּאָליטישע זיגען, וואָס זיי האָבען אויסגעקעמפט פאר דעם ארבייטער-קלאַס.

מיר מוזען אָבער דאָ אויפמערקזאם מאַכען, אז דער איטאַליענישער סאָציאַליזם האָט דאָך הינטער זיך ניט געהאַט אַזאַ אינטעלעקטואלען באָדען, ווי דער סאָציאַליזם אין אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער. פּשוט דערפאַר, ווייל דער איטסאַנ. איז ניט ארויסגעוואקסען פון טעאָרעטישען באוואוסטזיין, ווי דער דייטשער סאָציאַליזם אָדער דער פראַנצויזישער סאָציאַליזם. אין איטאַליע איז דער סאָציאַליזם ארויסגעוואקסען פון די אומשטענדען, פון דער ריינער פּראַקטיק, וואָס האָט איהם געשאַפען. דער מאַרקסיזם איז אָנגענומען געוואָרען ווי א גלויבען, ווי א רעליגיע, אָבער ניט ווי אַ וויסענשאַפט. מ'האָט געגלויבט מאַרקס'ן, אָבער ניט גענוג איהם שטודירט, און דאדורך איז איהם געווען לייכטער צו באַקעמפען, ווען עס איז געקומען אַן אנדערער אויסלייזער און געבראַכט א נייע רעליגיע, וואָס איז אי סאָציאַליסטיש, און אי קאַפּיטאַליסטיש. נאַציאָנאַל, אוניווערסאל, און אויך רעוואָלוציאָנער . . . *

די וועלט-מלחמה, האָט מען אונז שטענדיג געוואָלט איינרעדען, האָט געבראַכט צו דער "פארזיכערונג פון דעמאָקראַטיע". און צוליעב דעם אליין, איז ווערט געווען צו פארלירען אזוי פיעל געפאלענע קרבנות. דער אמת איז אָבער, אז אין געוויסע לענדער, האָט זיך גאָר די רעאַקציע געשטאַרקט נאָך דער וועלט-מלחמה.

---

*זעה לואידזשי סטורצא, איטאַליע און פאשיזם ז. 80 (אין דער ענגלישער איבערזעצונג). לאָנדאָן, 1926.

איטאַליע איז דאָס ערשטע לאַנד, וואו די דעמאָקראַטיע האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען באַלד אין אָנהויב פון דער וועלט - מלחמה. און אויב עס הערשט דאָרט א דיקטאַ־טור, איז עס א רעזולטאַט פון דער וועלט - מלחמה. און מעגליך, אז ווען נישט די גרויסע קאַטאַסטראָפע, וואָלטען מיר היינט צו טאָג גאָר געהאַט א סאָציאַליסטישע איטאַליע, אנשטאַט די איצטיגע פאַשיסטישע. די מלחמה האָט געלייגט דעם גרונד־שטיין פון דער רעאַקציע אין איטאַליע.

ביים אויסברוך פון דער וועלט - מלחמה, ווען מען האָט געוואָרט אויף איטאַליע׳ס שטעלונג, האָט זיך איטאַליע געפונען אונטער׳ן דרוק פון א זעהר שווע־רען קריזיס. איהרע פינאַנסען זענען געווען רואינירט, פון איהרע חובות, פון די פריהערדיגע מלחמות, און איז נאָך ניט צוגעגרייט און רייף געווען פאַר א נייער מלחמה. אונטער די האָזיגע באַדינגונגען איז אַנטשטאַנען א געוואַלדיגער חלוקי דעות אין די איטאַליענישע פּאָליטישע קרייזען. מאַנכע האָבען געהאַלטען, אז איטאַליע דאַרף אויספאָלגען איהר פאַר-מלחמה׳דיגען ״דריי בונד״ אָפּמאַך מיט עסטרייך און דייטשלאַנד, און געהן צוזאַמען מיט די צענטראַלע מעכטע. אַנדערע האָבען פּראָ־פּאַגאַנדירט נייטראַליטעט, איטאַליע זאָל פאַרנעמען א נייטראַלע פּאָזיציע; און די לעצטע, די זיגער — אָנצושליסען זיך מיט די ״עליים״. איטאַליע איז געוואָרען צוטיילט אין פּראָ און אנטי-דייטשלאַנד. די סאָציאַליסטען און צענטריסטען האָבען אַרגומענטירט און אָנגעוויזען, אז פאַר איטאַליע איז גלייכער זי זאָל זיך האַלטען נייטראַל, וואָס זאָל אויך מיינען פּראָ - דייטשלאַנד. איידער זי זאָל אריינגעשלעפּט ווערען אין דער מלחמה. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז קאַטעגאָריש ארויסגעטראָ־טען געגען מלחמה. די פּאַטריאָטישע קליינבירגער האָבען אָבער אַרגומענטירט און אָנגעוויזען, אז אַבוואָהל איטאַליע איז סטראַטעגיש און עקאָנאָמיש זעהר שוואַך, מוז זי אריינטרעטען אין דער מלחמה געגען דייטשלאַנד, כדי צו פאַרהיטען די איטאַ־ליענישע גרעניצען. זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אז דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין פאָדערט, אז איטאַליע זאָל זיך פאַרבינדען מיט די עליים געגען דייטשלאַנד - עסט־רייך. אין יענער צייט איז פּלוצלונג דער עקסטרעמער לינקער מוסאָליני געוואָרען א הייסער אָנהענגער פון מלחמה. באַקומענדיג שטיצע פון׳ם פראַנצויזישען גענעראַל שטאַב, איז איהם אפילו באַלד געלונגען צו גרינדען אן אייגענע צייטונג, דורך וועלכער ער האָט אנטוויקעלט א ליידענשאַפטליכע אַגיטאַציע פאַר מלחמה. מוסאָליני, איינער פון די סאָציאַליסטישע פירער, איז ארויסגעקומען מיט דער מיינונג פון אינטערווענציע, כדי צו ראַטעווען די נאַציע. זייענדיג דער רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג ״אַוואַנטי״, און נאָכהער פון דער הויפּט סאָצ. אָרגאַן ״איל פּאָפּאָלאָ ד׳איטאַליע״, האָט ער געהאַט די געלעגענהייט צו אָרגאַניזירען אַזעלכע מיליטערישע גרופּען און לעגיאָנען, וועלכע האָבען שפּעטער אָנגעהויבען שפּילען א באַדייטענדע ראָלע. און אָט זיין שעדליכער ארויסטריט האָט צושפּאָל־טען די סאָצ. פּאַרטיי און צוגענומען א גרויסען טייל פון איהרע אָנהענגער.

ווי עס זאָל ניט געווען זיין, איז איטאַליע אריינגעשלעפּט געוואָרען אין דער לאַנג - פאַרצויגענער וועלט - מלחמה. די נאַציאָנאַליסטען, מאָנאַרכיסטען און סאָלד־

דאַמען האָבען געזיגט. און איטאַליע האָט זיך פארבונדען מיט די אנדערע גרויס־מעכטע געגען דייטשלאַנד. דורך דער צייט פון קריג האָט איטאַליע אבער געליטען מעהר ווי אירגענד אנדערע לענדער. צוליעב איהר שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע. די מאַסען זענען פאראַרימט געוואָרען. די נאַציאָנאַלע הלוואות זענען געשטיגען פון טאָג צו טאָג. עס האָט זיך געדאכט, אז איטאַליע געהט צום גרונט פון אונטערגאַנג. די זעלבע טעראָריסטישע עלעמענטען, וועלכע האָבען פראָפּאַגאַנדירט מלחמה, האָבען איצט ווייטער אויפגעהויבען זייער שטימע געגען די שלום אָפּמאַכען און געגען די "עליים", וועלכע האָבען פארנאַרט איטאַליע.

קיין גרויסע געווינסען — דאַרף מען וויסען — האָט איטאַליע פון דער מלחמה ניט געהאַט, טראָץ דעם, וואָס מ'האָט איהר אָנערקענט אלס די פינפטע גרויס־מעכטיגע מלוכה. דער איטאַליענישער באָדען פארנעמט א שטרעקע פון 117,982 קוואדראטנע מיילען. איהרע קאָלאָניעס אין אפריקא, אָרימע מדבריות'דיגע און זאַמדיגע. די דייטשע־אפריקאַנישע קאָלאָניעס זענען צוטיילט געוואָרען ביים וועלט־מאַילער אָפּמאָך אויפ'ן פאָלגענדען אופן: 42 פּראָצענט צו ענגלאַנד, 33 פּראָצענט צו פראנקרייך, און 25 צו בעלגיע און איטאַליע. אין דער צייט ווען איטאַליע האָט געגעבען א קאָנטריבוציע פון 5,500,000 סאָלדאַטען, פון וועלכע 632,000 זענען גע'הרג'עט געוואָרען און 2,000,000 פארוואונדעט און רואינירט געוואָרען אויף אייביג.

פון די אלע פריהערדיגע צוזאָגען איז גאָר נישט געוואָרען, חוץ די האַפּען־שטאָדט טריעסט, האָט איטאַליע אין אייראָפּע גאָר ניט באַקומען, ניט קוקענדיג אויף איהרע מיליאָנען טויטע און פארקריפּעלטע און חרוב־געוואָרענעם לאַנד, האָט מען זי אין גאַנצען אָפּגענאַרט. איטאַליע האָט כמעט גאָרנישט באַקומען ביים צוטיילען דעם רויב, ניט רעכענענדיג זיך דערמיט, וואָס איטאַליע איז אַן אגראַרע לאַנד, גע־דיכט באַפעלקערט, אָן באַדייטענדע קוואַלען פון רוי־שטאָף. און אָט אונטער אזעלכע אומשטענדען פון עקאָנאָמישען נאָך־מלחמה'דיגען חורבן, איז די פארבי־טערונג און דער צאָרן פון די פאָלקס מאַסען, געוואַקסען. צווישען די מלחמה וועטע־ראַנען, סטודענטשאַפט, דעקלאַסירטען מיטעלשטאַנד, האָבען זיך די נאַציאָנאַליס־טישע ליידענשאַפטען צופלאַקערט ווי א העליש פייער. דער באַרימטער אָנפאַל אויף פיומע איז געווען דער בולטסטער אויסדרוק פון די שטימונגען.

פיומע, וואָס איז געוואָרען אסיגנירט צו איטאַליע ביי דעם לאָנדאָן אָפּמאָך, האָט אין א פּלעביסציט, געשטימט געגען, און זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפען אונטער דער איטאַליענישער רעגיערונג. ד'אנונציאָ, איינער פון די ראָמאַנטישע פיגורען אין איטאַליע, דער נאַציאָנאַלער און פּאַטריאָטישער פּאָעט, האָט מיט א צאָל ענטוזיאַסטישע וואָלונטירען אין סעפּ., 1920, פארכאַפּט די שטאָדט. דער פּאַניק איז געווען גרויס. די יוגאָסלאַווישע רעגיערונג האָט פּראָטעסטירט. אויף דעם ראַפּאַללאָ אָפּמאַך, דעם 12־טען נאָוו., 1920, איז די שטאָדט נייטראַליזירט געוואָרען אלס א "פרייער שטאַט" און איינגעטיילט די וועגען צום אדריאַטישען ים צווישען

די יוגאָסלאַווער און איטאַליענער, ביידע זאָלען זיין צופרידען. אין 1924 האָבען די פאַשיסטען צוריק פאַרכאַפּט די גרעניץ־שטאָדט.

אין יענע טרויעריגע מאָמענטען איז געבוירען געוואָרען די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי, וואָס האָט געגוואַלדעוועט געגען דעם פּאַראַט און אומרעכט וואָס דער ווער־סאַילער אָפּמאַך איז באַגאַנגען געגען זיי. דער פאַשיזם איז אויפגעוואָקסען אויפ'ן באָדען פון'ם אַנטי־פראַנקרייך און ענגלאַנד און אויך אַנטי־ווילסאָן, וואָס האָט דערלאָזט צו אָט דער עולה.

די גיאָליטי רעגיערונג וואָס איז ערוועהלט געוואָרען אין 1913, זייענדיג אין מאַכט, אין די קריטישסטע מאָמענטען, האָט קיין צוטרוי ניט געקענט געפינען ביי די מאַסען. גיאָליטי, קריספּי'ס דיקטאַטור, האָט זיך ניט געקענט האַלטען, און זי האָט געמוזט צופאַלען. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דער ניטי רעגיערונג. פראַנצעסקאָ סאַווערי ניטטי, איז געווען דער מעהר געהאַסטער מענש ביים איטאַ־ליעניש פאָלק — א שוואַכלינג, וואָס האָט קיין פּאָזיטיוועס ניט געטאָן, און דאָס האָט געגעבען די געלעגענהייט דער אָפּאָזיציאָנעלער פּאַרטיי, דעם פאַשיזם, ער זאָל ווערען אַלע מאָל שטאַרקער, אַוועקצושטעלען א דיקטאַטאָר, וואָס זאָל היפּנאָטיזירען דאָס גאַנצע פאָלק, איטליכער זאָל אין איהם פאַנאַטיש גלויבען.

מוסאָליני האָט גאַנץ גוט געוואוסט, צו וועמען ער וועט גיכער אַפּעלירען, און וועלכער קלאַס וועט איהם נוצען. זיין אָפּאָרטוניזם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט, אין אָנהויב, זיך אָפּגעגעבען מיט אָרגאַניזירען יוגענט קלובען. די יוגענט, האָט ער פאַרשטאַנען, וועט טאָן עפּעס העלדישעס. זיי זענען מעהר אַמבי־ציעז און פּאַטריאָטיש. ער האָט באַלד געשאַפען צווישען דער יוגענט, ספּאָרט און איבונג אָפּטיילונגען אין שוואַרצע מיליטערישע אוניפאָרמען, מאַזיני'ס נאַציאָנאַלער סימבאָל. לויט דער טראַדיציע וואָס געהט אַרום צווישען די פאַשיסטען זאָלען אויך די אַלטע רוימער געווען טראָגען אַזעלכע קליידער, און מילא זענען די אוניפאָרמען, א סימבאָל פון דער אַלטער רוימישער אימפּעריע, וועלכע מען דאַרף צוריק אויפ־בויען.

די דאָזיגע נאַאיווע יוגענט האָט אָנגענומען דעם פאַשיזם אַלס א גלויבען, אַלס א נייע רעליגיע, צו וועלכער זיי זענען געוואָרען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. אַזוי אַרום, זענען זיי, ריזיג אויסגעוואַקסען, פון קליינע גרופּען פון "אַנטי־פּאַרטיי" - קלובען, ווי די פּראַזע האָט זיך אויסגעדריקט, צו א שטאַרקער אָפּאָזיצי־אָנעלער פּאַרטיי, וואָס האָט אין 1921 געוואָלט איבערנעהמען די רעגיערונג.

וועגען די יוגענטליכע אָרגאַניזאַציעס האָט מוסאָליני אין זיין רעדע פאַר דעם פאַשיסטישען הויפּט־ראַט דעם 13־טען פעברואַר, 1925 דערקלעהרט : אַז "יעדער גוטער פאַשיסט ווייסט, אַז דאָס לעבען פון דער פּאַרטיי, איהרע גרויסען זיגען און פּראָגרעסיוויטעט, האָט צו פאַרדאַנקען יענע יונגע שוואַרץ־העמדעלדיג־געקליידעטע, וועלכע האָבען, אין די ערשטע יאָהרען, זעהר טריי געדינט. די פּאַרטיי, קען אויך ניט זיין זיכער, אויב דער צוקונפט, אויב זי זאָל ניט אָרגאַניזירען די רע־

קרוטען פון פאשיזם — צו געווינען דאָס הארץ און געראנק, העגט און קאָפּ פון דער יוגענט". די יוגענט האָט גע'חלומ'ט פונ'ם אַמאָליגען רוים, וואָס האָט באַאיינפלוסט די גאַנצע וועלט מיט איהר קולטור, רעליגיע און פילאָזאָפיע; פאַנטאַזירט מיט שאַפען א נייע איטאַליע, וואָס זאָל ניט נאָר באַהערשען די וועלט מיט איהר רעליגיע, נאָר אויך מיט דער פּאָליטישער סאָציאַלער דאָקטרין. זייער חלום איז אויף אזוי פיעל מקוים געוואָרען, אז איטאַליע זאָל זיין דער פאונטען, דער וועג־ווייזער פון פאַשיזם. אין איטאַליע איז פריהער ווי ערגעץ אנדערשוואו, עקספּערעמענטירט געוואָרען די נייע טעאָריע, וואָס אַלע פּרואווען נאָכטאָן.

פאשיזם, אלס א רעזולטאַט פון נאָך דער וועלט מלחמה, איז אין אָנהויב געווען דיפיניציעלאָז. האָט ניט געקענט אָנצייגען זיין ליניע. דער פאשיזם איז געווען מעהר אקציע ווי געדאַנק, און דאריבער האָט ער לכתחילה ניט געקענט ווירקען אויף דעם אינטעלעקטועלען עלעמענט. אלס א פּראָדוקט פון קריעג, פאַרנעהמט ער זיך גאָר ניט מיט'ן דיינקען, מיט זיין טעאָרעטישען שטאַנדפּונקט, ווי מיט דער פּאָזיטיווער פּראַקטיק פון אריינציהען די מאַסען און די יוגענט. פאשיזם איז ארויסגעשפּרונגען אלס א רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, זיך באַוויזען ווי א לינקע אָפּאָזיציע, צוזאַמענגעשמאָלצען אלע פּראָגראַמען פון קלאַסען און שיכטען, נישט קוקענדיג אויף דער אנטיטעזע צווישען זיי.

מוסאליני'ס פּאָליטישער שאַנטאַזש ווייזט זיך נאָך מעהר ארוים מיט דעם, וואָס ער האָט אין יאָהר 1917, ווען סיניאָר ארלאנדא איז געווען פּרעמיער מיניסטער און געוואָלט באַנוצען זיין דיקטאַטור אויף די סאָלדאַטען און אויף דער ציווילער באַפעלקערונג, געשריבען אין זיין אָרגאַן: "מיר אנטזאָגען די דאָזיגע פאַלשע און געפערליכע מאַכט, וואָס גיט צו איינעם די גאַנצע פרייהייט . . . מיר וואָרענען געגען די סימפּטאָמען פון אָט דער קראַנקהייט, וועלכע וועט אונז שפּעטער אטאַקירען . . . "

דער אייזערנער דיקטאַטאָר, וועלכער האָט צוגענומען די גאַנצע פרייהייט פון איטאַליענישען פאָלק; וועלכער האָט גע'כשר'ט אַלע מיטלען פון שווערד און ביקס כדי צו ווערען דער זעלבסטהערשער, האָט דאַן געגוואַלדעוועט געגען דיקטאַטורע. ער האָט אויסגענוצט זיין ווילדע פּראָפּאַגאַנדע פון קריטיקירען סיי דעם קאַפּיטאַליזם און סיי דעם סאָציאַליזם, אבי צו געווינען דעם מיטעל־קלאַס און א טייל פון דעם ארבייטער און קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט וועלכע האָבען אין זיין אידייע געפונען דעם איינציגען מיטעל צו ראַטעווען די נאַציע. ביי אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין יאַנואַר 1919, ארומריידענדיג וועגען די נאָך מלחמה פּראָבלעמען, האָט מוסאליני צווישען אנדערעס געזאָגט: "אז די נייע באַוועגונג, אָבוואָהל קליין און נאָך ניט באַוואוסט, האָט איהר אולטרא דעמאָקראַטיע, און רעוואָלוציאָנערע אונטערשפּאַרונג, פון איהר געבוירענהייט. איהרע מיטגלידער זענען געקומען צו א מענש פון די רענקס פון סאָציאַליזם און סינדיקאַליזם (צו מוסאליני נ. ש.). מוסאליני האָט צוזאַמענגערופען און צוזאַמענגעשלעפּט די אַלע שיכטען אלס פּראָטעסט געגען דער אונקאָמפּעטענץ פון דער בורזשואזיע, וואָס האָט ניט געקענט געווינען קיין שלום

פון דעם זיעג, אָדער אָרגאַניזירען די אינדוסטריע אויף א נייעם און מעהר בארעכטיג־טען באַזיס. אלטע פּאָליטישע פּאַרטייען זענען געשטאָרבען און שטאַרבען. נייע מענ־שען, נייע באַוועגונגען זענען נויטיג צו באַקעמפען די אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנצען סיסטעמען . . . ״ ״פאַשיזם״ — האָט ער אין זיין דאַמאָלסטדיגער מעסיאַנישער רעדע דערקלעהרט — ״טריאומפירט און סאָציאַליזם ווערט צוקלאַפּט״.

אין די יאָהרען 1919—1920, איז שוין א דריט־חלק איטאַליע אין גאַנצען געווען ״רויט״. אריבער צוויי טויזענט פון די מעהר פאַרצווייגטע קאָמונעס זענען שוין געווען אין די קאָמוניסטישע הענט. געגען אָט די אמת׳ע רויטע, איז ערפונדען געוואָרען נייע, שפּאָגעל נייע, רויטע, וועלכע האָבען אויך פּראָפּאָגאַנדירט רעוואָלו־ציע, און קאָמפּלוסטיגקייט. זיי האָבען אויך געשריען, אז זיי קעמפען געגען קאַפּיטאַליזם און מיינען נאָר לטובת די ארבייטער. גלייכצייטיג זענען זיי אויסגע־נוצט געוואָרען אלס אן אָפּוועהר־מיטעל געגען דעם קאָמוניזם און באָלשעוויזם. צווישען די ערשטע יונגע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען אין רויטען מילאן דורך דער איניציאַטיווע פון מוסאָליני׳ן האָבען זיך געפונען א געוויסע צאָל פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען אריינגענאַרט געוואָרען.

מוסאָליני איז נאָך אין יענע יאָהרען ניט געווען דער זעלבער שפּעטערדי־גער מוסאָליני, ווען ער איז שוין אריין אין מאַכט. דאַן האָט ער נאָך געהאַלטען אין איין באַנוצען סאָציאַליסטישע פּראַזען און רעוואָלוציאָנערע קאַמפּס־לידער. זיין פּראָגראַם איז געווען אן עקסטרעם ראַדיקאַלע. ער האָט צוגעזאָגט צו שאַפען א נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרזאַמלונג; די פּראָקלאַמאַציע פון א רעפּובליק; די דעצענטראַליזאַציע פון דער עקזעקוטיווער מאַכט. דאָס ציווילע פאָלק זאָל האָבען די גאַנצע מאַכט איבער דער פּאָליציי, איבער די אָפיצערען א. א. אלעס זאָל ער־וועהלט ווערען דעמאָקראַטיש. איטליכער זאָל האָבען פרייע וואַהל־רעכט, פרייהייט פאַר׳ן דיינקער, פאַר׳ן פּובליציסט, רעדע און פּרעסע פרייהייט.

מיט אזעלכע ווילדע היפּאָקריטישע אפּילען האָט ער געווירקט אויף די מאַסען, זיי זאָלען צושטעהן צו איהם. ווי־סענדיג, אז די מאַסען האַסען די רעגיערונג, האָט ער גלייך מיט זיי געקעמפט געגען דער רעגיערונג און דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. זייענדיג א טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט, האָט ער גוט געקענט די פּסיכאָלאָגיע פונ׳ם איטאַליענישען פאָלק און געוואוסט ווי אזוי זיי צו פאַרנאַרען. אין דער צייט פון סטרייק (1920), האָט ער צוזאַמען מיט די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע ארבייטער אויסגערופען: ״די באַנען פאַר די באַן־ארבייטער! און באַשולדיגט די סאָציאַ־ליסטען און רעפּאָרמער אין ניט זיין גענוג רעוואָלוציאָנער. צו דעם פויערטום האָט ער ווייטער צוגעשריבען: ״מיר זענען פאַר דעם לאַנד פאַר׳ן פויער״, וועלכער איז בארעכטיגט צו זיין אייגענעם באָדען. די אגראַריער האָבען איהם דאַן באַטראַכט ווי א צווייטער יעזוס, וועלכער וועט אויסלייזען גאַנץ איטאַליע.

דעם שנעלען וואוקס פון פאַשיזם איז צו זעהן פון דעם, וואָס אין 1919 ביי די אלגעמיינע נאַוועמבער־וואַהלען האָבען די פאַשיסטען שוין אריינגעבראַכט 156

דעלעגאטען פון די 535 פארלאמענט דעפוטאטען, און זענען שוין אנערקענט גע־וואָרען אלס א פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פּארטיי. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען האָבען נאָך דאן געהאט 140 פארלאמענט מיטגלידער און די "פּאָפּולארי" פּארטיי 107, האָט מען שוין פאראוים געקענט זעהן דעם זיעג פון פאשיזם אין איטאַליע.

אַקטיוו זענען די פאשיסטען געוואָרען אין צייט פון סטרייק, וועו טויזענ־טער לינקע רעוואָלוציאָנערען, ארבייטער און פּויערים האָבען זיך אנגעשלאָסען אין דער מכלומר'שטער רעוואָלוציאָנערער פּארטיי, וואָס האָט צוגעזאָגט גאָלדענע גליקען. אין יענע צייטען פון סטרייקען און דעמאָנסטראציעס, ווען די ארבייטער האָבען ארויסגעשטעלט נייע פאָדערונגען פון קירצערע ארבייטס־שטונדען און גרע־סערען געהאַלט. איטאַליע איז געווען פּאראליזירט, די רעגירונג מאכטלאָז. דאָס קליינבירגערטום, דער שאָוויניסט און קאפּיטאַליסט האָבען מורא געהאט, אז אָט וועט איטאַליע נאַציאָנאַליזירט ווערען, און עס רוקט זיך ארוים זייער ווירטשאפט פון זייערע הענט, און עס ווערט געשאַפען נאָך א סאָוועטישע רעפּובליק. אָט אין יענער כאָאָטישער ווילדער צייט, אין יענעם גינסטיגען מאָמענט איז פּלוצלונג ערשי־נען א פּארטיי, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין קאמף געגען קאָמוניסטישען געפאר און ארויסגעשטעלט זייערע הויפּט פּרינציפּען צו באשיצען די פּריוואטע און נאציאָ־נאַלע פּארמעגען פון קאָמוניסטישע הענט. זיי זענען געקומען פּונקט אין דער גליק־ליכער מינוט, ווי א פענאָמענאן האָבען זיי זיך באוויזען צום איטאַליענישען פאָלק.

די ליבעראלע רעגירונג איז געווען צו שוואך צו קענען באאיינפלוסען און האָט קיין ווידערשטאנד ניט געקענט ארויסווייזען. ליבעראליזם איז אין איטאַליע שוין געווען אָפּגעשטאָרבען. קאוואור'ס און זאנארדעלי'ס ליבעראליזם האָט שוין מעהר ניט אפּעלירט. פון אלע שיכטען האָט זיך געהערט "די גאנצע מאכט צום פאשיזם!" פאר דער נייער רעליגיע האָבען זיי זיך אלע מפקיר געווען, און געקעמפט געגען די סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען. מוסאליני האָט באוואפענט און גוט אָרגאניזירט זיינע לעגיאָנען צוגרייטענדיג זיך צו זיין באריהמטען "מארש אויף רוים". און אין יוני, 1922, האָבען זיינע פופציג טויזענט סאָלדאטען פארנומען באלאגנע און אנדערע קליינע שטעדטלאך. און דער חודש אָקטאָבער פון'ם דערמאָנטען יאָהר, דער אָנהויב פון'ם מיניסטעריאלען קריזיס, האָט אָנגעוויזען אויף דעם זיעג פון די פאשיסטען צו פארכאפּען די רעגירונג.

דער מארש אויף רוים האָט זיך אָנגעהויבען אין אויבער איטאַליע דעם 24־טען אָקטאָבער, און דעם 31־טען האָט מען שוין געזעהן דעם פאשיסטישען טריאומף אין רוים. די שווארצהעמדלדיגע האָבען פארכאפּט די שטאָדט, דעם קאבינעט און די גאנצע רעגירונג. קיין שטארקען ווידערשטאנד האָבען זיי נישט באגעגנעט, אדרבה, אלע האָבען זיך באלד אונטערגעגעבען, און דער קעניג האָט אפילו באלד איינגעלאָדען מוסאליני'ן צו פארהאנדלען וועגען מלוכה ענינים. מוסאליני האָט זיך באלד אן עצה געגעבען און אריינגעשריבען אין זיין אני מאמין, אז אויך דער פאָרם פון מאָנארכיע, די אלטע נאציאָנאלע טראדיציע מוז אָפּגעהיט ווערען, אלטע זאכען

אפילו אָבערגלויבערישע, מוזען אָפּגעהיט ווערען אלס אויסדרוק פון פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַליזם. ווייסענדיג, אז א גרויסער טייל פון זיינע נאָכפאָלגער גלויבען אין קאַטוילּיציזם, האָט ער שפּעטער פּראָקלאַמירט, אז אויך די רעליגיע איז א שטיק פון נאַציאָנאַלען לעבען. נאָך אַלעמען, ברייננגט עס דאָך ניט קיין שאדען צו איטאַליע, וואָס די גאַנצע קאַטוילישע וועלט איז אָפּהייננגיג אין דעם רוימישען וואַטיקאַן. אז פון איטאַליע זאָל ארויסגעהן די רעליגיעזע "תורה" קיין פראַנקרייך, פּוילען א. א. וו. אין אָנהויב האָט מוסאַליני געוואָלט באַגרעניצען די קירכע, דעם וואַטיקאַן, מיט א מינימאַלע און קליינע מאַכט, וואָס האָט ארויסגעבראַכט פּראָטעסטען מצד די גייסט־ליכע פיהרער. אין יאָהר 1929 איז געקומען צו אַן אויסגלייך צווישען זיי, און עס איז אונטערגעשריבען געוואָרען אַן אָפּמאַך צווישען דעם פּויפּסט פּיוס דער עלפטער און מוסאַליני'ן.

לויט אַלעמענס עדות איז גענוג געווען געגען די 52,000 מאַרשירענדע פאַ־שיסטען א פאָלק סאָלדאטען, די גאַנצע ארמיי זאָל זיך צולויפען ווי מייז. די קעניג־ליכע ארמיי, און דער קעניג זעלבסט איז געשטאַנען אין א זייט און מסכים געווען מיט מוסאַליני'ן. דאָס זעלבע האָבען אויך געטאָן די איבעריגע, דאָס נאַצי־אָנאַלע מיליטער און אַלע אָרגאַנען פון דער מלוכה האָבען באַלד איינגעשטימט מיט'ן פאַשיזם. און געגען די מאַכטלאָזע סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען האָט מען אויס־גענוצט די גאַנצע ברוטאַליטעט. מען האָט געשלאָגען פון רעכטס און לינקס. באַלד אין דער ערשטער צייט איז געווען אריבער דריי טויזענט קרבנות, פון וועלכע א פערטעל איז אויסגע'הרג'עט געוואָרען און איניגע סאָציאַליסטישע פיהרער זענען דערשאָסען געוואָרען, און געפאַלען מאַרטירער. בלויז אין יענער טרויעריגער נאַכט פון 17־טען דעצעמבער, 1922, זענען דערמאָרדעט געוואָרען 22 ארבייטער קאָ־מוניסטען.

נאָך זיין מאַרש, איז מוסאַליני, דער, וועלכער איז ראַדיקאַל אין טעמפּעראַטור און קאָנסערוואַטיוו ־ נאַציאָנאַל אין דער פּראַקטיק, געוואָרען דער פּרעמיער. ביס־לאַכווייז האָט ער אָנגעהויבען באַגרעניצען די מאַכט פון פּאַרלאַמענט. אין יאָהר 1924 ווען ער האָט שוין געוואונען א מעהרהייט אין די אַלגעמיינע וואַהלען האָט ער זיך ער־קלעהרט אלס דער דיקטאַטאָר. נאָך 9 יאָהר וואַנדערען אין די טיפע ווילדערנישען. נאָך אַזעלכע גרויסע רייאָטען און בירגער־קריעג, האָט איטאַליע צוריק אויפגעכאַפּט דעם אַלטען סיסטעם, פון פּערזאָנאַלען הערשאַפט. די אַלטע אויטאָקראַטיע, וואָס שטיצט זיך אויף דער סכאָלאַסטישער פילאָזאָפיע, איז אריין אין מאַכט, די גלאָריע פון רוים, פון צעזאַר און אַנדערע זעלבסטהערשער, איז פאַרווירקליכט געוואָרען.

מוסאַליני איז אין א מזל'דיגער שעה געוואָרען דער רעגירער און הערשער איבער איטאַליע. אין א זעהר קורצער צייט איז איהם געלונגען אָפּצואווישען יעדער סימן פון דעמאָקראַטישען פּאַרלאַמענטאַריזם. מיט זיין פאַשיסטישען טעראָר, האָט ער א תל געמאַכט פון אַלע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס, און פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ער האָט פאַרבאָטען ארבייטער סאָציאַליסטישע קאָאָפּעראַטיווען, קאָנ־

פיסקירט זייערע צייטונגען, און אוועקגערויבט פון זיי דאָס פרייע וואָרט. פאשיס־טען האָבען פארכאַפט אלע סאָציאליסטישע עמטער און זיך גוט פארפעסטיגט אין לאַנד; זיי געוועלטיגען און שאפען איבער אלעס: איבער דער מלוכה, איבער דעם פארלאַמענט, געריכט און אדמיניסטראציע.

זייער מאכט האָבען זיי באקומען דורך גנבה׳ריי, רויבעריי, מערדעריי אָן משפּט. ווי א מארטירער איז געפאלען דער געניאלער, גרויסער סאָציאליסטישער פיהרער מאטעאטי, וועלכער האָט ווי אַן אומדערשראָקענער, אונערמידליכער קעמפער פאר פרייהייט, אָנגעוויזען אויף דעם פארראַט און קאָרופּציע, וואָס ווערט באַגאַנגען געגען די אינטערעסען פון פאָלק.

נאָך דעם טויט פון גרויסען מעטעאטי, אין יוני, 1924, האָבען אלע אָפּאָזיצי־אָנעלע פארטייען, פארלאָזט דעם פארלאַמענט פראָטעסטירענדיג געגען דעם אומשול־דיגען פארגאָסענעם בלוט. מאטעאטי׳ס טויט האָט ארויסגערופען גרויס שטורם און אויפרעגונג איבער׳ן גאַנצען לאַנד. דאָס האָט אָבער נאָך ערגער געמאַכט. מוסאָליני האָט אויף דעם געענטפערט מיט מעהר גרויזאמקייט. אלע פארטייען זענען אין נאָוועמבער, 1926 פארבאָטען געוואָרען, און די פרייהייט האָט דערגרייכט איהר קולמינאציאָנס־פונקט, און לגמרי פארבאָטען און בטל געוואָרען. אינ׳ם דער־מאָנטען יאָהר, האָבען מיר געהאַט צו פארצייכענען נאָך איין מארטירער, וועלכער איז ווערט דערמאָנט צו ווערען, געאוואני אמענדאָלא, איינער פון די גרעסטע אויטאָרא־טיווע פיהרער פון דער אָפּאָזיציע און אנטי־פאשיסט, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרען דעם 6־טען אפריל, אין דער עלטער פון 44 יאָהר. דאָס זענען עפּיזאָדען וואָס וועלען קיינמאָל נישט פארגעסען ווערען, דאָס אומשולדיגע בלוט קען ניט געשענקט ווערען.

אלעס איז געוואָרען פאַגראַמירט, אלע סאָציאליסטישע און פאָלקס פיהרער שמאַכטען אין די איטאליענישע תפיסות, אונטער די שרעקליכסטע באדינגונגען. די לאַפּארער אינזלען — די אינזלען פון טויט, זענען אָנגעפילט מיט סאָציאליסטען, קאָמוניסטען, גייסטיגע פיהרער, גלחים, פּראָפעסאָרען, לערער א. א., וועמעס שיקזאל איז א זעהר טרויעריגער.

קאַפּיטעל 3

וואָס האָט געפירט צום פאַשיסטישן נצחון אין איטאַליע

אין פריערדיגן קאַפּיטעל האָבן מיר שוין פיל־וויניג אָנגעוויזן אויף די אורזאַכן, וואָס האָבן געטריבן איטאַליע צום פאַשיזם. מיר גלויבן אָבער, אַז די פראַגע פאָדערט א מער גרינדליכע און אויספירבאַרע חקירה, מיט א פּאָזיטיווער און גענויער ערקלערונג וועגן דעם קאָלאָסאַלן פאַשיסטישן זיג אין איטאַליע, און וועגן איהר דעמאָקראַטישן דורכפאַל.

איטאַליע איז דאָס ערשטע לאַנד, וואו דער פאַשיזם האָט געפונען זיין נעסט; דאָרטן, פריהער איידער אנדערשוואו, האָט זיך די פאַשיסטישע דיקטאַטור גוט פאַרפעסטיגט, און שפּילט א גאַר וויכטיגע ראָלע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. איבעראַל הערט מען די לויב־געזאַנגען פאַר׳ן העלד, מוסאָליני, וועלכער האָט געראַטעוועט איטאַליע פון באַנקראָט און פון באָלשעוויזם און געמאַכט זיין ערשטען פאַשיסטישן עקספערימענט. און אויב דער פאַשיזם איז נאָך דערווייל ניט קיין אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג ווי סאָציאַליזם און קאָמוניזם, צוליעב זיין געגנערשאַפט צו אינטערנאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם, איז ער אָבער שוין געוואָרען אַן אינטערנאַציאָנאַלע ערשיינונג, וואָס חזר׳ט זיך איבער אין פאַרשיידענע פאָרמען, כמעט אין אַלע אייראָפּייאישע לענדער. איטליכער וויל נאָכטאָן איטאַליע. אמת, די פיהרער פון איטאַליענישן פאַשיזם ווייזן כסדר אָן אויף דעם ספּעציפיש נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון זייער פאַשיזם, וואָס קען ניט ווערען עקספּאָרטירט. זיי פאַרלירען אָבער ניט די האָפנונג, אַז אָט די פאַשיסטישע אידעאָלאָגיע איז, און וועט זיין, א וועלט פאַרנעם; אַז איטליכער וועט זיי נאָכטאָן. אין אייניגע פאַלען האָבן זיי שוין געפּרואווט שטיצען די פאַשיסטישע באַוועגונגען אין אייניגע לענדער. די פּראָפּאַזיציע פאַר א פאַשיסטישען אינטערנאַציאָנאַל פיגורירט אין די פאַשיסטישע קרייזען. מוסאָליני׳ס אַפּאָסטאָלען גלויבען אין זייער מיסיע צו שאַפען און פאַרווירקליכען: די וועלט־פאַשיסטישע אימפעריע אין דער נאָהענטער צוקונפט.

דער פאַשיזם, אלס אַן אַלוועלטליכע ערשיינונג, האָט כמעט די זעלבע אַלגעמיינע וואָרצלען: זיין אויסגאַנגס־פּונקט אין דעם וועלט־קריעג, די עקאָנאָמישע סאָציאַל־פּאָליטישע פאָלגען פון דער מלחמה, דאָס צופאַלען זיך פון איינגעפונדעוועטע ווירטשאַפטליכע געמיינשאַפטען דורך דער אינפלאַציע, די דעקלאַסירונג פון מיטעלשטאַנד, די קולטורעלע, מאָראַלע שפלות פון דער נאַציע, די שטייגערונג פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געשטעלט אין געפאַר די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, און דאָס צושפּליטערונג פון דעם ארבייטער־קלאַס, האָט געשאַפען דעם גינס־

טיגען באַרדען פאַר דעם וואוקס פון פאַשיזם אין אַ גאַנצע רייהע לענדער. די בורזשואזיע, זעהענדיג איהר שוואַכקייט, אַז איהר ענדע דערנעהענטערט זיך, האָט זי זיך געשטעלט אין דינסט צום פאַשיזם, אונטער וועמעס מאַסקע די רעאַקציע איז ארויסגעטראָטען אין פאָרם פון אַ מאַסען באַוועגונג.

דאָס אָבער, וואָס דער פאַשיזם האָט זיך צום ערשט אַריינגעכאַפּט קיין איטאַליע, איז טאַקע צוליעב זיין אייגענאַרטיגקייט. צוליעב ספּעציפישע טעמים, איז איטאַליע געוואָרען די היים און קרבן פון פאַשיזם. די הונדערט יאָהריגע צוריסענקייט פון איטאַליע, די הערשאַפט פון די עסטרייכער און פראַנצויזען, איבער געוויסע פּראָווינצען, אין די באַזונדערע קליינע איטאַליענישע מלוכה'לאַך; דער לאַנגדויערענדער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט, האָט ארויפגעלייגט אַ באַזונדערען שטעמפּעל אויף דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון איטאַליענישען פאָלק, וואָס האָט געפיהרט צום עקסטרעם נאַציאָנאַל-שאָוויניזם.

די נאַציאָנאַלע פאַראייניגונג פון איטאַליע איז געווען דער הויפּט-ציעל פון דער רעפּובליקאַניש-רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַזעלכע גרויסע שטאַטסלייט ווי מאַזיני, גאַריבאַלדי א. א. האָבען העלדיש געקעמפט פאַר אָט דער באַפרייאונג. עוואָלוציאָנעריש, דורך דעם פּאַוואָלינקער פּראָצעס, איז איטאַליע באַפרייט און פאַראייניגט געוואָרען אַלס אַ גאַנצע נאַציע. מאַזיני, דער גאָט פון איטאַליע, וועמעס פּראָפעטישע שטימע האָט אויפגעוועקט דאָס שוין לאַנג-איינגעשלאָפענע פאָלק. גאַריבאַלדי, וועמעס נאָמען איז פאַרצייכענט געוואָרען אין איטאַליענישען קאַלענדאַר, האָבעןביידע געקעמפט פאַר דער שאַפונג פון דער איטאַליענישער רעפּובליק.

זייער קאַמף איז קוים רעאַליזירט געוואָרען אין יאָהר 1870 אין די ראַמען פון אַ בורזשואזיער מאָנאַרכיע, וואָס האָט געוואונען די נאַציאָנאַלע פאַראייניגונג. דער ערשטער איטאַליענישער פּאַרלאַמענט איז געעפענט געוואָרען אין טורין דעם 28-טען פעברואַר, 1861.

די וועלט מלחמה, וואָס האָט פּאַראַליזירט איטאַליע, האָט פּאַראַליזירט דעם גאַנצען פּאַרלאַמענטאַריזם. די פּאָליטישע שוואַכקייט פון דער בורזשואזיע, די אַנאַרכאָ-סינדיקאַליסטישע שטימונגען צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט, און דאָס צושפּליטערטקייט פון די אַרבייטער האָט פאַראורזאַכט דעם אונטערגאַנג פון פּאַרלאַמענטאַרישען רעזשים אין איטאַליע, וואָס האָט ניט געקענט איבערהאַלטען די מלחמה-קלעפּ און די נאָכוויאַנישען פון נאָך דער מלחמה. די מאַכט איז איבערגעגאַנגען צו דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, וואָס רעגירט איבער'ן יחיד ווי איבער'ן כלל, איבער אַליץ און אַלעמען.

און וואָס איז דער וואונדער וואָס דער פאַשיזם האָט געזיגט. קומענדיג אין דער נאָך מלחמה-צייט, אין אָן אָרים און איבערבאַפעלקערטער לאַנד, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אויסזיכט פאַר איהר מאָרגען. אין אַזעלכע אומשטענדען איז זעהר לייכט געווען פאַר די פאַשיסטען, וועלכע האָבען זיך געצייגט צו זיין אין טעמפּעראַטור ראַדיקאַל, צו אַפּעלירען צו יענע פאַרצווייפעלטע מאַסען. עס איז דער פּסיכאָז פון דער צייט, די פּסיכאָלאָגישע ערשיינונג פון מאַסען, וועלכע גלויבען אין דער

פאַרגאַנגענער גלאָריע. דאָס פאָלק, וואָס האָט געגלויבט אין צוריק ברענגען די אַמאָליגע רוימישע צייטן, האָט געזעהן אין מוסאָליני׳ן דעם משיח, וועלכער וועט דאָס פאַרווירקליכען אין זיין לעבען.

די גרעסטע שטורמישע עפּאָכע אין דער וועלט געשיכטע פאַנגט זיך אָן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין 1789 ביז נאָך דער וועלט מלחמה. נאָך דער נאַפּאָלעאָנישער פּעריאָדע האָט זיך אָנגעהויבען צוויי מאַכטפולע קאָנספּיראַציעס, צוויי קאָנטראַסטען אין דער אייראָפּייאישער פּאָליטיק: נאַציאָנאַלע באַפרייאונג און דעמאָקראַטיע; נאָכהער איז עס פאַרביטען געוואָרען אויף אימפּעריאַליזם און סאָציאַליזם. מאַציני און רוסאָ זענען געווען די ערשטע צוויי פיגורען אין די צוויי דאָקטרינס.

סאָציאַליזם איז אין איהר אָנפאַנגס ערשיינען, געווען ניט מעהר ווי אַן אוטאָפּישע וויזיע פון סען־סימאָן ראָבערט אָוען און פּאוריער; דער גרויסער־גענאַלער גאון, קאַרל מאַרקס, האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון׳ם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. ער האָט געשאַפען דעם מאָדערנעם סאָציאַליסטישען געדאַנק, באַגרינדעט אויף מאַטעריאַליסטישע עקאָנאָמישע טעאָריעס. איבעראַל האָט זיך דער סאָציאַליזם פאַרשפּרייט, אומעטום האָט ער טיעף אריינגעדרונגען אין׳ם סאָציאַלען לעבען; אויף אַלע קאָנטינענטען האָט זיך פאַרצווייגט אָט די שעהנע אידייע; איבער גאַנץ אייראָפּאַ, אַזיע, אַפריקע און אַמעריקע איז געשאַפען געוואָרען גרויסע אָרגאַניזאַציעס פון דעם אַרבייטער קלאַס, און דער פּראָלעטאַריאַט האָט אָנגעהויבען שפּילען אַ באַדייטענדע ראָלע.

איטאַליע איז אין דעם הינזיכט ניט געווען קיין אויסנאַם. אויך דאָרט האָט זיך אריינגעגנב׳עט דער סאָציאַליסטישער געדאַנק. פון די ערשטע, וועלכע האָבען אריינגעבראַכט דעם סאָציאַליזם קיין איטאַליע איז געווען דער באַרימטער סאָציאַליסטישער פיהרער, דער ערשט ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער, פיליפּ טוראַטי, וועלכער האָט אויף זיין עלטערע יאָהרען, געמוזט ליידען גלות. דער מאַרקסיזם איז פאַרגעשטעלט געוואָרען אין איטאַליע אַרום דעם יאָהר 1890 פון אַ גרופּע אינטעלעקטען פון דעם מיטעל־קלאַס.

דער סאָציאַליזם אין איטאַליע האָט שוין געהאַט אַ פאַרגאַנגענהייט פון אַריבער דרייסיג יאָהר. דורך זיין עקזיסטירענדער צייט, האָט ער, ווי געוועהנליך, דורכגעמאַכט פאַרשיידענע עליות און ירידות. ס׳איז שוין געווען אַמאָל אַ צייט, ווען מען האָט געמיינט, אַז אָט, אָט, וועט איטאַליע ווערען אַ סאָציאַליסטיש לאַנד. דאָס איז געווען נאָך דער מלחמה, ווען אַלע מענשען האָבען געזעהן איהר גערעכטיגקייט אין דער "שלום" פּאָליסי, וואָס די סאָציאַליסטישע און פּאָפּולאַרי פּאַרטיי (געגריינדעט 1903) האָט פּראָפּאַגאַנדירט. דורך דער גאַנג פון דער וועלט מלחמה, איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געוואָרען טעטיג און גענומען אַ פולשטענדיגען אַקטיווען אַנטייל אויף יעדען געביט פון סאָציאַל־פּאָליטישען לעבען אין איטאַליע.

דער דורכפאַל פון סאָציאַליזם איז באַשטאַנען אין זיין צושפּליטערטקייט. דורך דער צושפּאַלטונג פון דעם אַרבייטער קלאַס איז צוויי פראַקציעס: אין סאָצי־

אַליסטען און קאָמוניסטען. שוין אין 1901 איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צוטיילט געוואָרען אין רעפאָרמיזם און רעוואָלוציאָניזם. זיי האָבען זיך אָבער אַלע געהאַלטען צוזאַמען אונטער איין קערפּערשאַפט. אין יאָהר 1918, ביי יענער היסטאָרישער פערזאַמלונג אין באָלאָגנע, איז פאָרגעקומען די גרויסע שפּאַלטונג צווישען טוראַטי און די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען זיך שפּעטער, אין יאַנואַר, 1921, אין גאַנצען אָפּגעטיילט פון די סאָציאַליסטען, און זיך אָנגעשלאָסען אין דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל פון מאָסקווע. די קאָמוניסטען האָבען זיך דאַן אָפיציעל אַנטזאָגט פון ווייטער צוזאַמענאַרבייטען מיט די רעפאָרמיסטישע סאָציאַליסטען.

נאָך שעדליכער איז געווען די צושפּאַלטונג פון די סאָציאַליסטען זעלבסט. אין 1922 זענען זיי צוטיילט געוואָרען אין צוויי עקסטרעמען: אוניטאַריער (סאָצ. דעמ.) און מאַקסימאַלער (סאָצ. רעוו.). די אַלגעמיינע אַרבייטער פעדעראַציעס האָבען לכתחילה זיך צוריקגעהאַלטען פון וועלכער עס איז פּאָליטישער שטעלונג; עס האָט אָבער ניט לאַנג גענומען, און אויך די אַרבייטער פאַראיינען, זענען אַריינגעצויגען און פאַרמישט געוואָרען אינ'ם פּאָליטישען קאַמף. מאַנכע זענען באַאיינפלוסט געוואָרען פון די סאָציאַליסטען דעמאָקראַטען. אַנדערע זענען אַריינגעטראָטען אין דער קאָמוניסטישער און רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. די אַרבייטער־קלאַס באַוועגונג איז געבויירען געוואָרען אויפ'ן פּאָליטיש־סאָציאַליסטישען באָדען, אין געגענשטאַנד צום ענגלישען טרייד־יוניאָניזם, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין אָנהויב אַלס אַן עקאָנאָמישע פּאָליטיש־נייטראַלע פּאַרטיי. און דאַריבער האָט זי זיך ניט געקענט האַלטען אויף איהרע אייגענע פיס אין צייט פון קריזיס אין איהרע רייהען.

און אָבוואָהל אין די הערבסט וואַהלען פון 1920 זענען די סאָציאַליסטען נאָך אַלץ געווען די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט, פאַרנעמענדיג 156 פּלעצער און קאָנטראָלירט אַריבער צוויי טויזענט קאָמונעס פון 25 פּראָווינצען, האָבען זיי אָבער געליטען אַזאַ מורא'דיגע ירידה, א דורכפאַל, אויף וועלכען זיי האָבען זיך גאָר ניט גערעכט. דאָס איז געווען דער דורכפאַל מיט'ן רופען דעם גענעראַלען סטרייק, ביי וועלכען זיי האָבען געהאַט א נידערלאַגע און שרעקליכען דורכפאַל, א דאַנק די קאָנפליקטען צווישען די סאָציאַליסטען זעלבסט.

דער טאָפּעלער קריזיס, דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קריזיס, איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. כאַאָס און טעראָר האָט געהערשט אין לאַנד. דער דיסאָרדער האָט זיך פאַרשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד, מען האָט אָנגעהויבען פאַרכאַפּען פאַבריקען, געשעפטען, א. א. וו. דער מיטעל־קלאַס, דער קאַפּיטאַליסט, די קליינע בורזשואַזיע און אַגראַרער האָבען זיך דערשראָקען פאַר אָט דער אַנאַרכיע. זיי האָבען געציטערט פאַר אָט דעם קאָמוניזם, וואָס איז זיי נאָך אין גאַנצען פרעמד געווען. זיי האָבען געזוכט אַן אויסוועג ווי אַזוי צו ראַטעווען איטאַליע וואָס זאָל דינען זייערע אינטערעסען. זיי האָבען זיך שוין ווייטער ניט געקענט פאַרלאָזען אויף דעם בורזשואַזישען פּאַרלאַמענטאַריזם, וואָס איז געווען אין פולען באַנקראָט.

ווי אַ פענאָמענאָן האָט זיך פלוצלונג באַוויזען דער גרויסער העלד-רעוואָלוציאָנער, מוסאָליני, און אָנגעהויבען קעמפען פאַר דער אויפלעבונג פון דער נאַציע. געוועזענע רעוואָלוציאָנערען זענען געוואָרען סטרייק-ברעכער, און מיטגעהאָלפען אַנטוויקלען די פאַשיסטישע פּאָזיטיווע דאָקטרין. די גאַנצע סטודענטשאַפט, דער מיטעל-קלאַס, געוויסע טיילען פון דעם ארבייטער-קלאַס, האָבען זיך אָנגעכאַפּט אין דער אַנטי-נאַציאָנאַלער באַוועגונג, פּרינציפּיעל געהאָלפען אָט דער נייער באַוועגונג קומען צו דער מאַכט. קליינהענדלער, הורטאָוניעס, שפּייז געוועלבלאַך, האָבען זיך אונטערגעוואָרפען אונטער די פאַשיסטישע פּרינציפּען צו שניידען די פּרייזען פון זייערע סחורות. אַלעס האָבען זיי ביליגער געמאַכט צו שטילען דעם הונגער פון דעם ארבייטסלאָזען.

לאַנד! דאָס איז געווען דער שליסעל צום איטאַליענישען וואוילזיין צו שאַפען פּראָספּעריטי אין לאַנד. דאָס אגראַרישע איטאַליע האָט זיך שטענדיג גענויטיגט אין באָדען. דאָס איז געווען די מיינונג פון די נאַציאָנאַליסטען, וועלכע זענען געווען פּראָ-קריעג, צו באַקומען וועלכע טעריטאָריע אָדער קאָלאָניע. פאַשיזם האָט איינגערעדט דעם איטאַליענישען פאָלק, אַז איטאַליע וועט פאַרנעמען דעם גאַנצען מיטעל-לאַנד און עס וועט צוריקגעשאַפען ווערען די פאַרצייטיגע לאַטיינישע ציוויליזאַציע. ד'אַנונציאָ איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט דאָס געוואָלט אָנהויבען דורכצופיהרען.

אין איטאַליע האָט עקזיסטירט אַ קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג פאַר'ן אַגראַרישען קלאַס. דער פאָטער פון אָט דער באַוועגונג, לואידזי לוצאַטי, אַ איד, וועלכער איז געווען פּרעמיער מיניסטער אין 1910, און האָט אָרגאַניזירט אַזעלכע קאָאָפּעראַטיווע בענק און אַנדערע ליי-געזעלשאַפטען. די ערשטע קאָאָפּעראַטיוו איז געעפענט געוואָרען אין יאָהר 1886. ביי דער ענדע פון דער וועלט מלחמה האָבען זיך שוין געפונען אַזעלכע געזעלשאַפטען נאָהענט צו זיבען טויזענט אַגריקולטורעלע קאָאָפּעראַטיווען. אין די כאַאָטישע יאָהרען ווען אין איטאַליע האָבען אָנגעהויבען בלאָזען בייזע ווינטען, די רעגיערונג האָט געהאַלטען ביים צופאַלען זיך, דער קריזיס איז געווען אונגעהויער גרויס, און ווי געוועהנליך, האָבען די דאָזיגע קאָאָפּעראַטיווען שטאַרק געליטען. מורא האָבענדיג פאַר דעם פאַשיסטישען טעראָר, האָבען זיי זיך געמוזט אונטערגעבען אונטער זייער קאָנטראָל. די רעגיערונג איז געווען צו שוואַך, צו העלפען זיי. דער דועל צווישען דער רעגיערונג און די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען, פון רעכטס און לינקס, איז געווען צו שאַרף, און אויך אַ פאַרצויגענער, וואָס האָט געשטערט דער אָרדנונג אין לאַנד. מורא האָבענדיג, אַז איטאַליע זאָל רעגירט ווערען פון אַנאַרכיסטען אָדער קאָמוניסטען, אויס שרעק פאַר די רויטע פאָנען פונ'ם מאָסקווער אינטערנאַציאָנאַל, אַז זיי זאָלען דאַרפען אונטערוואַרפען זיך אונטער דער סאָוועטישער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און פאַרשוועכען זייער אייגענע נאַציע, האָבען זיי געשטימט פאַר מוסאָליני'ן, וועלכער האָט געקעמפט געגען אָט די לינקע עקסטרעמען. און נאָך זיין טריאומפירענדען מאַרש, איז ער געוואָרען דער פאַקטישער פיהרער איבער די פערציג מיליאָן איטאַליענער.

פאשיזם אין אייראפא

די סאָציאַליסטישע פארטיי איז זיך ביסלאַכווייז צופאַלען. נאָך באַנימי'ס רעזיגנאַציע איז זי אין גאַנצען אָפּגעשוואַכט געוואָרען, און דער וועג פאר דעם פאשיזם איז שוין געווען אין גאַנצען אָפען. די איינציגע פּאַרטיי, וועלכע האָט נאָך געשפּילט א ראָלע איז געווען די "פּאָפּולאַר" פאַרטיי, וואָס איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען פון דעם גלח לואידזשי סטורצאָ, אין 1919, אלס א קאַטוילישע מאַסען-פּאַרטיי, וועלכע האָט פאַרמאָגט א מיטגלידערשאַפט פון אריבער א מיליאָן ארבייטער און פּויערים. דער רעזולטאַט פון די וואַהלען אין 1924 איז געווען זעהר טרויעריג. די פּאַשיסטען האָבען געוואונען א מערהייט פון 375 דעפּוטאַטען, און די געגנער ניט מעהר ווי 138, פון וועלכע 40 מיטגלידער האָבען באַלאַנגט צו דער "פּאָפּולאַר"; 29 צו די אוניטאַריער סאָציאַליסטען; 14 מאַקסימאַלער, און 19 קאָמוניסטען; 8 רעפּובליקאַנער און 25 דעמאָקראַטען. דאָס איז געווען דער סך-הכל פון די לעצטע פּאַרלאַמענט וואַהלען אין איטאַליע.

מיט דעם ענדיגט זיך די טראַגעדיע פון איטאַליענישען סאָציאַליזם, וואָס האָט ניט גוט געהיט די שאָף כדי דער וואָלף זאָל זיי ניט קענען אוועקכאַפּען. פון אָט דער ביטערער ערפאַהרונג האָבען די סאָציאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט געדאַרפט לערנען און ארויסנעמען א לעסאָן, ווי ווייט שעדליך עס איז אָט די צושפּליטערונג פון דעם ארבייטער - קלאַס. אומבאַדינגט האָבען די סאָציאַליסטען פון ביידע אינ-טערנאַציאָנאַלען, געדאַרפט זיך פאַראייניגען אין קאַמף געגען דער פינסטערער רע-אַקציע. אָנצושטריינגען אַלע כחות ניט צו דערלאָזען צו דעם זיג פון פּאַשיזם — דער פּאָליטישער שאַנטאַזש, וואָס פאַרנאַרט די מאַסען און פאַר'סמ'ט זייערע גע-דאַנקען. אַזעלכע טעותים האָבען ניט געטאָרט באַגאַנגען ווערען אין די סאָציאַליס-טישע רייהען. מען האָט פאַראויס געדאַרפט זעהן וואָס עס ערוואַרטעט דעם פּראָ-לעטאַריאַט, אויב ער וועט ניט שאַפען קיין "פאַראייניגטען פראָנט" צווישען זיך זעלבסט, צו שטעלען א ווידערשטאַנד דער פּאָליטישער דיקטאַטור.

קאפיטעל 4

די אויפטואונגען און דערגרייכונגען פונ'ם איטאליענישען פאשיזם

עס וועט זעהר נוצבאר זיין, אונטערצוציהען א סך־הכל פון דער פאשיסטישער שאפונג, אויפ'ן פאליטישען, סאציאלען און עקאנאמישען געביעט: צי איז טאקע אמת זייערע איבערטרייבונגען? צי פארווירקליכען זיי זייערע צוזאגען? און וואס איז באמת זייער ווירקליכע שאפונג? . . .

אויפ'ן פאליטישען געביט, איז דעם פאשיזם געלונגען צו צושטערען די ליבע־ראל פארלאמענטארישע מלוכה, צו פארשקלאפען גאנץ איטאליע אונטער די מילי־טעריש־פארטייאישער דיקטאטור. דער פאשיזם האט אבער אין איטאליע ניט געשאפען זיין צוגעזאגטע נייע "קאאפעראטיווע" מלוכה, וואס זאל זיין בעסער, פראגרעסיווער ווי דער פארלאמענטארישער דעמאקראטיזם. קומענדיג צו דער מאכט, האבען די שווארץ־העמדעלדיגע פאשיסטלאך, אנגעהויבען דורכפירען זייער אקציע, פארווירקליכען מוסאליני'ס סלאגאן, אז נאכדעם וואס זיי "האבען שוין געמאכט איטאליע, מוז מען מאכען איטאליענער"; גאנץ איטאליע, דער מיטעלשטאנד, דער ארבייטער, ווי דער אינטעלעקט, זאל זיין א געטרייער פאשיסט.

א גרויסע פאשיסטישע מיליציע שטעהט אויף דער וואך, א גוואלדיגע ארמיי איז געשאפען געווארען צו פארהיטען די דיקטאטור, דער מיליטערישער גייסט איז איינגעווארצעלט געווארען ביים איטאליענישען פאלק. מיליטערישע איבונגען מוז געמאכט ווערען אין אלע פאלקס און הויך שולען. באלד נאך דעם "מארש אויף רוים", האט זיך די פארטיי גענומען צו די יוגענט פראבלעמען, צו ארגאניזירען אינגלאך און מיידלאך, וועלכע זאלען ערצויגען ווערען אינ'ם פאשיסטישען גייסט און זיין טעטיג אין דער באוועגונג. קינדער פון 8 ביז 18 יאהר אלט מוזען באלאנ־גען צו דער יוגענט ארגאניזאציע "באלילא" (אויף דעם נאמען פון איטאליענישען העלד באלילא, וועלכער האט זיך אנטקעגען געשטעלט געגען עסטרייך און גענואא אין יאהר 1746) וואס נעהמט ארום איבער 1½ מיליאן קינדער. יונגעלייט פון אריבער 18 יאהר מוזען באלאנגען צו דער "דזשיאוואני פאשיסטי". יעדער איינער איז פארשקלאפט אין דער דינסט, צום פאשיסטישען דיקטאטאר, אין דער קומענדער מלחמה זאלען זיי רייף זיין; דאן וועט די גאנצע נאציע פון קליין ביז גרוים ווערען מאביליזירט; די אינדוסטריע, דער אוניווערזיטעט, די שול קינדער, אלעם וועט זיין באוואפענט.

די ביוראקראטיע ווערט שטארקער פון טאג צו טאג. אין איטאליע האט קיין ארבייטער ניט קיין רעכט צו מישען זיך און נעמען א וואסער עס איז אנטייל אין

פּאָליטיק. דער אַרבייטער האָט ניט קיין רעכט צו סטרייקען. איטליכער איז אונטערגעוואָרפען אונטער דער רעגיערונג. ניטאָ קיין טאָלעראַנץ, ניטאָ קיין פרייע איניציאַטיווע און זעלבסטשטענדיגקייט. קיינער קען קיין דעה ניט זאָגען, ער מוז גלויבען אין דעם דיקטאַטאָר, און נאָכטאָן זיינע באַפעהלען, ניט קוקענדיג אויף דעם, צי עס איז ריכטיג אָדער ניט.

דאָס צושטרענגקייט, די מורא פאַר וועלכען עס איז אויפשטאַנד, איז אָבער דער ריכטיגער סימן פון אינערליכער צופעליגקייט, פון דער ניט זיכערקייט, פון דעם גאַנצען פּרעכטיגען בנין, פון דער "קאָאָפּעראַטיווער מלוכה". נישט אַכטענדיג אויף איהר לאַנג-יאָהריגער עקזיסטענץ, איז דאָך די פאַשיסטישע דיקטאַטור נאָך ניט אין גאַנצען זיכער און פעסט. דער מוסאַליני רעזשים האָט די אומצופרידענקייט פון די געגנערס פאַרטריבען. פיעלע פון דער אָפּאָזיציע זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען און מאַנכע סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען זענען אַריינגענאַרט געוואָרען צו מאַכען זייער קאַריערע. עס איז אָבער נאָך אַלץ איבערגעבליבען אַזעלכע אַרבייטער, וואָס ווילען זיך בשום אופן ניט אונטערגעבען אונטער דעם פאַשיסטישען רעזשים, און ביי יעדער געלעגענהייט וועלען זיי צושמעטערען די בלוטיגע דיקטאַטור.

* * *

מיר וועלען איצט צוטרעטען און מאַכען אַ קורצען איבערבליק איבער די דערגרייכונגען פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור אויפ'ן עקאָנאָמישען און סאָציאַלען געביט, אין דער אינלענדישער און אויסלענדישער פּאָליטיק.

ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען, איז דער מיטעל-קלאַס געווען דער ערשטער, וועלכער איז געווען אַזוי אַקטיוו אין דער פאַשיסטישער באַוועגונג. נאַכהער זענען צוגעקומען די אַרבייטסלאָזע, וועלכע מען האָט צוגעזאָגט גאָלדענע גליקען, און פריהער פאַר אַלץ האָט מען געשטילט זייער הונגער און דורשט. די קליינע באַלעבאַטים, פאַבריקאַנטען און געשעפטסלייט, וועמעס פינאַנציעלע לאַגע איז געווען זעהר טרויעריג, האָבען דערזעהן אין דעם פאַשיזם דעם איין-איינציגען דערלייזער. די גרויסע אינדוסטריאַליסטען האָבען זיך אין אָנפאַנגס ניט געוואָלט בויגען פאַר'ן פאַשיזם, מען האָט זיי געמוזט צווינגען צו דעם. די קריזיס-יאָהרען האָבען זיי געבראַכט צו דעם אונטערגעבען זיך, קאָנטראָלירט צו ווערען פון דעם שטאַאַט. זיי האָבען שוין קיין ברירה ניט געהאַט.

די גרויסע אינדוסטריאַליסטען און פינאַנסיסטען, האָבען זיך אויך פאַרלאָזט אויף דעם אָרטאָדאָקסישען פינאַנץ מיניסטער, דע סטעפאַני, צו וועמען זיי האָבען נאָך געהאַט געניג צוטרוי. זיינע קלעגליכע רעפאָרמען זענען נאָר געווען צו פאַרקלענערען דעם בודזשעט דורך באַפרייען דעם שטאַאַט פון איייניגע פונקציעס, און איינצוזאַמלען די שטייערען באַלד פונ'ם גרויסען אינדוסטריאַליסט. אין 1926 האָט ערשט מוסאַליני אויסגעאַרבייט זיין דיפלאַציע פּראָגראַם, זיך גענומען קאָנטראָלירען יעדער גרופּע פון דער פינאַנציעלער און אינדוסטריעלען צווייגען, און אָפיציעל פּראָקלאַמירט זיין "קאָאָפּעראַטיווען שטאַאַט".

דער פאַשיזם האָט זיך פאַרמאָסטען צו שאַפען ניט נאָר א נייע פּאָליטישע סיסטעם, נאָר אויך א נייע סיסטעם פון׳ם עקאָנאָמישען לעבען — א פאַראייניגונג פון ביידע סיסטעמען, פון סאָציאַליסטישער און קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, צו שאַפען אַן אָרדנונג, וואָס זאָל זיין ניט־קאַפּיטאַליסטיש, און ניט־סאָציאַליסטיש. פון צושוואומענע פאָרמולעס, און נישט געלונגענע עקספּערימענטען איז אָבער די זאַך נישט איינגעגאַנגען, און איז געבליבען ניט אויספיהרבאַר.

לויט דער ״כאַרטיע פון ארבייט״ איז פּריוואַט אייגענטום געבליבען אומבאַרירבאַר; דער פּריוואַטער אייגענטום ווערט נאָר פּרינציפּיעל אונטערוואָרפען אונטער די העכערע אינטערעסען פון דער נאַציע. פאַשיזם אנערקענט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם. ער וויל נאָר דאָס דער קאַפּיטאַל זאָל אויך דינען די אינטערעסען פון דער נאַציע; די פּריוואַטע איניציאַטיווע, אויף דעם פעלד פון פּראָדוקציע, זאָל זיין דער נוצבאַרער אינסטרומענט פון דעם שטאַאַט. די פאַשיסטישע סיסטעם פון ווירטשאַפט איז אויך ניט קיין מלוכה׳שער קאַפּיטאַליזם אין דער פּראַקטיק. די רעגיערונג איז ניט דער באַלעבאָס פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און אויך ניט דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּראָדוקציע. די מלוכה פּרעטענדירט בלויז אויף דעם רעכט פון העכערען קאָנטראָל און רעגלאַמענטאַציע. לעצטענס האָט מען אין איטאַליע גלייך ווי אין אַלע אנדערע לענדער אָנגעהויבען פאַרשטאַרקען דער מלוכה׳ס קאַפּיטאַליסטישען טענדענץ. נאָכהער ווען די פאָלקס ווירטשאַפט איז שוין חרוב געוואָרען, ווען די סטאַביליזאַציע פון דער איטאַליענישער לירע איז געפאַלען און האָט דיסאָרגאַניזירט די גאַנצע ווירטשאַפט. די רעגיערונג האָט געוואָלט בויען איהר קאַפּיטאַליסטישען שטאַאַט אויף אָט די חורבות.

דער שטאַאַט זאָרגט פאַר דעם ארבייטער ער זאָל באַקומען זיין באַלוינונג. סטרייקען, ארבייטער דעמאָנסטראַציעס ווערען פאַרבאָטען. דער שטאַאַט טראַכט פאַר דעם, אז דער ארבייטער זאָל זיין צופרידען. דערפאַר איז דער ארבייטער פאַרקויפט צו דער נאַציע, צו דעם שטאַאַט, און מוז נאָכגעבען אַלע פאָדערונגען, וואָס דער פאַשיסטישער שטאַאַט פאָדערט: א צעהן שטונדיגען ארבייטס־טאָג, פון וועלכען דער ארבייטער קריגט נאָר זיין שכירות פון אַכט שטונדען, און פון די איבעריגע צוויי שטונדען נעהמט זיך צו די רעגיערונג. יעדער ארבייטער מוז האָבען אַן ארבייטס־קאַרטע פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי, אז ניט, קען ער ניט באַקומען קיין ארבייט. די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער קאָנפערענץ אין באָלאָגנאַ, פאָדערט פון דעם ארבייטער פאָלגענדעס:

1. דער ארבייטער זאָל זיין לאָיאַל צו דער ״פּאַטריא״.
2. יעדער ארבייטער זאָל זיין געגען אינטערנאַציאָנאַליזם.
3. אַלע ארבייטער, דער אסטראָנאָמער, אין זיין לאַבאָראַטאָריע . . . דער יוריסט, דער ארכעאָלאָג, דער ארטיסט . . . מוזען היטען זייערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און קעמפען געגען רעוואָלוציע, כדי צו שטעמפּלען דעם נאַציאָנאַליזם אויף יעדען ארבייטער דעם 21־טען אפּריל, 1927 איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אין רוים דער ארבייטער מאַניפעסט, און האָט באַשטימט דעם זעלבען טאָג — אויף וועלכען די

טראדיציע לויטעט, אז אין איהם זאָל געווען רומולוס גרינדען די גרויסע שטאָדט רוים — אלס דער "ארבייטער יום־טוב טאָג, אנשטאט דעם אינטערנאציאָנאלען ארבייטס־טאָג.

אויף דעם אגראַרישען פראָנט האָבען די פאשיסטען ארויסגעשטעלט זייער פאָרמולע: "לאַנד צו דעם וואָס באַארבייט עס". און דאַדורך האָט דאָס איטאַליענער פויערטום נאָכגעפאָלגט דעם פאַשיזם. אין איטאַליע, גלייך ווי אין מיטעלאַלטער, שפילט נאָך דער אגראַרישער קלאַס א גרויסע ראָלע. דורך דעם גאַנצען זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען איטאַליע איז געווען דער הויפּט צענטער פון דער קולטורעלער וועלט, פאר דער רענעסאנס און נאָך דער רענעסאנס, שפילען די פויערים א ראָלע אינ׳ם פּאָליטישען און סאָציאַלען לעבען. מוסאליני, אַן אָפּשטאַמונג פון פויערטום, איז געוואָרען דער גרינדער פון דער באַוועגונג, און זיך געשטעלט אין דער שפּיצע פון דער רעגיערונג.

צי זיי האָבען עפּעס דערגרייכט אויף אָט דעם געביט, צי איז אָפּגעשאַפט געוואָרען די וואָרצלען פון דעם אלטען פעאָדאַליזם, צי איז טאַקע פאַרבעסערט געוואָרען די לאַגע פון די ערד־ארבייטער, איז נאָך א גרויסע פראַגע. ווי מיר ווייסען, האָט דאָס איטאַליענישע פויערטום, גלייך ווי די ארבייטער, אָנגעהויבען פיהלען דעם קריזיס, פריהער ווי ערגעץ אנדערשוואו. אין דער אגריקולטורעלער וועלט, ווערט רעפלעקטירט דאָס עקאָנאָמישע לעבען אין איטאַליע. ביים ערשטען נאַציאָנאלען קאָנגרעס פון די פאַשיסטישע סינדיקאַליסטען, אין יוני, 1922, אין וועלכען עס האָבען דאַן רעפּרעזענטירט א מיטגלידערשאַפט פון 458,000, פון וועלכע 277,000 זענען געווען פון אגריקולטורעלע קרייזען, און אין גאנצען 72,000 פון די אינדוסטריעלע קרייזען.

אויף דעם פאָרשלאַג פון ראססאני ראקקא, איז געגרינדעט געוואָרען אַן אלגעמיינער פאשיסטישער סינדיקאט, א קאָאָפּעראציע פון דרייצען אָרגאַניזאציעס, פון אלע קלאַסען און שיכטען. אזוי ווי דער קריזיס האָט זיך נאָך אָנגעהויבען, האָט מוסאליני אָנגעהויבען איינפיהרען עקאָנאָמיע, אראָפּצודריקען דעם ארבייטס־לוין. דאָס האָבען געדאַרפט טאָן רעגיערונגס קאָמיסאַרען. פארשטענדליך, אז זיי האָבען געהאַנדעלט געגען די ארבייטער, ווי אזוי עס האָט זיך זיי פארגלוסט, און היות ווי די פאשיסטישע סינדיקאַטען זענען דאָך קאָזיאָנע, טאָר קיינער ניט פּראָטעסטירען, נאָר מען שווייגט און מען הונגערט שטילערהייט. אין איטאַליע איז פאַראַן נאָהענט צו א מיליאָן ארבייטסלאָזע. אויך דער מיטעל־קלאַס ליידט גענוג. די לאַגע פון מיטעלשטאַנד איז אויך ניט קיין בעסערע. די פאָלגען פון שווערען קריזיס, ביטערע נויט, איז דער גורל פון יעדען בירגער אין דעם פאַשיסטישען גן־עדן. מען שווייגט, מען שלינגט אלעס ארונטער, ווייל יעדער מינדעסטער פּראָטעסט קען ברייננגען צו בלוט־פארגיסונגען, יעדער ארויסטריט איז סכנת נפשות.

נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעפאנגען דער שרעקליכער וועלט־קריזיס, שוין אין די יאָהרען 1926—1927, האָט זיך אין איטאַליע אָנגעהויבען דער עקאָנאָמישער קריזיס, און די באַפעלקערונג האָט עס אָנגעהויבען פיהלען.

איטאַליע האָט כסדר דעפיציטען אין איהר רעגיערונגס־בודזשעט, און דאָס

ברייננט צו פאַלשטענדיגער דיסאָרגאַניזאַציע אין די פינאַנצען. דער דעפיציט ווערט קודם געדעקט מיט צווייפעלהאַפטע אָפּעראַציעס, וואָס ברייננען נאָכהער שאַדען צו דער איטאַליענישער מלוכה. ווען נים דער פאַשיסטישער רעזשים, וואָלט דער בודזשעט פיליכט פאַרקלענערט געוואָרען. דער גרעסטער טייל פון בודזשעט געהט פאַר דער פאָליציי און מיליטער, וואָס זאָל פאַרהיטען די דיקטאַטור מען זאָל איהר נים קענען אומוואַרפען.

אין די פינף יאָהר פונ׳ם פאַשיסטישען רעזשים פאַר׳ן קריזיס זענען די דעפיציטען געווען: אין יאָהר 1922 12,649,000,000 לירע; אין יאָהר 1923 איז שוין דער דעפיציט אַרונטער אויף 3,029,000,000; אין 1924 שוין נים מעהר ווי 418,000,000; אין 1925 — 479,000,000; און אין 1926 שוין ווייטער ארויף אויף 2,268,000,000 לירען.

פון דעם איז צו זעהן ווי ווייט פאַלש און איבערטריבען עס זענען די באַריכט־רייען פון די פאַשיסטישע אַפּאָסטאָלען, וועגען איטאַליע׳ס דערגרייכונגען נאָך דעם פאַשיסטישען עקספּערימענט.

אויך אויפ׳ן געביט פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק זענען די דערגרייכונגען פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור נים איבריג גרויס. די ״נאַציאָנאַלע אויפגאַבען״ זענען נים דערגרייכט געוואָרען. איטאַליע׳ס באַמיהונגען צו באַקומען נייע קאָלאָניעס אין אפריקא, האָבען איהר באַלד אָנגעשטויסען אין פראַנקרייך. די איטאַליענישע פאַשיסטען פיהרען אָן אַן אַקציע פון פריה־הייראַט. פון דער פאַרגרעסערונג פון פריה ורביה, כדי די באַפעלקערונג זאָל זיך שנעל צוואַוואַקסען, נים קוקענדיג דאַרויף, וואָס זיי האָבען נים וואוהין אַהינצוטאָן די איצטיגע באַפעלקערונג. איטאַליע מיט איהר טעריטאָריע, קען זיך נים ערלויבען א גרעסערע באַפעלקערונג אָן דער פאַרכאַפּונג פון וועלכער עס איז קאָלאָניע, וואָס איז געפערליך פאַר דעם וועלט שלום. אויב איטאַליע זאָל ווערען א גרעסערע מאַכט, פאַרנעהמען א גרעסערע אָפּאָזיציע אין די באַלקאַנישע לענדער, וואָס פאַר אַ שטערונג וואָלט דאָס געווען צום וועלט פרידען.

מוסאָליני באַווייזט זיך פאַר א גאון מיט זיינע ראַדיקאַלע פּלענער פון אַלגעמיינער אנטוואַפנונג. זיין דעמאַגאָגישער פאַסיפיזם איז איצט פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. טראָץ דעם, וואָס דער כאַראַקטער פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור איז אויסגעוואַקסען אויפ׳ן באָדען פון שאָוויניזם, און איז בטבע אגרעסיוו־קריגעריש, אוואַנטוריסטיש. דער זעלבער מוסאָליני וואָס הנ׳דעלט זיך איצט אזוי צו פראַנקרייך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד, האָט שוין נים איינמאָל ארויסגעוויזען זיין שנאה צו די פעלקער. ער האָט שוין אמאָל עפענטליך געזאָגט, אז ער וועט גיכער געהן קיין רוסלאַנד, מיט זיי מאַכען אָפּמאַכען, כדי זיי זאָלען איהם העלפען געגען די וועסטערען אימפעריאַליסטישע מלוכות. פראַנקרייך איז דער אביעקט, אין אַטאַקירען איהר. די איטאַליענישע נאַציאָנאַליסטען גלויבען, אז זיי האָבען מעהר רעכט אויף סיריע איידער פראַנקרייך. צו זיי געהערט די מאַכט איבער׳ן מיטעללענדישען ים, און זיי דאַרפען שפּילען די וויכטיגסטע ראָלע אין אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק.

יאָ, די פאַשיסטען קענען אפילו אָנווייזען אויף א גאַנצער רייהע דערגרייכונ־

נען פאר די לעצטע יאָהרען פון זייער עקזיסטענץ: דורכגעלייגט שאָסען, אויסגע־טריקענט זומפּען, שעהנער געמאַכט שטעדט, עלעקטריפיצירט גאַנצע געגענטען, א. ד. גל. דער סך־הכל אָבער פון זייער גאַנצען רעזשים איז א טרויעריגער. א פאַר־לאַמענטאַרישע רעגירונג וואָלט פיעל מעהר אויפגעטאָן. דיקטאַטור ווייסט ניט מעהר ווי צו היפּנאָטיזירען מענשען מיט פוסטע פראַזען. זי קען נאָר חרוב מאַכען, אָבער ניט בויען, קיין נייעס אויף די חורבות. זי האָט ניט קיין "מיראַקעל", קיין בעל מופת, וואָס זאָל קענען באַווייזען אזעלכע אומנאַטירליכע וואונדער . . .

די פאשיסטישע דיקטאַטור וועט זיך אייביג ניט האַלטען. עס מוז קומען די עקספּלאָזיע, וואָס זאָל איהר אין גאַנצען צוברעכען. די אומשטענדען, וואָס האָבען ארויסגערופען די פאשיסטישע דיקטאַטור, ענדערען זיך אונטער דער ווירקונג פון די געזעצען, פון דעם אנטוויקלונגס־פּראָצעס. עס לאָזט זיך אויך ניט גלויבען, אז דאָס איטאַליענישע פאָלק וועט זיך לאָזען אזוי לאַנג נארען, און גלויבען אין דעם פאשיזם און זיינע צוזאָגען. עס גלויבט זיך גאָר ניט, אז איטאַליע זאָל זיך האַלטען ביי דעם פאשיסטישען "פּאָליטישען טעסטאַמענט". — א פאָלק, וואָס האָט אין דער פאַרגאַנ־גענהייט ארויסגעגעבען אזעלכע פיהרער, ווי גאַריבאַלדי, מאַזיני; א פאָלק, וואָס האָט דורכגעמאַכט אזא שעהנעם רענעסאַנס, און ארויסגעגעבען אזעלכע גרויסע פּאָ־עטען און פילאָזאָפען, וועלכע האָבען אַמאָל באַהערשט די גאַנצע וועלט — זאָל זיך אין גאַנצען אונטערוואַרפען אונטער דער שרעקליכסטער טעראָריסטישער דיקטאַטור?!

די פאַרשקלאַפונג וועט ניט לאַנג אָנהאַלטען. מיר זענען טאַקע ניט קיין אַסטראָלאָגען, פאָראויסזאָגען, ווי לאַנג דער פאשיזם וועט זיך האַלטען אין איטאַליע. עס קען מעגליך זיין, אז דער פאשיזם זאָל זיך ראַציאָנאַליזירען, אָננעהמען אַנדערע טענדענצען אין זיין פּאָליטיק. מיר גלויבען אָבער ניט, אז דאָס איטאַליענישע פאָלק זאָל זיך לאָזען פאַרשקלאַפען. די אידעאַליסטישע ארבייטער, גלויבען מיר, וועלען זיך צוריק אומקעהרען צו זייערע אַמאָליגע אידעען.

אמת, די מיטגלידערשאַפט פון דער פאשיסטישער פּאַרטיי איז גענוג גרויס. חוץ די יוגענטליכע אָרגאַניזאַציעס און מיליטערישע אָפּטיילונגען איז פאַראַן איבער א מיליאָן מיטגלידער, וועלכע שטיצען די דיקטאַטור. מען דאַרף אָבער דאָך ניט פאַר־געסען, אז אין איטאַליע געפינט זיך נאָך א קאַטוילישע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי, און א קאָמוניסטישע באַוועגונג, וועלכע פיהרען א קאַמף מיט'ן פאשיזם. די רעוואָלוצי־אָנערע באַוועגונג, "פרייהייט און גערעכטיגקייט", פיהרט אַן אונטערערדישע אגיטאַ־ציע געגען דער דיקטאַטור. דורך דער קאָנצענטראַציע פון אַלע כוחות, וועט דאָך סוף־כל־סוף קומען אַן ענדע אויף דער שוואַרצער פאשיסטישער געזעלשאַפט. די צייט וועט קומען, ווען אין איטאַליע וועט הערשען די שלום'דיגע, און פּראָגרעסיווע גערעכטע דעמאָקראַטיע, לויט דער מעטאָדע פון מאָראַלע פרייהייט און עטישע געזעצען. די מעהרהייט פונ'ם איטאַליענישען פאָלק, וואָס לעכצט נאָך פרייהייט און פּריווילעגיע, וועט זיגען.

קאפיטעל 5

וועגן מוסאליני'ן זעלבסט

דער פאשיזם אין ענג פארבונדען מיט'ן נאמען פון מוסאליני. זינט דעם באריהמטען "מארש אויף רוים", איז דער נאמען בעניטא מוסאליני באריהמט געווארען אויף דער גאנצער וועלט. ער שטעהט בראש פון דעם איטאליענישען פאשיזם, ער איז דער "דוטשע", דער אומבאגרעניצטער הערשער פון איטאליע, פארנעהמט דאס וויכטיגסטע פלאץ אין איטאליענישער און אינטערנאציאנאלער פאליטיק. ער איז א "קולט", ער ווערט פון זיינע אנהענגער פארגעטערט. די איטאליענישע פאשיסטען זינגען אין זייער הימן: "מוסאליני דער באשיצער (ווי יעזוס, נ. ש.) פון אונזער פרייהייט, מיר שווערען צו דיר, דו הכבעסטער, געטליכער, ערליכסטער".

מוסאליני איז ניט נאר א פאשיסט, נאר דער גאנצער פאשיזם איז אין איהם, און ער קען מיט רעכט זאגען: פאשיזם! — דאס בין איך. פאשיזם און מוסאליני קען ניט אפגעטיילט ווערען איינס פון דאס אנדערע. און אבוואהל דער פאשיזם איז געבוירען געווארען פון דער מאסען - פסיכישער ערשיינונג, א דאנק דעם עקאנאמישען קריזיס און נאציאנאלער באליידיגונג פון נאך דער מלחמה, איז אבער דער פאשיזם אזוי פערזאניפיצירט געווארען, אזוי דעפענדענט און אפהענגיג אויף מוסאליני'ן, אז עס דאכט זיך, אז אן איהם, אן דעם "דוטשע", וואלט ער קיינמאל ניט געקענט עקזיסטירען. ווייל מען זיך גוט באקענען מיט דעם פאשיזם, איז גענוג צו באקענען זיך מיט איהר פיהרער. די פסיכאגראפיע פון מוסאליני'ן וועט אונז אויפדעקען די היסטעריקע, דעם פסיכאז און פאלשקייט פונ'ם פאשיזם כלל, און דערפאר איז עס פאר אונז זעהר אינטערעסאנט צו באקענען זיך מיט דעם בתראקטער־שטריך פון אט דעם מענש, וועלכער פיהרט אלעמען ביי דער נאז ארום, וועמעס ווארט ווערט געערט און געאכטעט.

מוסאליני איז דער "העלד פון אונזער צייט". ער באמיהט זיך נאכצומאכען די רוימישע צעזארען, וועלכע פלעגען זיך דערקלעהרען פאר געטער נאך ביים לעבען. ער האט צובראכען די וואהל־קעסטלאך, און אנגעהויבען מאכען א קאריערע פון זעלבסט־הערשריי. עס פרעגט זיך אבער, ווי אזוי האט ער זיך דערהויבען צו אזא הויכער קאריערע? איז ער טאקע דער געניע, דער גרויסער מענש, מיט'ן שארפען מוח? . . .

בעניטא מוסאליני איז געבוירען געווארען דעם 29־טען יולי, 1883, אין דעם קליינעם דערפעל "ווערא־נא דע קאסטא", ניט ווייט פון פארלי, די סטאנציע צווי־

שען באלאגנע און רימיני. אין איינער פון יענע פויערישע הייזלאך, איז געבוירען געווארען איטאליע'ס משיח, צו זיינע עלטערן, אלעקסאנדער און ראזא מאלטאני. ער איז געווען דער עלטסטער זוהן פון זייערע פיר קינדער. און ווי די לעגענדע דערצעהלט, זאל געווען אין זיין געבורטסטאג אן אלטע כשוף־מאכערין פאראוים אנזאגען די בשורה, פונ'ם קינד בעניטא, וואס וועט געבוירען ווערען א קעמפער און באשיצער פאר זיין פאלק.

זיין פאטער, אן אומגעבילדעטער מענש. אין זיינע יונגע יאהרען איז ער געווען אן אייזען־שמיד (קאוועל). נאכהער האט ער זיך געעפענט, אין יענעם דארף, א קרעטשמע — א האטעל, ווי מען רופט עס. ער איז אבער, שוין אין יענע יאהרען, געווען א סאציאליסט, אדער אן אינטערנאציאנאליסט, ווי מוסאליני זעלבסט, האט איהם כאראקטעריזירט. ער האט אויך אנגעפירט רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע, און איז א שטיקעל צייט געווען א פאליטיש־ארעסטירטער. זיין מוטער איז געווען אן אינטעליגענטע פרוי. אלס מיידעל איז זי געווען א לעהרערין אין אן עלעמענטארער שולע. זי האט איהר פראפעסיע אויך ניט אויפגעגעבען נאך איהר הייראט. זי האט זיך געעפענט א פריוואטע שולע פאר קליינע קינדער, אין איהר הויז. זי איז אויך געווען אן אלט־מאדיש טיפישע פרוי, וועלכע האט פאנאטיש געגלויבט אין יעזוס'ן און אין דער קריסטליכער רעליגיע.

מוסאליני האט ליעב געהאט זיין פאטער. ער האט אבער ליבער געהאט זיין מוטער, און איהר מעהר עהרליכער געהאלטען. ווען מוסאליני האט פארענדיגט די עלעמענטארע שול אין פרעדאפפיא, אין יאהר 1892, אין דער עלטער פון ניין יאהר, האט איהם דער פאטער, שוין געוואלט מאכען פאר א שמיד. זיין מוטער האט זיך דא ארויסגעשטעלט דערגעגען, און געוואלט איהם אוועקשיקען אין א הויך־שולע, ער זאל זיין א סטודענט און ארויסקומען א געלערנטער מענש. די מוטער האט שוין דאן אין איהם דערקענט זיין גענאליטעט, זיין גאונ'ישען קאפ, און ניט געוואלט איהם פארנאכלעסיגען. *) אין יענעם יאהר איז ער אוועק שטודירען אין דער גימנאזיום פון פאענזא, וואו ער האט באקומען א דיפלאם אלס לעהרער נאך א שטודיום פון זעקס יאהר (1898). ניט קענענדיג באקומען קיין פלאץ וואו צו לערנען אין זיין געגענד, האט ער זיך ארויסגעלאזט זוכען זיין גליק ערגעץ אנדערשוואו. ער האט באקומען א פאסטען אין א קליין פלאץ, אין עמיליא, נעבען טייך פא, וואו ער איז געווען פארנומען ניט מעהר ווי פיר שטונדען א טאג, און גענומען גוטע שכירות.

אינ'ם יאהר 1902, האט מוסאליני פארלאזט איטאליע. ווי ער זעלבסט דערצעהלט אונז אין זיין אויטאביאגראפיע, האט דאס פאהרען קיין אויסלאנד געטראגען אן איינפאכען סטודענטישען כאראקטער. די סטודענטישע אמביציע איז געווען

---

*) Mussolini and the New Italy, by Rev. Alexander Robertson, (Second Edition 1929) P. 28

(ווי מיר וועלען אבער ווייטער זעהן, מעגען מיר נאך צווייפלען אין דעם צי ער איז בכלל א געניע. נ. ש.)

צו מאַכען א טורנע איבער דער וועלט, זיך מעהר באַקענען מיט מענשען פון אנדערע לענדער, צו זעהן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, און קומען אין באַרירונג מיט נייע טיפען מענשען. ער איז געפאָהרען קיין שווייצאַריע, וואו ער האָט זיך פיעל־ווייניג געפלאָגט ווי יעדער פרעמדער, אין א פרעמד לאַנד. זייענדיג אין שווייצאַריע, האָט ער אויך באַזוכט דייטשלאַנד און פראַנקרייך, און געלערנט זייערע שפּראַכען. ער האָט זיך אויך, אין זיינע איבריגע שטונדען, געלערנט מוזיק, און איז געוועזן א גוטער פידעל־שפּילער, א וויאָלעניסט.

ראָזאַטאָ, זיין ביאָגראַפער, דערצעהלט וועגען די שוועריגקייטען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין דער פרעמד, וועגען זיינע ליידען אין דער דיאַספּאָרע, איידער ער איז דערהויבען געוואָרען צו זיין קאַריערע. זעהר אן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד ווערט דערצעהלט פון מוסאָליני'ס לעבען אין שווייצאַריע. עס האָט זיך אמאָל געטראָפען, אז ער האָט שוין ניט פאַרמאָגט קיין לירע, פאַר וועלכער ער זאָל זיך קענען קויפען עסען. ער האָט געהונגערט א גאַנצען טאָג, און געזעהן, אז ער האָט קיין אַנדער עצה ניט, ווי פּשוט ארויסצוגעהן בעטען עפּעס עסען. ער איז אריין אין א הויף און געזעהן ווי אין א צימער זענען פאַרזאַמעלט א גרופּע פון מענער, פרויען און קינדער, און פאַרברייינגען ביים נאַכט־עסען. מיט א שטילער פאַרשעמטער שטימע, איז ער צוגעטראָטען און זיך געפרעגט: "האָט איהר עפּעס ברויט פאַר א הונגעריגען?" — קיין ענטפער איז אָבער ניט געגעבען געוואָרען — "גיט מיר א שטיקעל ברויט?" ווייטער אָן אַן ענטפער. נאַכהער האָט זיך איינער דערבאַרימט און מיט א שמייכעל איהם דערלאַנגט א "קריש" ברויט, אויף וועלכען ער האָט נאָך געדאַנקט, און געענטפערט מיט א "גוטע נאַכט". אזוי זענען אוועקגעגאַנגען טעג און נעכט. ער איז געשלאָפען אונטער בריקען, געשנאָרעט עסען. נאַכהער איז ער געוועזן א פּראָסטער הויז־ארבייטער, אַן ארויסהעלפער ביי א מויערער און עהנליכעס, ביז ער איז געוואָרען א לעהרער. ער האָט אָנגעהויבען לערנען מיט קליינע קינדער אין פּריוואַטע היימען, און אָנגעהויבען שרייבען ארטיקלען פאַר סאָציאַליסטישע צייטונגען.

נאָך זיין מוטער'ס טויט, אין יאָהר 1905, האָט מוסאָליני פאַרלאָזט שווייצאַריע און זיך צוריק באַזעצט אין זיין היימאַט, איטאַליע. ער האָט דאן געהייראַט א פרוי פון זיין קלאַס, און געלעבט אַן אָרים, איינפאַכען לעבען, אלס סעקרעטאַר פון די סאָצאַליסטען־ארבייטער אין פאָרלי, און ביסלאַכווייז זיך גענומען צו דער זשורנאַליסטישער פּראָפעסיע. ניי־יאָהר טאָג, 1910, האָט ער שוין אָנגעהויבען ארויסגעבען א וועכענטליכע צייטונג "לאַ לאָטטאַ די קלאַססי" (דער קלאַסען קאַמף), פון וועלכער ער איז געוואָרען רעדאַקטאָר. דאָס איז געוועזן דער ערשטער זשורנאַל פון די פיר צייטונגען, וואָס ער האָט געגרינדעט. דורך דער צייטונג האָט ער פאַרשפּרייט זיינע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, פאַר וועלכע ער איז פאַרשיקט געוואָרען אין טורמע אויף א גאַנץ יאָהר צייט. ער האָט זיך נאַכהער דערהויבען צו א גאָר גרויסער שטופע, צו רעדאַגירען דעם 'איל פּאָפּאָלאָ", און "לי אוואַנטי" (געה פאָרווערטס), דער סאָציאַליסטישער אָרגאַן.

אין יאָהר 1912 האָט ער שוין געשפּילט א באַדייטענדע ראָלע אין די סאָציאַליסטישע קרייזען. ער איז, צום ערשטען מאָל, ערשינען אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע אידעען, אויף דעם דאַמאָלסטיגען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין באָלאָגנא. אין זיין רעפעראַט וועגען די פּאַרלאַמענטאַרישע גרופּען, האָט ער שאַרף קריטיקירט דעם רעפאָרמיזם, אפילו דעם דעמאָקראַטישען סאָציאַליזם, און געפאָדערט א מיליטערישע דיסציפּלין. פּשוט גערעדט, א פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, א "דירעקטע אקציע", וואָס זאָל צושמעטערען די בורזשואזיע. אזוי לינק-עקסטרעם געשטימט איז ער נאָך דאַן געווען.

די טונקעלע מלחמה-וואָלקענס האָבען זיך פאַרשפּרייט איבער דעם אייראָפּיאישען האָריזאָנט; די גרויסע וועלט מלחמה האָט אויסגעבראָכען אין 1914. איטאַליענישע שטאַטסלייט האָבען דיסקוטירט וועגען איטאַליען'ס שטעלונג צו דער וועלט-מלחמה. געווען אזעלכע, וועלכע האָבען דוקא געוואָלט מלחמה. צו צוברעכען דעם פאַר'מלחמה'דיגען אָפּמאַך צווישען איטאַליע, דייטשלאַנד און עסטרייך און זיך פאַראייניגען מיט די עליים; אַנדערע האָבען געוואָלט אָפּהאַלטען דעם פריהערדיגען אָפּמאַך. די סאָציאַליסטען אָבער האָבען פּראָפּאַגאַנדירט נייטראַליטעט, וואָס זאָל מיינען שלום — סיי מיט די צענטראַלע מלוכות, און סיי מיט די עליים *)

מוסאָליני האָט ניט אויסגעפאָלגט די פּאַרטיי דיסציפּלין, און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון פּראָ-קריעג, זיך אָנצושליסען מיט די פאַרבינדעטע. ער האָט אויך ענערגיש אגיטירט פאַר אינטערווענציע.ביים גרויסען קאָנגרעס פון אלע סאָציאַליסטען, אין מילאַן, האָט ער זיך, אויף אייביג געזעגענט מיט'ן סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט איהם באַזייטיגט צוליעב זיין האַנדלונג געגען דער פּאַרטיי. אין זיין לעצטער ריהרענדער רעדע, האָט ער דאַן אויסגעשריען: — "דיינקט ניט, דאָס מיט'ן אוועקנעהמען מיין מיטגליד קאַרטע, וועט איהר אוועקנעמען מיין גלויבען אין סאָציאַליזם . . . איהר דיינקט ארויסצוגעבען מיין טויטווארַנט, איהר מאַכט אָבער א גרויסען טעות..." **) אזוי אָנגעבונדען אין סאָציאַליזם איז ער נאָך דאַן געווען, און מעגליך אז די איטאַליענישע סאָציאַליסטען האָבען דאַן געמאַכט א שטיקעל טעות מיט דעם צולאָזען צו דער צושפּליטערונג פון דער פּאַרטיי. עס איז אָבער אויך גאַנץ ווייט צו גלויבען, אז דאָס זאָל געווען זיין די גאַנצע אורזאכע, וואָס האָט געפיהרט מוסאָליני'ן צום פאַשיזם. געווען אויך אַנדערע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען, פיעל עגמת נפש פאַרשאַפען דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויף דער גאַנצער וועלט. גענוג צו דערמאָנען די נעמען מילעראַן, דער ערשטער סאָציאַליסט, וועלכער האָט אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט, אָנגענומען א מיניסטאָרען אַמט אין דער בורזשואזער רעגיערונג, אין פראַנקרייך, נאָך די שטורמישע טעג פון דעם דרייפוס-פּראָצעס, און איז נאַכהער ארויסגעפאַלען

---

*) זעה קאַפּיטעל 2 ז. ז. 13-12

**) Mussolini as Revealed in his Speeches, by Barone Bernardo Quaranta di San Severino, London, 1923, p.p. 3—6

פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איז געקומען בריאַן, דער רעוואָלוציאָנער, אַזוי ווי ער האָט זיך נאָר באַזעצט אויף דער מיניסטאָרען באַנק, האָט ער שוין געוואָלט ראַטעווען זיין נאַציע. און וואָס איז געוואָרען מיט רעמזי מעקדאָנאַלד, פון די ענגלישע לייבאָריסטען?

מוסאָליני'ן האָט מען באמת, קיינמאָל ניט געהאַלטען פאַר דעם ערליכען סאָציאַליסט. נאָך אין יאָהר 1912, האָט געאָרגעס סאָרעל, דער באַשאַפער פון דער סינדיקאַטישער טעאָריע, דערקלעהרט אז "אונזער מוסאָליני איז נישט קיין אָרדי־נאַרער סאָציאַליסט. גלויבט מיר אָדער נישט, איהר וועט איהם זעהן אין א געוויסען טאָג אין דער שפּיצע פון א באַטאַליאָנישער אָפּטיילונג, סאַלוטירענדיג מיט דער שווערד און מיט דער איטאַליענישער פאָן. ער איז דער איטאַליענער פון'ם פופ־צענטען יאָהרהונדערט".

מוסאָליני האָט דאַן אָנגעהויבען ארויסגעבען זיין "איל פּאָפּאָלאָ ד' איטאַליאַ", וואָס איז ערשינען טעגליך, און געהאַלטען אין איין קריטיקירען די רעגירונג און די אינטערנאַציאָנאַליסטען. ער איז ארומגעפאָהרען אגיטירען וועגען דער נויט־ווענדיגקייט פון א פאַרבינדונג מיט די דריי גרויס־מעכטע: ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד. אין זיינע רעדעס דערמאָנט ער נאָך סאָציאַליסטישע פראַזען, און מאַרקס'עס אידעען. ער קריטיקירט אָבער די אינטערנאַציאָנאַלע "אילוזיעס" און אַפּילירט פאַר דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. מוסאָליני האָט אויך דאַן אויסגע־נוצט פאַרשיידענע דעמאַגאָגיע. אז אויך די דייטשע סאָציאַליסטען ערקלעהרען זיך פריהער פאַר "דייטשען" און נאָכהער אלס "סאָציאַליסטען". אזוי ארום האָט ער געשאַפען די יוגענטליכע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבען איהם ענטוזי־אסטיש געהאָלפען אויסשרייען "לאַנג לעבען איטאַליע!"

דער מיליטערישער קעניג, וויקטאָר עמאַנועל דער דריטער, מיט זיין גאַנצען מיליטערישען סטעף, האָבען געשטימט פאַר מלחמה, און געהאָלפען מוסאָליני'ן אין זיין אַקציע. דער קעניג האָט געצוואונגען דעם גאַנצען מיניסטאָרען קאַבינעט, מיט'ן פּרעמיער גיאָליטי בראש, צו רעזיגנירען, און אויף זייער פּלאַץ א נייעם קאַבינעט רעפאָרמירט, מיט סאַלאַנדראַ בראש. דעם 24טען מאַי, 1915, איז ערקלעהרט גע־וואָרען מלחמה געגען עסטרייך - דייטשלאַנד. מוסאָליני, דער מיליטאַריסט, האָט באַלד פאַרלאָזט זיין רעדאַקציע־אַמט און איז ארויס אויף'ן פראָנט, אינ'ם עלפטען רעגימענט, ווי א פשוט'ער סאָלדאַט. אינ'ם קריעג איז ער אייניגע מאָל פאַרוואונדעט געוואָרען, און איז אמאָל, גאַנץ ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרען, און איז אריינגענו־מען געוואָרען אין אן ענגלישען שפּיטאָל. ליגענדיג אין שפּיטאָל, האָט איהם דער קעניג באַזוכט, און ווי מאַנכע דערצעהלען, זאָל ער געווען נביאות זאָגען, אויף דעם שלאָפען סאָלדאַט, אז ער וועט אמאָל מאַכען "זיין וועג אין דער וועלט". פאַר־שיידענע לעגענדעס זענען פאַרשפּרייט, צווישען זיינע נאָכפאָלגער, וועגען זיין לעבען אלס סאָלדאַט. זיי זענען אָבער מערסטענס, איבערטריבענע, און אויך אוננוצבאַרע, פאַר אונזער צוועק.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט (1918), האָט זיך מוסאָליני אומגעקעהרט

צו זיין אמט אלס רעדאקטאר פון זיין צייטונג. ער איז אָבער שוין דאַן געווען א גאַר אנדערער מענש. ער האָט שוין עפענטליך קריטיקירט דעם סאָציאליזם, באשימפט די סאָציאליסטישע פיהרער, און אָנגעהויבען חלומ'ן וועגען א נייער פאראייניגטער איטאַליע, איבער וועלכער ער זאָל זיין דער "דוטשע", דער איינציגער פיהרער. זייענדיג א גוטער, ענערגישער רעדנער, מיט א הייסען טעמפעראמענט, האָט ער געקענט באאיינפלוסען די פארצווייפעלטע מאסען פון נאָך דער מלחמה, מיט זיינע קלינגענדע נאַציאָנאלע פראַזען. ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען וועגען דער אידעאַ-ליזאציע פון ארבייט, וועגען פארגרעסערען די פראָדוקציע, און וועגען פאשיסטישע סינדיקאַטען. "דאָס ערשטע" — פלעגט ער, אלע מאָל ווידערהאָלען — "איז די נאַציע". אלץ דארף מען טאָן פאר דער רעטונג פון דער נאַציע. ניטאָ קיין ארביי-טער, ניטאָ קיין בורזשואזיע, אוים קלאסען-קאמף, אלע דארפען זיין פאראייניגט כדי צו ראטעווען די נאַציע, וואָס איז דער עיקר. ער האָט פארטוישט די פראָ-לעטארישע רעוואָלוציע אויף דער נאַציאָנאלער רעוואָלוציע, און מיט דעם האָט ער טאַקע אויסגענומען ביי זיינע שאָוויניסטישע צושויער, וועלכע האָבען פלוצלונג דערזעהן פאר זיך א ניי-געבוירענעם משיח.

מיר וועלען זיך דאָ ערלויבען צו ציטירען איניגע שורות פון זיין רעדע אין מילאַן דעם 22-טען יולי, 1919, וואו ער באשמוצט און באזידעלט די סאָציאליסטען און ערקלעהרט דעם פאשיסטישען פראָגראם. "עס קען זיין טויזענט חלוקי-דעות פון אידעען ארום אונז, אָבער מיט איין הויפט-פונקט, שטימען מיר אלע איין, דאָס דער סאָציאליסטישער מאניפעסט איז א ליגען און א קאָמעדיע . . . די סאָצ. פארטיי האָט אוזורפירט דעם נאָמען פון זיין א ריינע רעוואָלוציאָנערע פארטיי — דער פראָטעקטאָר און רעפרעזענטיוו פון די ארבייטער מאסען. דאָס איז אָבער נאָך גאָרנישט. לויט דער סטאטיסטיק, זענען פאראַן קוים זעכציג טויזענט סאָציאליס-טיש-געשטימטע, פון די 42 מיליאָן איטאַליענער . . . די סאָצ. פארטיי איז איין זאַך, און די אָרגאניזירטע ארבייטער מאסען — אַן אַנדערע זאַך. און די ניט-אָרגאניזירטע מאסען, גאָר א דריטע זאַך, וועלכע זענען זיבען מאָל גרעסער פון די איבעריגע . . . *

מוסאליני האָט זיך געשטיצט, ווי מיר זעהען, אויף דעם קליינבירגערליכען איטאַליענישען קלאס, וועמען ער האָט געקענט ארייננכאפען אין זיין נעץ. דאָס האָט נאָכהער געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער איטאַליענישער פאָליטיק, ווען דער מיטעלקלאס איז אָרגאניזירט געוואָרען. צו זיי האָט געקענט אפעלירען דער פא-שיסטישער פאַטריאָטיזם. ער האָט זיי אויפגעוועקט צו קאמפסלוסטיגקייט, צו קוראזש און מלחמה, ווי גאבריעלע ד'אנונציא, וואָס האָט איינגעשטעלט און מקריב געווען זיין לעבען, כדי צו פארגרעסערען איטאַליע, מיט דער שטאָדט פיומע. ער האָט זיי איינגערעדט וועגען דער ניט גערעכטיגקייט פון די שלום-אָפּמאַכען, און איבערהויפט קריטיקירט דעם ראפאללא-אָפּמאַך, וואָס האָט אוועקגענומען פיומע

* זעה זיינע דערמאָנטע "רעפעראטען" ז. ז. 92 - 102.

און דאלמאטיע, וואס זיי האבען עס גערעבענט פאר זייער איטאליענישער טעריטאר־ריע. מוסאליני האט אפטמאל איבערגע'חזר'ט דאס העלדישקייט פון ד' אנונציא, פארגלייכענדיג איהם אפילו צו גאריבאלדי.

מוסאליני האט אויך דאן אנגעשטריינגט אלע זיינע כוחות אין קאמף געגען די באלשעוויקעס, וועלכע זענען דאן אקטיוו געווען אין זייער רעוואלוציאנערער אר־בייט. די באלשעוויקעס, האט ער אנגערופען, "די אינערליכע שונאים", וועלכע מען דארף נאך מעהר באקעמפען, ווי די אויסערליכע שונאים.

מוסאליני איז אבער ניט, און האט ניט בעדארפט זיין, דער געניע. ער איז אן אייגענארטיגע ערשיינונג פון אונזער צייט. דאס געוועהר פון דער סטיכיע, א מזל'דיגער אוואנטיוריסט, וועמען עס איז געלונגען אויסצונוצען די געלעגענהייט: די אנטוישונג פון די מאסען, פון דער אינטעליגענץ און מיטעלשטאנד, ביי וועמען עס האט זיך געהאט צופלאקערט די נאציאנאליסטישע ליידענשאפטען פון נאך דער מלחמה, און אויך אויסגענוצט די געלעגענהייט צו קאמבינירען און אויסנוצען די רעוואלוציאנערען סינדיקאליסטישע שטימונגען פון די ארבייטער, געגען דעם רע־פארמיזם פון די סאציאליסטישע פיהרער. ווי ער אליין גלויבט און גיט עס צו, אז אויב ער זאל נאר איינמאל דורכפאלען, וועט ער שוין אזעלכעס ניט קענען נאכ־אמאל אין זיין לעבען, באוויזען דורכצופיהרען. עס וועט שוין ניט זיין אזא גינסטיגע צייט, ווי דאמאלסט, נאך דער מלחמה. איינמאל איז איהם געלונגען צו פארקויפען די ארבייטער, אבער ניט שטענדיג קען מען עס באווייזען; איינמאל האט ער געוואונען דעם מיטעל־קלאס אין זיין קאמף געגען רעכטס און לינקס, אבער ניט אלע מאל וועט עס איהם גערא‌טען. דאן איז ער געווען דאס געוועהר פון דער גרויס־בורזשואזיע אין זייער קאמף מיט די סאציאליסטען און קאמוניסטען די שוואכע איטאליענישע בורזשואזיע, וואס האט אליין ניט געקענט בייקומען דעם מעכטיגען סאציאליזם פון נאך דער מלחמה, האט ממש געהאלפען דעם פאשיזם, ער זאל קומען אין מאכט.

אויך די מאנארכיע האט איהם פיעל געהאלפען, ווייל דער פאשיזם האט אגיטירט און פראפאגאנדירט אנצוהאלטען די מאנארכיע, צו היטען די אלטע טראַ־דיציעס, וואס איז נויטיג פאר דער פאראייניגונג פון איטאליע.

אזוי ארום, האט ער געהאט די מעגליכקייט צו באוואפענען די יונגע פא־שיסטלאך און זיי ארגאניזירען אויף דעם בארימטען "מארש", וואס האט זיך אנגע־הויבען דעם 28־טען אקטאבער, 1922, און צו דער זעלבער צייט פראקלאמירט די "נאציאנאלע רעוואלוציע". פון אלע זייטען האבען זיך געהערט די קולות פון "לאנג לעבען איטאליע!" "לאנג לעבען זאל דער פאשיזם!" זייער סלאגאן איז געווארען: "רוים אדער טויט". ווי איניגע גיבען איבער זאל מוסאליני, נאך פריהער, פאר זיין מארש, געווען מאכען אן אפמאך מיט'ן רעגיערונגס מיליטער, וואס האט גע־האלפען באפעסטיגען זיין רעוואלוציע. דער קעניג האט זיך בעראטען מיט מוסא־ליני'ן. די רעגיערונג מיט פרעמיער פאקטא, האט געמוזט רעזיגנירען, און מוסאליני האט איבערגענומען די מאכט.

אויף דעם 1־טען נאוועמבער איז מוסאליני, אין עלטער פון 39 יאהר, געווארען דער אפיציעלער פרעמיער, און פאקטישער דיקטאטאר איבער איטאליע. דער פעהיגער זשורנאליסט, וועלכער האט שטענדיג ליבער געהאט אקציע, טאטען, איידער הקירות; מעשים איידער טעאריעס, איז געווארען דער מוסטער, דער "רבי" פון דיקטאטארען, וועמען אלע באמיהען זיך נאכצומאכען. דער בעל מופת האט שוין אנגעהויבען באווייזען זיינע מופתים, אבער פריהער פאר אלץ געזיכערט זיין שטול, קיינער זאל זי נישט קענען אוועקנעמען פון איהם. גלייך ווי אלע אנדערע מיליטערישע העלדען, גלויבט ער אויך אינ'ם "רעכט פונ'ם שטארקען", און צווינגט יעדען איינעם אויסצופאלגען זיינע באפעהלען, און דערשטיקט די פרייהייט אין איטאליע.

ארייננקומענדיג אין מאכט, האט ער אין זיין ערשטער רעדע אין פארלאמענט *) געגעבען די התראה, צו די דעפוטאטען, און צווישען אנדערעס געזאגט: — "מיט דריי הונדערט טויזענט מענשען (?) יונגע, באוואפענטע מענשען, גרייט אויסצופאלגען מיינע באפעהלען, האב איך געקענט צוקלאפען, און פארניכטען די אלע, וועלכע האבען זיך אנטקעגען געשטעלט דעם פאשיזם. איך האב אפילו געקענט צוברעכען דעם גאנצען פארלאמענט . . . איך האב עס אבער נישט געטאן. איך האב אזוי נישט געוואלט האנדלען . . . איך האב פארמירט א קאאליציע רעגיערונג, און פארלאנג די שטיצע פון די אלע, וועלכע ווילען ראטעווען איטאליע פון אונטערגאנג". ער האט אויף זיך גענומען די פאראנטווארטליכקייט פונ'ם פאשיסטישען טעראר, און דורכאויס פארלאנגט איטליכער זאל זיך בויגען פאר זיין דיסציפלין.

אט אזוי זעהען מיר דעם מוסאליני, דער פיהרער פון זיינע סאדיסטישע תלמידים, וועלכער ווערט צוטיילט אין צווייטע טיילען. די צוטיילונג ליניע ליגט אין דער וועלט מלחמה. פאר דעם וועלט־קריעג, איז ער געווען אן עקסטרעם סאציאליסטישער רעוואלוציאנער; די מלחמה האט איהם שוין געמאכט פאר א נייעם מענש, מיט אלטע בארבארישע מעשים. אין זיין יוגענט, ווען ער האט זיך געפונען אין א סאציאליסטישער אטמאספערע, האט ער גע'חלומ'ט וועגען פרייהייט, גלייכהייט אוניווערסאלע ברידערליכקייט, אז אלע מענשען פון דער גאנצער וועלט זאלען לעבען צופרידען; אויף זיינע עלטערע יאהרען, האט ער דאס אויסגענוצט, נאר פאר דער נאציאנאלער באפרייאונג, אז נאר זיין נאציע דארף לעבען צופרידען. פון רעוואלוציאנערען סינדיקאליזם, איז ער איבערגעגאנגען צום רעאקציאנערען פאשיזם. פונ'ם רעוואלוציאנערען סאציאליזם — צו דעם גרעסטען שאוויניסטישען קאנסערוואטיזם, מיט אימפעריאליסטישע טענדענצען. פון זיין פאטער האט ער גע'ירש'ענט דאס רעוואלוציאנערישקייט פון סאציאליזם. זיין פאטער'ס איינפלוס האט אויף איהם געווירקט, אז אין זיין יוגענט זאל ער כאטש זוכען יושר און גערעכטיגקייט. זיין מוטער אבער, די קאנסערוואטיווע און פאנאטיש־גלויביגע קריסטין, האט אויף איהם ארויפגעלייגט דעם שטעמפעל פון מיסטישע אילוזיעס, אויף וועלכע

*) זעה זיינע "רעפעראטען", ז. ז. 207 - 218.

ער האָט געחלומ׳ט, צו ווערען א משה, אן אלעקסאנדער, א נאַפּאָלעאָן, און פֿאַר־וואָס נישט א צווייטער יעזוס? און אָט דאָס וויל מוסאַליני פֿאַרווירקליכען, אָט יענעם חלום, וואָס אלע ״בינטלאך״ זאָלען זיך בוקען צו זיין ״בונטל״ — יוסף׳ס חלום פון — ״והנה תסבינה אלמותיכם ותשתחוין לאלמתי״. א זיסער חלום, א שעהנע קאריערע, אויף וועלכער יעדער בשר־ודם האָפט צו דערגרייכען. דער איינ־פאַכסטער פון דעם איינפאַכסטען וויל באַהערשען דעם צווייטען. דאָס איז דער פרימיטיוו־נאַאיווער באַגריף פון רעגירען איבער׳ן שוואַכערען, געוועלטיגען איבער׳ן קלענערען, און פאַרשקלאַפען דעם הילפלאָזען.

קאפיטעל 6

די טעאָריע פון פאשיזם — דער ווייטער מהלך צווישן דער פאשיסטישער טעאָריע און איהר פראקטיקע

די פאשיסטישע געפאהר ווערט אַלץ נעהענטער און גרעסער. דער פאשיזם וואקסט פון טאָג צו טאָג. און האָט זיך שוין באַלד פארשפרייט איבער מעהר ווי א העלפט פון אייראפע; דאָס, וואָס האָט נאָך נעכטען אויסגעזעהן ווי א ווייטע מעגליכקייט, ווערט שוין היינט א גאנץ נאָהענטע ווארשיינליכקייט.

און אז מיר האַלטען שוין אזוי נאָהענט ביי דער געפאהר, פרעגט זיך דאָך: אין וואָס באשטעהט די געפאהר? צי האָט טאקע דער פאשיזם א וועלכע עס איז אידעאָלאָגיע? איז עס טאקע א מאסען פסיכאָז? און פארוואָס האָבען מענשען אזוי שטארק אָנגעהויבען גלויבען אין דעם פאשיזם?

ווי מיר וועלען אָבער באַלד זעהן, איז די פאשיסטישע אידעאָלאָגיע ניט מעהר ווי א קאָמבינאציע פון נאציאָנאַלע און סאָציאַלע דעמאגאָגיע. זיין שטרע־בונג איז צו שאפען א מיליטערישע, פראַלעטאַרישע אָרגאניזאציע, וואָס זאָל זיין א "מלוכה אין א מלוכה". צו פארכאפען דעם מלוכה אפאראט און איינשטעלען אַן אומבאגרעניצטע פארטייאישע דיקטאטור. ווי מיר וועלען עס ברייטער ארומ־רעדען, איז פאשיזם א צוזאַמענמישונג פון צוויי סיסטעמען, א פאראייניגונג פון סאָציאַליזם און קאפיטאַליזם. א סינטעזע פון ביידע מעטאָדען. פאשיזם איז ראַדיקאַל אין טעמפעראטור, אָבער קאָנסערוואטיוו אין דער פראקטיק. ער איז ראַדיקאַל, אין וועלען מאָדערניזירען די עקאָנאָמישע סיסטעם; אָבער נאָך אַלץ גאנץ ווייט פון וועלען סאָציאַליזירען די ווירטשאפט און קאפיטאַל.

פאשיזם איז ניט מעהר ווי א מאזאאיק פון אַלטע געזעצען, פון מיטעל־אַלטערליכע דאָגמעס און סינדיקאַליסטישע ברעקלאך — דאָס איז די "אידעאָלאָ־גיע" פון קריגערישען פאשיזם. פון דער נעגאטיווער זייט קען מען אויך צושרייבען צום פאשיזם, אז ער האַסט דעם אינטערנאציאָנאַליזם, און איז דער ביטערסטער שונא פון דעמאָקראטיזם, ליבעראַליזם און פארלאַמענטאַריזם. פאשיזם שטעלט ארויס זיינע "געצעהלטע" מענשען פאר די "משיחים", וועלכע זאָלען ברענגען די ישועה פאר דער נאציע; וואָס זאָלען ראטעווען די אָרימע, פארבלאָנדזשעטע מענשהייט פון כאאָס און פארצווייפלונג. די אויסלייזער דארפען זיין די, צו וועמען עס זאָל זיין "ונהרו אליו כל הגוים". און זיי זאָלען עס זיין אויך די, וואָס זאָלען קענען

לייזען אלע שווערסטע פּראָבלעמען . . . אין דער טעאָריע פון פאַשיזם איז אויך פאַראַן די אידעע פון נאַציאָנאַלער איינציגקייט, ראַסען איינציגקייט, פון וועלכע מיר וועלען נאָך אַרומרעדען אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך. און אויך דאָס האָבען זיי צוגע׳לקח׳ענט פון פריהערדיגע, אַנדערע דענקער, אַמאָליגע ווילדע אַנטי־סעמיטען.

דער פאַשיזם — ווי מיר האָבען באַטאָנט — באַשטעהט פון דעם מיטעל־קלאַס, וואָס פאַרנעהמט דעם פּלאַץ צווישען דער אַרבייטערשאַפט, און דער רייכערער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, און פון אַ היבשער טייל פון דער אינטעליגענציע. — ראָס זענען די קלאַסען, וועלכע שטעהען צווישען די צוויי מילשטיינער: גרויס־בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט. די עקאָנאָמישע צורודערונג פון דער צייט, אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס האָט געפיהרט אַ צו דעם וועלט־קריעג, אי צו דעם וועלט־קריזיס, האָט זיך אויף די קלאַסען אָפּגערופען אַ סך שווערליכער, איידער אויף דעם גרויס־קאַפּיטאַל. און דערצו איז נאָך צוגעקומען דער שאָוויניזם, וואָס זוכט צו ראַטעווען די נאַציע.

דער מורא׳דיגער וועלט קריזיס, וואָס האָט אונטערגעגראָבען דעם וואויל־שטאַנד פון הונדערטער, מיליאָנען מענשען; וואָס האָט צוטרייסעלט אַלע יסודות פון דער וועלט ווירטשאַפט און אַרויסגערופען אַ ביישפּיללאָזע אַרבייטסלאָזיגקייט, האָט געבראַכט דערצו, אַז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, די בורזשואַזיע זאָל ווערען קריטיקירט, ניט נאָר פון די סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען — זייערע היסטאָרישע פיינט, נאָר אפילו פון גרופּען, און שטרעמונגען, פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. מענשען פאַרלירען, אַלץ מעהרער, דעם גלויבען אין דער שעפּפערישער קראַפט פון דעם קאַפּיטאַליזם. און זוכען נייע מעטאָדען, ווי אַזוי איבערצובויען, און רעאָרגאַניזירען די פּאָלקס און וועלט ווירטשאַפט. מען האָט אָנגעהויבען, פון אַלע זייטען, באַשולדיגען די דעמאָקראַטיע, דעם פּאַרלאַמענטאַריזם הלמאי זיי זענען אונפעהיג צו לייזען אָט די שאַרפע פּראָבלעמען. מען קריטיקירט די דעמאָקראַטיע, מען ווייזט אָן, אַז אָט די שעהנע לאָזונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, זענען געבליבען נאָר שעהנע ווערטער, אַ בלויזע פאָרמולע, וואָס איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרען. די אַלטע קאַפּיטאַליס־טישע וועלט געהט צום גרונט, און מיט איהר געהען אונטער אַלע אָפּגעלעבטע, סאָציאַל־פּאָליטישע באַגריפען. אַ נייער גייסט מוז אַריינגעאָטעמט ווערען אין דער גאַנצער פאַרוואַלטונגס־סיסטעם.

און אָט דאָ הויבען זיך אָן די נביאות וועגען דעם אינהאַלט פון דעם מערק־ווירדיגען נייעם גייסט וואָס דאַרף ראַטעווען די וועלט פון טראַגישען אונטערגאַנג. עס שטעהט אויף דער פאַשיזם — דער פאַרביסענסטער שונא פון יעדער פרייהייט, און פון יעדער זעלבסטפאַרוואַלטונג, און לייקענט אָפּ אי דעמאָקראַטיע, אי פּאַר־לאַמענטאַריזם.

מוסאָליני ווערט דער משיח, וועלכער גלויבט, אַז אין אַלטע געטין זאָל איהם געוועזען זאַלבען, ער זאָל זיין דער אויסלייזער פון איטאַליע. ער כשר׳ט שוין אַלע

מעטאָדען פון פארניכטונגען: הרג'ענען אלע זיינע געגנער, פאַרברענען, צושטע־רען אלע אנטי־פאשיסטישע אינסטיטוציעס, צו פארגוואלטיגען די מענשליכע נשמה אויף אלערליי שוידערליכע אופנים. און היטלער געהט שוין נאָך ווייטער. ער האָט אויפגעוועקט אלע בייזע כוחות פון מיטעלאלטער. מען שלאָגט פון רעכטס און לינקס. מען הרג'עט אוים צעהנדליגער, הונדערטער מענשען אין גאס. מיט זיין גאַנצען וואנדאליזם, אָרגאניזירט ער פּאָגראָמען אויף אידען, א. ד. גל. עס איז פשוט א געפאהר, אז אויב די בייזע, שווארצע כוחות פון סאָציאלער און גייסטיגער רעאקציע זאָלען זיך מעהר פארפעסטיגען, וועט די ציוויליזירטע וועלט זיך צו־ריק אומקעהרען צום מיטעלאלטערליכען בארבאריזם.

פון די פאשיסטישע פראַצעסען קוועלט ארוים די ליידענשאפטליכע נייגונג, צו דער אידעע פון א דיקטאטור, פון א באוואוסטזיניגער און אקטיווער מינדער־הייט, וועלכע איז ניט נאָר אומאָפּהיינגיג פון די מאסען, נאָר רעגירט איבער זיי. די פראזע: "וואָס מיר ווילען, איז א מוסאליני", איז פארשפרייט איבער דער גאַנ־צער וועלט. מוסאליני איז שוין ניט דער בלויזער מיטע פון איטאליע, נאָר די מיטע פון גאַנץ אייראָפּע. די פאשיסטישע טעאָרעטיקער שטעלען ארוים דריי הויפּט פּרינציפּען, אויף וועלכע די פאשיסטישע פילאָזאָפיע, (אויב אזעלכעס איז פאראַן) איז געבויט: 1) איינינקייט פון דער נאציע, געגען קלאסען קאמף; 2) שטאָט; 3) דאָס אַנערקענען, אז ניט איטליכער מענש זאָל האָבען די זעלבע רעכט. די העכערע קלאסען, די גרויסע אינטעלעקטועלען, ווי זיי רופען עס, מוזען האָבען די פאלקאָמע רעכט צו שאפען איבער די נידריגע, וואולגארע קלאסען. *) אָבער אין דעם ליגט די שוועריגקייט. אויב איין מענש האָט מעהר רעכט צו שאפען ווי דער צווייטער, איז דאָס שוין אוים איינינקייט פון דער נאציע, און אוים שטאָט. אלץ ווארפט זיך אונטער דער נאציע — מיט א קליינער באַמערקונג: אויב די נאציע ווארפט זיך אונטער דער פארטיי, וועלכע דארף זיך ווידער אונטערווארפען דער "דוטשע". אָט האָבען מיר א נייע אויסגאבע פון'ם בארימטען מאָנארכיסטישען פּזמון, פון לודוויג דעם 14־טען: "די מלוכה — דאָס בין איך".

די טריניטי פון איטאַליענישען פאשיזם איז: די נאציע, דער שטאָט און די הייליגע קאטוילישע קירכע. אין אנדערע ווערטער: דער קעניג, דער פּרעמיער און דער פּויפּסט. דער קאָפּ פון דער נאציע איז קעניג עמאנועל דער דריטער. דער קאָפּ פון דעם שטאָט איז בעניטא מוסאליני. דער קאָפּ פון דער רעליגיע איז פּיוס דער עלפטער, דער פּויפּסט פון רוימישען וואטיקאן. דער איטאַליענישער פאשיזם וויל איינפיהרען די אַלטע אויטאָקראטיע פון'ם אמאָליגען רוים. ער וויל שאפען א פאראייניגטע מלוכה, א רעליגיע פון פאזיטיוויזם און טראדיציעס. דער גאַנצער פּראָ־רענעסאנס און וועלט אנשויאונג פון'ם איטאַליענישען פאשיזם איז געבויט אויף דעם אלטען רוימישען געדאנק, צוגעפּאסט און מאָדערניזירט צו דער איצטי־גער ציוויליזאציע.

---
*) Milford W. Howard: Fascism and Its Philosophy, p. 53

פרעזידענט וואודראָ ווילסאָן, דער הויך גנעניאַלער מענש פון די פאַראייניגטע שטאַטען אין אַמעריקאַ, האָט געלערנט, אַז די וועלט מלחמה האָט אויסגעקעמפט דעמאָקראַטיע, צו פאַרווירקליכען די אַלטע חלומות פון גלייכהייט, און אוניווערסאַלען שלום. דער אמת איז, אַז די וועלט־מלחמה האָט געשאַפען דעם באָדען פאַר דער דיקטאַטור. די וועלט זאָל זוכען אַן אויטאָריטעט. די מענשהייט זאָל זיך אויסקלייבען פון די צווי אַלטע גריכישע סיסטעמען פון רעגיערונגען, "אַרכיע" — (מאָנאַרכיע די הערשאַפט פון איין מענש און אָבליגאַרכיע — פון עטליכע מענשען) און "קראַטעריע" — די הערשאַפט פון דעם אינדיווידואום אין זיין גענעראַציע, וואָס שטעהט העכער פון אַלע זיינע מיטמענשען — דאָס לעצטע, וואָס מיינט דיקטאַטור אינ'ם בוכשטעבליכען זין פון וואָרט.

דער שווערער פּראָבלעם, וואָס באַשטעהט אין דעם, וואָס מיר האָבען "צופיעל", ווייל די אַנטוויקלונג פון דער מאַשינעריי, טעכניק, און שנעלע פּראָדוקציע מעטאָדען, האָבען פאַרפלייצט די וועלט מיט כלערליי פּראָדוקטען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען דער פּראָבלעם פון פאַרטיילונגס אַפּאַראַט. דער ברייטער עולם, זאָל קענען פאַרברויכען די פּראָדוקציע; און דאָס האָט אַרויסגערופען די טענדענצען פון איבערגעבען זיך צו אַ זעלבסטהערשער, וועלכער זאָל האָבען די מאַכט צו קאָנטראָלירען דעם גאַנצען סיסטעם פון דער ווירטשאַפט. עס איז אַנטשטאַנען דער פאַשיסטישער פענאָמענאָן וואָס וויל אָנהאַלטען די אָרדנונג, די דיסציפּלין פון דער גאַנצער מענשהייט. צו וואָס מ'שטיינס געזאָגט, מיר האָבען זיך דערוואַרט, אַז פאַרברעכערישע מעטאָדען, גוואַלדטאַטען, ברוטאַליטעט זאָל אָנגערופען ווערען אָרדנונג. עס איז דער געפערליכסטער גייסטיגער קריזיס וואָס איז אויסגעוואַקסען אויפ'ן באָדען פון קאַפּיטאַליסטישען קריזיס.

דער פּלאַנלאָזיגקייט פון דעמאָקראַטישען קאַפּיטאַליזם האָט סטיכיש געפיהרט דערצו, אַז דער קאַפּיטאַליזם זאָל מאַכען אַן איבערגאַנגס־צייט, און זיך עטוואָס סאָציאַליזירען. דאָס שטרעבען פון קאַפּיטאַליזם גופא, איז געוואָרען — מעהר פּלאַנמעסיג דורכצופיהרען די פאַרטיילונג פון דער געזעלשאַפטליכער הכנסה, צווישען די פאַרשיידענע קלאַסען, און אויך איינצוגרעניצען די פּראָפיט חשבונות פון אַ קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעהמונג, מעהר איינצושנורעווען די זעלבסטשטענדיגקייט פון דעם באַלעבאָס. און כמעט אין אַלע לענדער, אָהן אויסנאַם, האָט זיך אָנגעהויבען אַנטוויקלען אָט די אידעע פון שטאַט־קאַפּיטאַליזם, דאָס שטרעבען פון דער שטאַטליכער מאַכט צו האָבען אין אַלץ אַ גרעסערע דעה אין דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס, די צונויפפלעכטונג פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע חשבונות אונטער איין קאָנצענטראַציע.

דער מיטעלשטאַנד, וואָס איז פיינדליך געשטימט, סיי צו דעם "מאַרקסיסטישען" פּראָלעטאַריאַט, וואָס פאַר'משפט זיי צום אונטערגאַנג, און וויל אַלעם אינטערנאַציאָנאַליזירען, און סיי צו דעם גרויס־קאַפּיטאַליזם, וואָס פאַראורזאַכט אַזעלכע גרויסע וועלט־קריזיסען, האָבען אַרויסגעבראַכט דעם ניי־אַלטען פאַשיסטישען אידעאַל, פון אַן אַלמעכטיגען שטאַט, וואָס זאָל קאָנטראָלירען דעם גאַנצען

עקאנאמישען פראצעס פון דער געזעלשאפט, און פארזיכערען יעדען קלאס זיין עקזיס־טענץ. זיי האבען געשאפען אט דעם פאשיזם אלס א מיטעל־פונקט פון דיביידע עקסטרעמען, וואס זאל פאראייניגען סאציאליזם מיט קאפיטאליזם. מען זאל אין גאנצען ניט אפשאפען דעם קאפיטאליזם, מען זאל איהם נאר א היבש ביסעל באַ־גרעניצען, אנשטאט דעם ביז איצטיגען אינדיווידועלען און דעמאקראטישען קאפי־טאליזם, זאל מען שאפען א שטאטליכען דיקטאטארישען קאפיטאליזם — דער עקאנאמישער אויפבוי פון אלע קלאסען זאל קאנטראלירט ווערען פונ׳ם שטאט. דער שטאט זאל זיך אינטערעסירען אין די עקאנאמישע פראגען, ווי ער אינטערעסירט זיך אין פאליטישע און מיליטערישע פראגען.

לויט דער פאשיסטישער טעאריע, קומט דעם קאפיטאליסט א געוויסער פראצענט פאר זיינע אינוועסטמענטען, דאס איבעריגע פארדינסט געהערט אבער צו דעם ארבייטער און צום שטאט. כדי דאס אויסצופיהרען אין דער פראקטיק, האט דער פאשיזם אוועקגעשטעלט זיין הויפט עקאנאמישע, סטרוקטיווע פראגראם: דעצענטראליזאציע, אויפצובויען דעם אויטאראטיווען און נאציאנאל־פאראייניגטען שטאט, וואס זאל זיין אן "עטישער" שטאט וואס באשטעהט פון דריי פרינציפען. ערשטענס, איהרע מענשען, אלס אינדיווידועלע סאציאלע חיות, זאלען האבען א קאאפעראטיווען שטאט, אין וועלכען זיי זאלען זיך געפינען בארעכטיגט, לויט׳ן אויטאראטיווען דיסציפלין; צווייטענס, דאס אלע גרופען פון דער נאציע זאלען ווערען פאררעכענט אלס נאטירליכע פענאמענאנען, און דארפען באקומען די רעכט פון נאטירליכען סאציאלאגישען לעבען; און דריטענס, דאס די אלע הומאנישע באשעפענישען מוזען זיך אונטערווארפען אונטער די מאראלישע און עטישע געזעצען פון דער שטאטליכער רעליגיע, און פון איהר שטאטליכען פיהרער . . .

דער פאשיזם וואלט אפשר גאר ניט געקענט אויסוואקסען צו אזעלכע גרויסע מאסען, און טריאומפירען מיט אזעלכע געוואלדיגע זיגען, ווען ער וואלט ניט געשטיצט געווארען פון דער קאפיטאליסטישער וועלט. דער קאפיטאליסטישער קלאס פאר־שטעהט גאנץ גוט די לאגע, אז ער וועט זיך מוזען אונטערגעבען אונטער די מאסען. די קאפיטאליסטישע מעהר בעסערע און קלוגערע טעארעטיקער, האבען שוין לאנג איינגעזעהן, אז די אלטע אינדיווידואליסטישע מעטאדען פון דער קאפיטאליסטישער באלעבאטישקייט, מיט דער אומבאגרעניצטער "פרייע קאנקורענציע", וועט פיהרען צו דעם גאנצען באנקראט, פון דער גאנצער סיסטעם. און אויב מען וויל ראטעווען דעם קאפיטאליזם, ער זאל ניט דערטרונקען ווערען אין דעם בלוטיגען מבול פון רעוואלוציע — מען זאל ניט קומען אין א גרויסען און שרעקליכען צוזאמענשטויס — מוז מען איבערבויען די קאפיטאליסטישע סיסטעם אויף גאנץ נייע יסודות.

די קאפיטאליסטישע טעארעטיקער האבען אנגעהויבען זוכען מיטלען ווי אזוי אפצושאפען די אנארכיע אין דער איצטיגער פראדוקציע; דורכצופיהרען די שטרייע־סטע פלאנמעסיגקייט, כדי די פראדוקציע זאל ניט איבערשטייגען די באדערפענישען פון מארק. און דעם בעסטען מיטעל האבען זיי געפונען אין דעם פאשיזם, וואס וויל פארצוימען און באגרעניצען די פראדוקציע, לויט די באדערפנישען. פרייוויליג

— ווייסען זיי — קען דאָס ניט דורכגעפיהרט ווערען, צוליעב דעם אנטאַגאָניזם און קאָנקורענציע, וואָס הערשט צווישען דער בורזשואזיע זעלבסט.

דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס גיט זיך דאַריבער אונטער דער דיקטאַטורע, מאַכט שלום מיט מוסאליני'ן און היטלער'ן, אויסצונוצען די געלעגענהייט ווייטער צו פאַרלייגגערען זייער עקזיסטענץ. די קאַפּיטאַליסטען געפינען אין דעם נאַציאָנאַל - געשטימטען שטאַט א סאָלידען באַזיס פאַר זייערע אינטערעסען. איצט וועלען זיי זיך שוין שטיצען אויף די פאָלקס מאַסען, וועלכע ווילען ראַטעווען די נאַציע, און די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט, וואָס נעהמט אריין אויך דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס דינט געטריי צו דער נאַציע, צו דעם שטאַט און דיקטאַטור. די קאַפּיטאַליסטען, הייסט עס, שיינקען אוועק זייער פּאָליטישע מאַכט, כדי צו ראַטעווען זייער עקאָנאָמיש-פינאַנציעלע מאַכט.

* * *

פאַשיזם איז רעאַקציע, ניט מעהר ווי א ראָמאַנטישער אויסדרוק פון קאַפּיטאַליזם, וואָס וויל פאַרנאַרען, סיי דעם ארבייטער קלאַס, סיי דעם מיטעל-שטאַנד. די שוואַכע בורזשואזיע האָט געפונען אָן אויסוועג צו לייזען איהר שווערע פּראָבלעם, ניט צו דערלאָזען צו איהר ענדע, און קאַפּיטולאַציע. פאַשיזם שוואַכט אָפּ די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע בייט פּראָלעטאַריאַט דורך זיין נייעם געדאַנק, וואָס אידעאַליזירט, ראָמאַנטיזירט די אנטוויקלונגס - געזעצען פון דער איבערגאַנגס - צייט פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם. פאַראייביגט די איבערגאַנגס - צייט אין דעם אַבּסאָלוטען פרייען ווילען, וואָס זאָל שטעהן איבער דער געזעלשאַפט אין דער פאַרקערפּערונג פון איין - און - איינציגען "משיח", וועמעס אויפגאַבע זאָל זיין, צו פאַרזאָרגען די גאַנצע נאַציע, וואָס זאָל פּלאַנמעסיג קאָנטראָלירען די סטרוקטור פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, צו באַפרידיגען אלע הצטרכות'ן פון דער באַפעלקערונג.

מען פאַרנאַרט די מאַסען מיט דעם, וואָס מען רעדט זיי איין, וועגען דעם אויפבוי פון א נייעם שטאַט קאַפּיטאַליזם, וואָס וועט דינען נאָר זייערע אינטערעסען פון קאַפּיטאַליזם, און וועט סוף-כל-סוף ניט קענען פאַרהיטען די וועלט פון די עקאָנאָמישע קריזיסען, וואָס באַווייזען זיך פון צייט צו צייט. א פאַקט, אז אין איטאַליע האָט זיך דער קריזיס באַוויזען א סך פריהער, ווי אין אנדערע לענדער.

אין איטאַליע האָט דער פאַשיזם ארויסגערוקט די אידעע פון א "קאָאָפּעראַטיווער מלוכה", אין געגענזאַץ צו דער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע. לויט דער באַרימטער "כאַרטיע פון ארבייט", ווערט די נאַציע אָנערקענט אלס דער העכסטער קריטעריום. פּריוואַט איינענטום — אומבאַרירבאַר. אלץ ווערט נאָר אונטערגעוואָרפען די אינטערעסען פון דער נאַציע. דער שטאַט דאַרף פונקציאָנירען אזוי האַרמאָניש און רעגעלמעסיג, ווי א לעבעדיגער ארגאַניזם. דער יסוד פון אָט דער קאָאָפּעראַטיווער מלוכה, איז דער סינדיקאַליזם, פון וועלכען עס ווערען געשאַפען

קאָאָפּעראַציעס פון פאַרשיידענע עקאָנאָמישע פונקציעס. פאַר אינדוסטריע באַזונדער, פאַר אגריקולטור, פאַר ארבייט א. א. וו.

אין דער פּראַקטיק אָבער האָבען די דאָזיגע קאָאָפּעראַציעס פאַר ארבייט ניט מעהר דורכגעפיהרט ווי די אויפגאַבע צו פאַרבאָטען סטרייקען — פאַר בלויז רעדען וועגען סטרייקען, קען מען קריגען לעבענסלענגליכע געפענגניש. סכסוכים ווערען אויסגעגלייכט אין באַזונדערע "ארבייטס געריכטען", אונטער דעם פאָרזיץ פון א באַשטימטער פּערזאָן, וועמען די פאַשיסטען האַלטען פאַר א "באַגלויבטען". די מאָנאָפּאָליע פון די פאַשיסטישע סינדיקאַטען זענען אין רעזולטאַט נאָר געשאַפען געוואָרען אונטערצודריקען די ארבייטער, צו פאַרוועהרען אומאָפּהענגיגע פּראָפעסיאָנאַלע פאַראיינען, צו צונעהמען ביי זיי יעדען וואָפען פאַר עקאָנאָמישער פאַרבעסערונג, און צו מאַכען דעם ארבייטער אומגעפער אָפּהענגיג פון דעם גנאָד, פון זיין באַלעבאָס. דער גאַנצער ענין סינדיקאַליזם מיינט פשוט, די פולשטענדיגע פאַרשקלאַפונג פונ'ם ארבייטער קלאַס, צו צונעהמען ביי איהם די פרייע איניציאַטיווע און זעלבסטשטענדיגקייט. די זיבען קאָאָפּעראַציעס, וואָס פאַראייניגען דעם ארבייטער און אונטערנעמער, עקזיסטירען בלויז פאָרמעל.

פאַשיזם האָט ווייניג וואָס דורכגעפירט סאָציאַליסטישע רעפאָרמען, און אויך ניט געלעזען די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס זיי האָבען פריהער פאַרשפּראָכען. ניט נאָר דעם ארבייטער'ס לאַגע האָבען זיי, די פאַשיסטען, ניט געקענט אויסבעסערען, נאָר אפילו זייערע פאַנאַטישע נאָכפאָלגער, דעם קליינבירגער'ס לאַגע, האָבען זיי ניט געקענט אויסבעסערען. פון זייערע פאַרשפּרעכונגען איז גאָרנישט געוואָרען.

זייער איינציגער אויסוועג, צו העלפען דער באַפעלקערונג, איז אויסברייטונג, ערא͏ָבערונג, און דאָס מיינט שוין מלחמה, צו באַנוצען די ברוטאַלע מאַכט, אויף איינצונעמען געוויסע לענדער, צו פאַרגרעסערען זייערע אימפּעריעס, צו פאַרברייטערען זייערע גרעניצען, און מיט דעם ווילען זיי לייזען די "דברים העומדים ברומו של עולם". זייער שטאַט באַנוצט זיך מיט די פּרימיטיווע מיטלען, כדי צו פאַרכאַפען פרעמדען באָדען. זייער פּאָליטיק, איז מאַכט, זייער מאָראַל — דער שטאַרקערער זאָל מעגען אויפפרעסען דעם שוואַכען.

ניין, אין א פאַשיסטישען שטאַט וועלען די ברייטע מאַסען ניט האָבען קיין געווינסען, זיי וועלען דאָרט דאַרפען הונגערען, גלייך ווי אונטער דער איצטיגער, קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. זיי וועלען אָבער אויך צו דעם, דאַרפען ליגען אונטער די האַרמאַטען שרעק. די פאַשיסטישע דיקטאַטור וועט פאַרשוואַרצען און פאַרפינסטערען דאָס לעבען פון איהרע בירגער; זי וועט ניט געבען קיין פּלאַץ פאַר פרייהייט, פרייע רעדע, פרייע פּרעסע, פרייע פאַרזאַמלונגען. אלץ ווערט פאַרבאָטען. פאַשיזם שטערט אויך דעם וועלט פרידען און אנטוויקלונג. ער גיט גאָרניט, קיין פּלאַץ פאַר פאַציפיזם, וואָס מיינט פאַרשטענדניש צווישען פעלקער און נאַציאָנען. פאַשיסטישע דיקטאַטור, מיינט מאָראַלע דעגענעראַציע, א פּראָצעס, פון צופאַלונג פון די קולטורעלע אוצרות, וואָס קען, חלילה, צופיהרען צום מיטעלאַלטערליכען באַרבאַריזם.

דער ארבייטער קלאס דארף זיך אויסהיטען ניט אריינצופאלען אין דעם ווילדען עקסטאז פון המון, וואס גלויבט אין נסים, אז אט דער, אדער יענער משיח, וועט אויסלייזען דאס פאלק; אז אט דער, אדער יענער נביא, וועט ברייגגען די גאולה.

דער ארבייטער טאר זיך ניט לאזען פארנארען פון די פאליטישע ספעקולאנטען און דעמאגאגען. קאנסעקווענט, אינטענסיוו, קאמפלוסטיג דארף ער פארטזעצען און נאכפאלגען די וועגען, וואס זענען אנגעצייכענט געווארען פון זיינע סאציאליסטישע דענקער. דער ארבייטער קלאס דארף וויסען, אז אט די אלע שווערע פראבלעמען קענען געלייזט ווערען נאר דורך דעם ריינעם "אמת'ן" סאציאליזם, פון וועלכען די ארבייטער וועלען געניסען, און וועלען באקומען די פולע פרייהייט, און פולקאמע מאכט.

צווייטער טייל

היטלער און היטלעריזם

קאפיטעל 7

די אנשטעהונג פון היטלעריזם

.1

היטלער איז שוין ביים לעבען, אריין אין דער געשיכטע, ניט נאָר אין דער דייטשער געשיכטע, נאָר אויך אין דער וועלט־געשיכטע פונ'ם צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט. עס וועלען געוויס זיין אזעלכע היסטאָריקער, וואָס וועלען זיין נאָמען מיט גרויס דאַנקבארקייט און רעספעקטיווע אָפּשאַצונג, דערמאָנען. זיי וועלען איהם מסתמא שילדערען פאר'ן נאַציאָנאלען העלד, פאר דעם פאָלקס דערלייזער, פאר א זשעני און פארגלייכען איהם צו די גרעסטע מענשען, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז פארמאָגט. די מעהר ראַדיקאַלע און ליבעראַלע היסטאָריקער, די מעהר פּראָ־גרעסיווע און אקציאָנערע עלעמענטען, וועלען אָבער זיין נאָמען מיט גרויס פאַר־דאַמונג שטענדיג דערמאָנען.

היטלער איז די פּערזאָן, וואָס האָט צו זיך ארויסגערופען, פון איין זייט אַזאַ בלינדע פארגעטערונג; און פון דער צווייטער זייט, אַזאַ ביטערען האָס. זיינע תלמידים און אָנהענגער גלויבען אין איהם ווי אין א גאָט. זיי האַלטען איהם פאר דעם אויסלייזער און רעטער. ער איז דער אפאטעאז, אין איינגען זין פון וואָרט. מיליאָנען דעקלאַסירטע, פארצווייפעלטע — דער גאַנצער מיטעלשטאַנד, איז אריינ־געצויגען געוואָרען אין זיין באַוועגונג. היטלער'ס פּראָגראם איז פאר זיי געוואָרען דער עוואנגעליום פון נאַציאָנאלער און סאָציאלער באפרייאונג. זיינע געגנער אָבער, ניט נאָר וואָס זיי צווייפלען אין זיין געניאַליטעט. נאָר זיי האַלטען איהם פאר דעם נידערטרעכטיגען קליינבירגער, וועלכער איז פלוצלונג דערהויבען געוואָרען צו אַזאַ הויכער קאַריערע, צו זיין דער פיהרער און רעגירער איבער דייטשלאַנד. היטלער ווערט ביי זיי פארעכענט אלס דער רעאקציאָנער, דעמאַגאָג און אינטריגע מאַכער, וועלכער האָט טעראָריזירט און דעמאָראליזירט דאָס דייטשע פאָלק. ער איז ניט מעהר ווי די אַפּע וואָס טוט נאָך זיין רבי'ן, מוסאליני — אליין פארמאָגט ער אָבער ניט קיין מינדעסטע ברעקעל אינטעלעקטואליזם.

היטלער שפּילט איצט די באדייטענדסטע ראָלע אין דייטשלאַנד און אין דער אייראָפּייאישער וועלט פּאָליטיק. ביסמארק איז דער שליסעל־פיגור צו דער אָרגאַ־ניזאַציע פון דער דייטשער אימפּעריע; ווילהעלם דער צווייטער האָט אַוועקגעשטעלט דייטשלאַנד אלס אַן ערשט־קלאַסיג וועלט מאַכט; — היטלער האָט איהר אריינגע־

שלעפּט אין דעם "דריטען רייך". ווער איז עס אָט דער היטלער, וואָס האָט צר־בראָכען די דייטשע רעפּובליק, און אויף איהר פּלאַץ אוועקגעשטעלט א דיקטאַטאָרישע אָרדנונג, לויט'ן אַלטען פּאַרם פון דעם מיליטאַנטישען דייטשלאַנד? ווי אַזוי האָט ער זיך דערהויבען צו אַזאַ הויכער מדרגה? און פאַרוואָס האָט זיך דאָס פּאָלק געלאָזט איינגנאַרען?...

כדי גוט צו דערקלעהרען, און קלאָהר צו פּאַרענטפּערען אָט די דערמאָנטע פראַגען, פּאָדערט זיך באמת א גרעסערע ארבייט, א ספּעציעלע עסיי, וועגען דער לאַגע אין דייטשלאַנד, און א באַזונדערע ביאָגראַפיע פון היטלער'ן. די צייט, אין וועלכער מיר לעבען ענדערט זיך אָבער אַזוי שנעל, דאָס זי ערלויבט אונז ניט, מיר זאָלען זיך קענען אָפּשטעלען, און שרייבען גרעסערע ווערק איבער "מאָמענטאַלע פּאַזען". מיר וועלען זיך דאַריבער באַנוגענען מיט איבערגעבען קורצע שטריכען פון דער פּערזאָן היטלער. זיין ביא־און־פּסיכאָגראַפיע, אייניגע עפּיזאָדען פון זיין לעבען וואָס זענען נוצבאַר פאַר אונזער שטודיום, קורץ צו ערקלעהרען די מערקוויר־דיגע ערשיינונג פון דעם דייטשען פּאָלק, וואָס האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען אין די הענט פון איהרע באַטריבער.

* * *

אדאָלף היטלער איז געבוירען געוואָרען דעם 20־טען אפּריל, 1889, אין דער קליינער בייערען־עסטרייכישער גרעניץ שטעדטעל בראונאו. אלס א זון פון א רעגיערונגס בעאַמטער וואָס האָט ניט מעהר דערגרייכט ווי צו דעם אַמט פון אן אונטעראָפיצער.

זיין פּאָטער וואָס האָט ליעב געהאַט צו וואַנדערען, האָט איבערגענומען דעם זעלביגען אַמט אין לאַמבאך, אויבער עסטרייך, וואָס איז אין גאַנצען דרייסיג ענג־לישע מייל אוועק פון בראונאו. ווי עמיל לענגייעל דערצעהלט אונז *) האָבען די פּויערים פון לאַמבאַך, געהאַסט די פאַמיליע היטלער, וואָס האָט זיך געפיהרט ביוראָ־קראַטיש, ווארום זיי האַלטען זיך אין גרויסען און בלאָזען פון זיך. זיי זענען דאָך פרעמדע, הער היטלער א פּעדלער'ס א זון; זיין פרוי א בעהעמישע, וועלכע רעדט נאָך אַלץ א צובראָכענעם דייטש. ווארום זאָלען זיי זיין די רעגירער, און נישט קיין אייגענער געבוירענער פון יענער געגענט?

פון דעם יונגען אדאָלף האָבען די עלטערען געוואָלט מאַכען א רעגיערונגס בעאַמטער. ווען ער איז קוים אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר, האָט איהם זיין פּאָטער שוין געוואָלט איבערגעבען זיין אַמט. קיין זשעני האָט מען, געוועהנליך, ניט באַ־דאַרפט זיין צו קענען אָנגעהן מיט דער ארבייט. פון זיין פּאָטער האָט ער גע־ירש'ענט זיין ביוראָקראַטיזם, און פון זיין מוטער — איהרע נייןמאָס רייד, איהר סלאַווישען מיסטיציזם און ליידענשאַפטען... אדאָלף האָט אָבער פאַרמאָגט גרע־סערע אמביציעס, ער האָט געוואָלט ווערען א וועלט־באַרימטער. פאַרמאָגענדיג

*) Emil Lengyel "Hitler, New York, 1932" p.p. 1-2

אביסעל טאלאנט אין מאלעריי, האט ער געהאפט צו ווערען אן ארטיסט, און אנגעהויבען מאהלען פארשיידענע זאכען, ניט קוקענדיג אויף דער שטערונג פון זיין פאטער. (זיין ארטיסטעריי האט ער טאקע שפעטער אויסגענוצט ביים בויען דאס "ברוינע הויז" אין מינכען, די רעזידענץ פון די נאצים. — נ. ש.)

דער יונגער היטלער, וועלכער איז דאך פאררעכענט געווארען אלס צווייט־קלאסיגער בירגער, צוליעב זיין מוטער, וואס האט געשטאמט פון בעמען, האט זיך באלד ארויסגעוויזען פאר א גרויסען רעוואלוציאנער. געהענדיג אין דער "רעאל־שולע" (קיין הויך־שולע האט ער קיינמאל ניט באזוכט. — נ. ש.), אין לינץ, די הויפט־שטאדט פון אויבער עסטרייך, דער צענטער פון די איינוואוינער אין לאמבאך, האט ער שטענדיג ליעב געהאט צו זאגען פונקט פארקעהרט פון זיין לערער. צו זאגען "ניין", אפילו ווען מען האט געדארפט זאגען "יא". מען האט איהם דארט געלערנט די קאטוילישע רעליגיע. אין הארצען איז ער אבער געווען, און פארבליבען, א פראטעסטאנט. ער האט פראטעסטירט געגען דער אויטאריטעט פון די לערער, רעוואלטירט געגען דעם צוואנג צו זינגען אין שול דעם עסטרייכישען הימן. ער האט בעסער געוואלט זינגען דעם הימן פון דעם דייטשען רייך "דויטשלאנד,, דויטשלאנד איבער אלעס". צו איהם האבען אפעלירט די הימעל־בלויע אוניפארמען פון דייטשלאנד, איידער די שווארץ־בלויע עסטרייכישע אוניפארמען. עס האט איהם נאר אינטערעסירט צו לעזען די געשיכטע פון פרייסען, פון די דייטשע קעניגען, פון גרויסען אלעקסאנדער, יוליוס צעזאר, נאפאלעאן, באנאפארטא און אנדערע.

צו דרייצען יאהר איז איהם זיין פאטער געשטארבען. צו זעכצען יאהר האט ער שוין קיין מוטער אויך ניט געהאט. דעם פאטער'ס אמט האט ער ניט געוואלט איבערנעהמען. אלס אן ארימער יתום, האבען איהם זיינע חברים געראטען, ער זאל פארלאזען לאמבאך און ארייספאהרען קיין וויען, די הויפט־שטאדט פון עסטרייך. ער האט אפילו אין וויען געמאכט א פרואוו פארטצוזעצען זיין ארט־שטודיום, און אריינגעשיקט זיינע עקזאמענעס צו דער מאלעריי אקאדעמיע. ער האט אבער געהאט פיעל שוועריגקייטען. זיינע עקזאמענעס זענען דורכגעפאלען, און ער איז ניט אריינגענומען געווארען אין דער אקאדעמיע, און געמוזט אפהאקען, און פארגעסען פון דעם.

ניט האבענדיג קיין אנדער עצה, איז היטלער געווארען אן איינפאכער אר־בייטער. קומענדיג אין באריהרונג מיט די ווינער ארבייטער, האט ער זיך איינגע־הערט צו די נייע אידעען פון סאציאליזם, וואס איז צו איהם ניי געווען, ווייל ער האט נאך קיינמאל אין זיין לעבען ניט געהאט געהערט פון אזעלכע געדאנקען. ער האט זיך אנגעשלאסען אין א סאציאליסטישער פארטיי און אנגעהויבען לעזען סאציאליסטישע ליטעראטור. זייענדיג אין וויען, האט ער זיך באקאנט מיט אידען, און גלייכצייטיג אנגעהויבען לעזען אנטיסעמיטישע ליטעראטור, וואס האט אזוי שטארק אפילירט און אויסגענומען ביי איהם, דאס זינט דאן איז ער געווארען דער פארביסענסטער אידען־פיינד. די קריסטליכע סאציאליסטען האבען איהם אפילו אויפ־מערקזאם געמאכט, אז די גאנצע סאציאליסטישע ביכער זענען געשריבען פון אידען;

אז די פיהרער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זענען אידען. דאָס האָט איהם געבראַכט ער זאָל זיך אָנהויבען דערווייטערען פון זיי.

ווי ער שילדערט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע "מיין קאַמף", האָט ער געלעבט אין וויען אין א שרעקליכען דחקות און נויט, דורכגעמאַכט א מיזעריש לעבען דורך די פינף יאָהר. דער הונגער איז געווען זיין אמת'ער פריינט, און שטענדיגער באַגלייטער. זיין האָפנונג איז געווען, זיך אריינצוכאַפּען אין דייטשען גן־עדן, דאָרט וועט ער שוין האָבען א ציעל אין לעבען, אָבער ניט אין עסטרייך. עס איז באמת א מערקווירדיגע זאַך, אז אַזא נאַציאָנאַל שאָוויניסטישער מענש, זאָל פון קינדהייט אָן געווען האָסען זיין היימאַט, און זיך פאַנאַטיש פאַרליבען אינ'ם שכנות'דיגען לאַנד.

אינ'ם יאָהר 1912 איז ער אריין קיין מינכען, די הויפּט־שטאָדט פון בייערען. דאָרט האָט ער שוין געמאַכט א לעבען פון מאָלעריי. ער האָט געמאַכט קאַרטונען אין אייניגע צייטונגען און מאַגאַזינען, און געוואָרען פיעל מעהר באַקאַנט.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, איז ער אריינגעטראָטען אין דעם 16־טען רעגימענט אינפאַנטעריע, דער מעהר באַקאַנטער און בארימטער, וואָס איז באַשטאַנען פון א געוויסער גרופּע וואָלונטירען, און איז צוזאַמען מיט די דייטשען, ארויס אין שלאַכטפעלד. ווי אַנדערע סאָלדאַטען, איז ער אויך אייניגע מאָל פאַרוואונדעט געוואָרען, אָבער נאָך אלץ געבליבען לעבען. ער איז באַשטימט געוואָרען אלס אָפיצער, און עס האָט זיך איהם געדוכט, אז זיינע חלומות וועלען פאַרווירקליכט, און ער וועט ווערען דער צווייטער נאַפּאָלעאָן.

זייענדיג נאָך אויפ'ן פראָנט, האָט ער געהערט די נייעס פון דער דייטשער רעוואָלוציע, פון דעם דורכפאַל פון דער מאָנארכיע און די האָהענצאָלערען, און פון דער פאָרמאַציע פון דער דייטשער רעפּובליק. א ביטער רעאַקציע האָט איהם אָנגעכאַפּט. ווי ער שרייבט אין זיין "קאַמף": "זינט דעם טאָג, וואָס איך בין געשטאַנען ביי מיין מוטער'ס ארון, האָב איך נאָך ניט אזוי פיעל געוויינט . . . אין אויסערגעוועהנליכער ברוך, אויף וועלכען מען דאַרף טרויערען, ווען מען זעהט אזעלכע טייערע פריינט, ווערען געריפען צום טויט, די וועלכע זענען געשטאָרבען פאַר דעם פאָטערלאַנד. און ווען דער רינגענדיגער גאַז האָט אָנגעפאַנגען עסען אונטער מיינע אויגען, ווען איך האָב אָנגעהויבען פיהלען שוואַכער — דאַן האָט די שטימע פון מיין באוואוסטזיין אויסגעשריען: מיזעראַבל, נאַריש, דו וויינסט, ווייל טויזענטער זענען שולדיג . . . איך האָב אָבער איצט מעהר ניט געקענט טאָן ווי וויינען. איך האָב געזעהן פאַר זיך די צייט, ווען צרות און ליידען קומען אויף דעם פאָטערלאַנד" *)

אומקערענדיג זיך פון פראָנט, האָט ער זיך באַלד געווענדעט, און איינגעגעבען אַן אַפּליקאַציע פאַר בירגערשאַפט. ער האָט געוואָלט נאַטוראַליזירט ווערען אין דייטשלאַנד, צו קענען זיך מישען אין דייטשער פּאָליטיק, און באַזונדער, האָט ער שוין איצט געהאַט א היבש ביסעל אינטימע פריינט, פון וועלכע ער האָט זיך ניט געוואָלט שיידען. מען האָט איהם אָבער צוריקגעוויזען זיין אַפּליקאַציע, און אַנט־

*) Nordicus: Hitlerism, p.p. 12-13

זאגט צו געבען איהם בירגער־פאפירען אויפ'ן גרונט, דאס ער איז ניט קיין דייטש־געבוירענער, נאר אן עסטרייכער.

2.

דאס יאהר 1919 — דאס ערשטע יאהר פון נאך דער דייטשער רעוואלוציע — איז געווען כמעט דאס ערגסטע און טרויעריגסטע יאהר אין דער דייטשער געשיכטע פונ'ם צוואנציגסטען יאהרהונדערט. אבוואהל דער קריזיס האט זיך נאך ניט געהאט אויף אזוי פיעל ארויסגעוויזען, דייטשלאנד האט נאך דאן ניט געהאט מעהר ווי 6.6 פראצענט ארבייטסלאזע, האט מען אבער פאראוים געקענט זעהן, וואס עס ערווארטעט דעם דייטשען פאלק, און זייער גרויסע מפלה. דער ווערסאילער אפמאך, וואס האט געזיגעלט דעם טריאומף פון די זיגער, האט באלד אנגעצייכענט דעם טרויעריגען צוקונפט פון דייטשלאנד, — פון דער צופיעל דערשטיקונג און באגרעניצונג וואס די פארבינדעטע האבען פאראורזאכט דעם דייטשען פאלק, האט מען געוואוסט, וועט קיין גוטעס ניט ארויסקומען. אדרבה, דאס וועט ברייגען צו א צווייטער און פיעל גרעסערער מלחמה . . .

אין יענער צייט האבען זיך אומגעקעהרט די נידערשלאגענע און פארצווייפעלטע סאלדאטען; דאס מיליטער האט דערזעהן א זעהר טרויעריג בילד; פון די אלע גליקען, וואס מען האט זיי פריהער צוגעזאגט, איז גארנישט געווארען. יאוש, האפנונגסלאזיגקייט האט ארומגעכאפט די ברייטע עלעמענטען, בפרט דעם קליינבירגערטום און דער יוגענט. א דעמאראליזאציע, א כאאס האט דאן געהערשט אין דייטשלאנד.

דער קאמף צווישען די לינקע עלעמענטען זעלבסט — טראץ זייערע גרויסע שונאים מצד די רעכטע יונקערם — איז געווען אונגעהויער גרויס. די גרעסטע אנגרייפען און אויפשטאנדען זענען פארגעקומען אין דער נארדישער בייערישער פראווינץ, וואו די צוריקגעקומענע סאלדאטען, צווישען וועלכע עס האט זיך אויך געפונען היטלער, זענען געקומען מאנען זייערע בענעפיטען פאר זייער מסירת־נפש פאר'ן פאטערלאנד. עס איז געווען די צייט, ווען איטליבער האט רעוואלטירט, און אנגעהויבען ארויסצוטרעטען אין דער עפענטליכקייט, און אט יענער זונשיין אין מינכען, האט געגעבען היטלער'ן א געלעגענהייט ער זאל גרינדען זיין פאשיסטישע פארטיי, און ווערען פאפולער צווישען פאלק.

אין יענער כאאטישער צייט האבען שוין אפילו צוויי אנגעזעהענע קאמוניסטען, ערנסט טאלער, דער אויטאר פון דער בארימטער דראמא "מאסע־מענש", און קורט אייזנער, געוועזענער רעדאקטאר פון "פארווערטס", געהאט איינגעארדענט א סאוועטען־רעגיערונג אין בייערען. קורט אייזנער, דער הויך־אינטעלעקטואלער, איז געווען דער ניט געקרוינטער קעניג פון די ארבייטער, סאלדאטען און פויערים. און מעגליך, אז עס וואלט זיך איהם געווען איינגעגעבען דורכצופיהרען זיין פראגראם פון פארוואנדלען בייערען אין א סאוועטען רעפובליק, און זיך לגמרי אפטיילען פון

דעם איבעריגען דייטשלאַנד, ווען ניט דער אינצידענט, וואָס א יונגער אריסטאָקראַט האָט איהם דערשאָסען (פּעב. 1919). עגלהאפער, דער הויך־קאָמיסאר, האָט אפילו געוואָלט פּאַרטזעצען זיין ארבייט, אָבער שוין אומזיסט און ארויסגעוואָרפען. ער האָט ניט פאַרמאָגט אייזנער'ס טאַלאַנט, און איז געווען צו שוואַך, צו ווערען דער דיקטאַטאָר. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט ערנסט טאָלער, וועלכער איז געווען אומפּעהיג צו פּאַרנעמען אזא אמט.

אזוי ארום האָט זיך די רעאַקציע געשטאַרקט פון טאָג־צו־טאָג, און די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען האָבען אלע מאָל באַקומען מעהר מאַכט. ראַדיקאַליזם האָט מען אָנגעהויבען האַסען, און דער אַלטער עקסטרעמער נאַציאָנאַל־שאָוויניזם, האָט אָנגעהויבען אַפּילירען צום פּאָלק. עקס־סאָלדאַטען, יונג־דורשטיגע מענשען נאָך האָנער־טיטולען, צווישען וועלכע היטלער, דער רעוואָלוציאָנער, האָט זיך געפונען, האָבען אָנגעהויבען זיך באַווייזען אויף די גאַסען, און אַלאַרמירט, אז "קורט אייזנער און די אידען זענען שולדיג אין דעם ווערסאַילער אָפּמאַך" . . . אז "די סאָציאַליסטען זענען די אמת'ע שונאים פון דייטשלאַנד" א. ד. גל. סאָציאַליזם און מאַרקסיזם איז געוואָרען פּאַר'מיאוס'ט, און א נייער פענאָמענאָן האָט זיך באַוויזען צום דייטשען פּאָלק. היטלער איז געוואָרען דער משיח צו אָט די קליינביגער, וועלכע האָבען געזוכט א משה, וואָס זאָל זיי ארויסנעהמען פון'ם קריזיס, פון'ם פּאָליטישען כאָאָס, און פון זייער טרויעריגער פּאַרלעגענהייט.

אין איינעם פון די ביר סאַלונען, אין מינכען, וואו מען פלעגט דיסקוטירען און ארומרעדען פון דעם גרויסען אומגליק, פון דער מלחמה, וואָס האָט א תל געמאַכט פון דייטשלאַנד, איז געגרינדעט געוואָרען א קליינע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אין אָנהויב פון איהר גרינדען, ניט פּאַרמאָגט מעהר ווי זעקס מיטגלידער. דאָס איז געווען די דייטשע ארבייטער פּאַרטיי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין מאַי, 1919.

מאַכט זיך אמאָל, אז היטלער ווערט איינגעלאַדען צו א פאַרזאַמלונג פון אָט דער קליינער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אנאַנסירט א מאַסען־פּאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זענען אָנוועזענד געווען עפּעס מעהר ווי א צוויי טוץ דייטשע פּראָלעטאַריער, אין א צימער פון דער שטערנעקערברוי אין מינכען. העד הארדער רעכספּאַרשטאַנד, א גוטער זשורנאַליסט, דער אָנפירער פון אָט דער פּאַרטיי, האָט דערלאַנגט יעדען איינעם א פּאַמפלעט, פּאַרלאַנגענדיג מען זאָל זיך אָנשליסען אין אָט דער פּאַרטיי.

היטלער איז דאָרט באַגייסטערט געוואָרען פון א רעדע, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען פון איינעם א פינסטערען רעאַקציאָנער, גאָטפריעד פעדער, וועלבער האָט געזעדט וועגען נאַציאָנאַליזם, קאַפּיטאַליזם און אנטיסעמיטיזם. ווען היטלער וואָלט ניט געווען געהערט די דאָזיגע רעדע, פון'ם יונגען אינזשעניר און זשורנאַליסט, וואָלט ער אפשר קיינמאָל ניט געווען דערגרייכט צו אזא הויכער שטופע, אָנצופיהרען אזא גרויסע נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

וועגען אָט דעם אינצידענט שרייבט היטלער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: ״דער מענש, וועלכער האָט געמאַכט אונזער פּראָגראַם, האָט געהאַט די אויפגאַבע פון אויסארבייטען אַן ענד־ציעל, א חוב וואָס ליגט אויף יעדען פּאָליטיקער — דאָס איז געווען פעדער. נאָך מיין אויסהערען זיין לעקציע, איז אָט דער געדאַנק, זעהר שנעל דורכגעלאָפען אין מיין קאָפּ; איך האָב איצט שוין געהאט די פּראָפּאָזיציע פון ערפינדען, און שאַפען א נייע פאַרטיי. דער קאַמף געגען אינטערנאַציאָנאלען פינאנץ און לייה־קאַפּיטאל, איז געוואָרען אונזער אויפגאַבע, און הויפּט פּונקט פון אונזער פּראָגראַם צו קעמפען פאַר דער דייטשער נאַציע, זי זאָל זיין אינדעפּענדענט און פריי״ . . .

פעדער האָט גערעדט וועגען צווייערליי קאַפּיטאַליזם: — פּראָדוקטיוו־קאַפּיטאַל, און פינאַנץ־קאַפּיטאַל; אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל, אויף וועלכען מענשען ארבייטען, און לייה־קאַפּיטאַל, אויף וועלכען מענשען ארבייטען גאָרנישט, נאָר דורך דעם נעמען די גרויסע צינזען פאַרגרעסערען זיי זייער קאַפּיטאַל. פעדער האָט אַגיטירט געגען דער ״צינזענקנעכטשאַפט״ — דעם אידישען קאַפּיטאַל, און פאַרענטפערט דעם קריסטליכען קאַפּיטאַל. דאָס האָט געעפענט היטלער׳ס אויגען, ער האָט געזעהן פאַר זיך א באָדען ווי אזוי צו דערגרייכען צו זיין קאַריערע, אויף וועלכער ער האָט אזוי לאַנג געוואַרט. נייע פּרעספּעקטיווען, נייע וועלטען און וועגען, האָבען זיך פאַר איהם געעפענט. אין דער געגנערשאַפט צו דעם מארקסיזם און יודאַאיזם, האָט ער געפונען א פּראָגראַם, וואָס זאָל אַפּעלירען צו די דייטשע מאַסען, ווען מען וועט איינרעדען צו שאַפען א דייטשע נאַציע, אָהן אידען און אָהן קאָמוניסטען.

און אין יענע ביר־האַלע, איז היטלער באַלד געוואָרען דער זיבעטער מיטגליד, און באַלד מחדש געווען, אז מען זאָל באנוצען די אַראַטאָרישע און דעמאַגאָגישע מויל־ארבייט, זיין שוין לאַנד פאַרמאָגענדיגער טאַלאַנט פון ריידען, און ניט זיך פאַרלאָזען אויף דעם בלויזען געשריבענעם וואָרט. דורך זיין איניציאַטיווע, איז טאַקע פאַראייניגט געוואָרען די דייטשע ארבייטער מיט דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרען פון יוליוס שטרייכער, אונטער דעם נאָמען: ״נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע דייטשע ארבייטער פאַרטיי״, וואָס איז שפּעטער פאַרקירצט געוואָרען אויף ״נאַצים״. היטלער איז געוואָרען דער פיהרער, און דערגרייכט דעם ערשטען שטאַפּעל פון גרויסקייט. ער האָט דערזעהן זיין בליהענדע צוקונפט, און אָנגעהויבען גלויבען אין זיך, אז ער איז טאַקע דער קלוגסטער און ערליכסטער מענש, וועלכער וועט ארויספיהרען דייטשלאַנד פון איהר קריטישען זומפּ, מיט דעם אויסראָטען און פאַרניכטען די שונאים — די סאָציאַליסטען, קאָמוניסטען, און איבערהויפּט די אידען, וועלכע זענען די סאָציאַליסטען — א פאַקט דאָס מארקס זעלבסט איז דאָך געווען א איד; און די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע קאָנטראָלירען דעם אינטערנאַציאָנאַלען פינאנץ . . .

וועלענדיג אויסדריקען זיין סימפּאַטיע צו די מיליאָנען דייטשען, וואָס האָבען פאַרלוירען זייער געלט און פּרנסה צוליעב די שרעקליכע מלחמה יאָהרען, און

די אינפלאַציע פון נאָך דער מלחמה, האָט ער שטענדיג געזוכט צו באַווייזען, אַז שולדיג אין דעם זענען די סאָציאַליסטען און אידען, וואָס האָבען געהאָלפען גרינדען די רעפּובליק. זיין סלאָגאַן איז געווען: ״אַלע קולטורעלע, אַרטיסטישע, וויסענ־שאַפטליכע און טעכנישע ווערטען, געהערען צו די דייטשען. די דעמאָקראַטיע, וואָס האָט ערלויבט פרעמדע הענט זאָלען רעגירען איבער דייטשלאַנד, איז אַ אידי־שע פּראָדוקציע״. נאָך זיינע ענטוזיאַסטישע רעדעס, האָבען זיך געהערט די אויס־רופען: ״הייל היטלער!״ ״אַרונטער מיט ווייִמאַר!״ ״נידער מיט פּרעז. עבערט!״

היטלער האָט אין זיינע געוויסענלאָזע רעדעס, אין זיין אַגיטאַציע און פּראָ־פּאַגאַנדע, גוט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אָנצואווענדען זיין דעמאַגאָגישע אַרבייט. נאָכ־מעהר, זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער, וועלכע האָבען אַרומגערינגעלט זייער רבי׳ן מיט אַ שיין פון הייליגקייט, אַלס דער משיח, וועמענס וואָרט דאַרף שטריינג אָפּ־געהיט און אויסגעפאָלגט ווערען, האָבען פאַרשטאַנען די פּסיכאָלאָגיע פונ׳ם דייטשען פאָלק, וואָס האָט זיך דאַן געגויטיגט אין אַן אויסלייזער.

ריידענדיג וועגען די אומגליקען, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון דער מלחמה, פלעגט ער זיך שטענדיג אָפּשטעלען אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ער פלעגט ריידען ווי אַ דייטש, וועמעס האַרץ בלוטעט און טוט שטאַרק וועה אויף דייטש־לאַנד׳ס מפּלה. זיינע וואַרימע דעמאַגאָגישע דרשות האָבען אויסגעזעהן ווי עס רעדט אַן אמת׳ער לאָגישער פּאַטריאָט. זיינע באַשולדיגונגען געגען סאָציאַליסטען און אידען, האָבען אויסגענומען ביים דייטשען פאָלק — קיין אַנטיסעמיטיזם האָט דאָך קיינמאָל ניט געפעהלט אין דייטשלאַנד. ער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער עקאָנאָמישער זייט, אָנגעוויזען נייע וועגען ווי אַזוי צו העלפען דעם פאַראָרימטען דייטשלאַנד. ער האָט אָנגעצייגט אויף זיין הבי׳ן, מוסאָליני, ווי אַזוי ער האָט געראַ־טעוועט זיין לאַנד, און אַז דייטשלאַנד דאַרף איהם נאָכטאָן. ער האָט פאַרזיכערט אַלעמען צו געבען אַרבייט, צו זיכערען יעדען איינעמ׳ס עקזיסטענץ, א. א. וו.

נאָר אַזאַ מענש ווי היטלער, ביי וועמען לאָגיק שפּילט קיין ראָלע ניט, דער געבוירענער אַראַטאָר, דער נערוועזער טיפּ, וועמעס מאַכט איז נאָר ענטוזיאַזם און נאָכגעמאַכטער אידעאַליסטיק, האָט געקענט וועקען די יוגענט צו רעוואָלטירען געגען דער רעפּובליק. ״אַ רעדנער׳ס אויפגאַבע, האָט היטלער אַמאָל געזאָגט — ״איז ניט צו ברייגגען פילאָזאָפישע און וויסענשאַפטליכע געדאַנקען, נאָר פּשוט׳ע וואַרימע ווערטער, צוציהען די מאַסען. אין זיין ״קאַמף״, די נאַצישע ביבעל, פּרואווט היטלער צו באַווייזען, אַז רעוואָלוציעס ווערען ניט געפירט פון לאָגישע זשור־נאַליסטען און דענקער, נאָר פון גרויסע אַראַטאָרען. זיינע טעאַטראַלישע באַנעמונ־גען, זיינע ענטוזיאַסטישע רעדעס, האָבען געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויף דער יוגענט, דאָס זיי האָבען אָנגעהויבען גלויבען אין איהם. זיי האָבען איהם פאַרגעטערט און אויך פאַנאַטיש זיך מפקיר געווען פאַר איהם. זיין צוציהונגס־קראַפט איז אונבאַ־שרייבליך, ער האָט גוט געקענט דעם כאַראַקטער פון דער דייטשער יוגענט, און געוואוסט ווי אַזוי זיי צו פאַנגען.

פאשיזם אין אייראפא

א גרויסע ראָלע אין זיין ערפאָלג האָט אויך געשפּילט זיין אנטיסעמיטיזם — דער שוואַרצער האַקענקרייץ, וואָס איז אויסגעקריצט אויף דער נאַציִשער פאָן, אלס דער סימבאָל פון "אריער" און אנטיסעמיטיזם, האָט פיעל געווירקט אויף די מאַסען, זיי זאָלען זיך אַנשליסען אין דער נייער נאַציִשער פּארטיי. שוין באַלד, אין זיין ערשטער רעדע פאר'ן גרויסען פּובליקום, אין דער "צירקוס קראנע", אין מינכען, (דעם 3-טען פעברואר, 1921) אויף דער טעמע: "צוקונפט, אָדער אונטערגאַנג", וואָס איז געווען פול מיט פראַזען האָט ער געשאָטען פעך און שוועבעל אויף די אידען. צווישען אנדערעס, האָט ער דאן געזאָגט: "ארבייטער", עס גיבט גרעסערס דען מארקס — "דאָס פאָלק!" און אלע האָבען אויף דעם הילכיג אָפּגעענטפערט: "שלאָגען די יודע טויט!" אויף דער פּלאַטפאָרמע איז ארויפגעשטעלט געוואָרען דער האַקענקרייץ, דער אנטיסעמיטישער סימבאָל. דער דייטש, וועלכער האָט אימער געהאַט אַן אינערליכען געפיהל, פון אנטיסעמיטיזם האָט זיך עס איצט, אין איהם צופלאַקערט.

אלע צרות האָט מען ארויפגעלייגט אויף די אידען, אז זיי זענען עס שולדיג אין אלצדינג. זיי זענען עס די, וועלכע האָבען פאַרראַטען דאָס דייטשע פאָלק. אין זייער צוזאמענגעשטעלטען פּראָגראם, וואָס עקזיסטירט נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג, רעדט זיך גאָרניט אויף אזוי פיעל, וועגען דער נאַציאָנאַליזירונג פון די אינדוסטריעס און באַנקען, ווי וועגען דאָס צונעמען די געשעפטען פון אלע ניט אַרישע און ניט דייטשע בירגער. עס רעדט זיך נאָר דאָרט, וועגען צונעהמען און קאָנפיסקירען אידיש פאַרמעגען, און וועגען דעפּאָרטאַציע פון אַלע פרעמדע — וואָס מיינט פּאַקטיש, ארויסצושיקען די אידען פון דייטשלאַנד. די אידען זענען איהם געשטאַנען ווי א ביין אין האלז, און ער האָט נאָר געזוכט צו ערוועקען די אַלטע אנטיסעמיטישע טעאָריעס.

ווען היטלער וואָלט אָבער געווען געהאַלטען סתם אנטיסעמיטישע רעדעס, וואָלט ער אפשר ניט געווען געהאַט אַזאַ גרויסען ערפאָלג. עס וואָלט סוף־כל־סוף פאר'מיאוס'ט געוואָרען; ווען ער האָט אָבער זיינע צוהערער געגעבען צו פאַרשטעהן, און זיי אויפגעקלעהרט, אז די וויכטיגסטע טיילען פון זיין פּראָגראם, איז אַוועקצונעמען פון אידען זייערע געשעפטען און פּרנסות, און עס אוועקגעבען צו קריסטען, אָט דאָס האָט שוין גאָר אפּילירט: אי מען וועט באַרויבען א אידען, אי מען וועט נאָך בלייבען אַן ערליכער פּאַטריאָט. מיט דעם וועט מען דאָך מקיים זיין די "מצוה" פון רייניגען די דייטשע ראַסע, ריין צו האַלטען דאָס עכטע דייטשע בלוט, און זיך אין גאַנצען באַפרייען פון די שמוציגע אידען. מיט דעם האָט שוין היטלער גאָר אויסגענומען.

3.

די היטלער פאַרטיי, דאַרף מען אויך וויסען, האָט ניט געהאַט קיין העפטיגען פּראָגראַם, און דאַדורך האָט זי געקענט אויסנוצען די געלעגענהייט צו מאַכען די ווילדסטע פאַרשפּרעכונגען. זייענדיג אין דער אָפּאָזיציע, ערשט א ניי־געבוירענע פאַרטיי, האָבען זיי געקענט ארייגציהען מאַסען פון אַלע שיכטען, יעדען איינעם צוצוזאָגען גוט צו באַפרידיגען. זייערע קינפטיגע פּלענער האָבען זיי פאַרבאָרגען און אויסבאהאַלטען, זיי האָבען זיך נאָר געוואָרפען מיט אומקלאָרע און אומבאַדייטענדע פראַזען. די קאַפּיטאַליסטען, אזוי גוט ווי די ארבייטער, די אריסטאָקראַטיע, די יונקערס, אזוי גוט ווי די פאַראָרימטע און נויטליידענדע מאַסען, האָבען זיי צוגעזאָגט גאָלדענע גליקען. איינמאָל האָט היטלער עפענטליך געקענט זאָגען, אז ער קעמפט געגען דער בורזשואזיע, געגען קאַפּיטאַל, און איז מסכים צום קלאַסען־קאַמף; — א צווייט מאָל האָט ער געקענט לערנען דאָס פּשטל פונקט פאַרקערט, אז ער איז גאָר נישט געגען דעם גרויס־קאַפּיטאַליזם פון זיינע נאַציאָנאַלע מענשען, ער קעמפט געגען די פרעמדע קאַפּיטאַליסטען; א דריט מאָל, אז ער זוכט צו פאַרבינדען נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם מיט קאַפּיטאַליזם אין איין סינטעז.

דער פּראָגראַם פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען, וואָס אדאָלף היטלער און גאָטפריד פעדער האָבען אויסגעארבייט, און פאָרגעלעזען אויף דער מאַסען־פאַרזאמלונג, אין מינכען דעם 25־טען פעברואר, 1920, אנטהאַלט 15 פונקטען, וועלכע דאַרפען דורכגעפירט ווערען אין דעם "דריטען רייך". זעקס פונקטען פון זייער פּראָגראַם זענען דירעקט געשריבען געוואָרען געגען אידען און ערקלערען דאָס ניט פעסיגקייט און אומגעווינשטקייט פון אנערקענען א אידען אלס א דייטשער בירגער. די הויפּט אויפגאַבען פון זייער פּראָגראַם איז געווענדעט צו באַקעמפען מאַרקסיזם, פּאַרלאַמענטאריזם, און אידישער קאַפּיטאַליזם. צו באַקעמפען די לעהרע פון דעם "איד קארל מארקס"; געגען דעם קלאַסען קאַמף — געגען זיין מאַטעריאַליסטישער אידעאָלאָגיע און קאָמוניסטישען עקספּערימענט, ווי אויך געגען דעם איד — דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַליסט.

ביז איצט קעמפט איינער געגען צווייטען, רעגיערונג געגען פאָלק, פּאַרלאַמענט געגען רעגיערונג, פּאַרטייען געגען פּאַרטייען, ארבייטסגעבער געגען ארבייטס־פארברויכער א. א. וו. היטלער וויל דאָס אַלעס אָפּשאַפען און פאַראייניגען די גאַנצע נאַציע. ווי נידערטרעכטיג איז אָבער דער לאָזונג. וואָס וויל אָפּשאַפען קלאַסען קאַמף און אויף זיין פּלאַץ שאַפט זי באַלד א ראַסען־קאַמף און נאַציאָנאַלען קאַמף, צו שאַפען מלחמות, וואָס זאָלען ענדיגען דעם קלאַסען קריעג.

עס וועט אונז נוצבאַר זיין צו ברייגגען אייניגע אויסצוגען פון זיין פּראָגראַם און זיי פיעל־וויינ קאָמענטירען:

"1. מיר פאַרזיכערען די פאַראייניגונג פון אַלע דייטשען אין א גרויס דייטשלאנד"... מיט דעם דאָזיגען פונקט האָט ער אויסגענומען ביי דעם נידערשלאָגענעם פאָלק, און ביי אַלע, וועלכע האָבען נאָך אַלץ געהאָפט וועגען דער ווידער־

אויפבוי פון דער דייטשער נאציאנאלער אימפעריע. דאס איז געווען דאס ערשטע מרייסט-ווארט, וואס דאס דייטשע פאלק האט געהערט זינט דעם וועלט-קריג.

"2. מיר פארזיכערען דעם דייטשען פאלק די גלייכהייט מיט אלע אנדערע נאציאנען". — נאר אזעלכע ווערטער האבען געקענט אפילירען צו די אנטוישטע מאסען, וועלכע האבען געזעהן די גרעסטע נאציאנאלע באליידיגונג אין דעם ווערסאיילער אפמאך, וואס האט געצוואונגען דייטשלאנד צו אנטוואפנונג, זי זאל פאנאנדערלאזען איהר שטענדיגע ארמיי, איבערלאזענדיג איהר א קליינע ארמיי, דעם "רייכסווער" פון הונדערט טויזענט סאלדאטען. צוגענומען פון דייטשלאנד די בעסטע געגענדען, אפגעריסען פון איהר גאנצע קאלאניעס און שטחים — איטליכער האט געריסען פון דער באזיגטער דייטשלאנד. אין אזא מאמענט איז אויפגעשטאנען א היטלער, וועלכער האט צוגעזאגט צו צורייסען דעם ווערסאילער פרידענס-אפמאך, טויטען דעם שונא פראנקרייך, צוריקצונעהמען איבערשלעזיע און אנדערע קאלאניעס, און ווידער צוזאמענשטעלען די אלטע דייטשע אהמיי פון 600,000 סאלדאטען. הער פעדער האט ניט איינמאל געזאגט, אז זיי גיבען נאך אלץ ניט אויף זייער רעכט אויף בעהמען, אויף אלזאס לאטרינגען, אויף פוילען און עסטרייך. דער דריטער רייך וועט משפט'ן די קרימינאלניקעס, די ראטנוי'ס, ערצבערגערס, וועלכע האבען אונטערגעשריבען אזא פאלשען שלום-אפמאך, און "זיעגרייך וועלען מיר, פראנקרייך שלאגען".

"3. מיר פארזיכערען לאנד צו די אלע אונזערע ארויסהעלפער". — עס איז געווען א גאנץ שווערע פראבלעם, ווי אזוי צו באקומען און צו געווינען די שטימען פון די אגראריער און פויערטום. אינ'ם פראגראם פונקט 17 ווערט נאכאמאל איבערגע'חזר'ט אט די זעלבע ווערטער, אז זיי "פארזיכערען א באדען-רעפארם, לויט דער נויטווענדיגקייט פון דער נאציאן, זיך צו קענען באנוצען מיט יענעמ'ס באדען, אויב עס וועט נאר נויטיג זיין". די פויערים, געוועהנליך, האבען אויף דעם בשום אופן ניט געקענט שטימען, אוועקצוגעבען זייער לאנד-אייגענטום. זיי האבען געקענט שטימען מיט די אנדערע פונקטען אין דער היטלער פראגראם, זיי זענען געווען צופרידען מיט די אנטיסעמיטישע פונקטען, זיי האבען איינגעשטימט מיט היטלער'ן צו נאציאנאליזירען די בענק, די גרויסע טראסטס, איינצוטיילען דעם קאפיטאל, און שוין אפגערעדט פון צו האסען פראנקרייך, דעם טויזענט יעהריגען שונא. זיי האבען אבער בשום אופן ניט געוואלט איינשטימען מיט דעם היטלער-פראגראם, וואס ערלויבט אוועקצונעהמען לאנד פון דעם פויער. היטלער האט אבער באלד געפונען אן עצה, ער האט אויסגעשטראכען אט דעם פונקט. אין מערץ, 1930, איז די דאזיגע פראגע דיסקוטירט געווארען אין דעם ברוינעם הויז, און די פראגע איז באלד געלייזט געווארען. עס איז פראקלאמירט געווארען א מאניפעסט צו דעם לאנדווירטשאפטליכען פאלק, אין וועלכען עס איז געזאגט געווארען, אז "1. לאנד אייגענטום מעג געהאלטען ווערען ביי דייטשען כל-זמן עס דינט די אינטערען פון דער נאציע, דער רעזידענץ און דעם שטאט...

"2. נאָר דייטשען איז ערלויבט אָנצוהאַלטען דייטשען באָדען, אָבער ניט קיין פרעמדע". ביי די היטלעריסטען איז גאָר ניט פאַראַן קיין שוועריגקייטען — אַלעם קענען זיי פאַרענטפערען מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַז אַלעם שלעכטע פון זייער פּראָגראַם איז אָנגעווענדעט נאָר געגען די פרעמדע.

נאָך מעהר, פונקט 14 ערלויבט אפילו א געווין באַטיילונג (אקציעס) אין אַלע גרויסע אינדוסטריעס, וואָס זאָל אפילו ניט קאָנטראָלירט ווערען פון דער רעגיערונג צו די אַלע, וועלכע האָבען געטאָן "שאַפענדע ארבייט" פאַר זייער אָרגאַניזאַציע. דאָס זעלבע איז מיט'ן גאַנצען היטלעריסטישען פּראָגראַם וואָס פאַרמאָגט קיין שטאַנדהאַפטיגקייט, קיין לאָגיק חוץ זייער ווילדע אויסגעטראַכטע אנטיסעמיטישע פּרינציפּען וואָס זענען גאָר ניט געענדערט געוואָרען, און ווערען דורכגעפירט אינ'ם היטלעריסטישען "דריטען רייך". דאָס זענען די פונקטען וואָס פאָדערען עפּענט־ליך די דעפּאָרטאַציע פון די אידען; אַז א שטאַטס־בירגער, קען נאָר זיין דער פאָלקס־גענאָסע און צוגעפּאַסטער צום שטאַט. דער, וועלכער האָט ריין גערמאַניש בלוט, אָבער ניט קיין איד. די דאָגמע פון "בלוטס־געפיהל" איז גוט איינגעוואָרצעלט גע־וואָרען צווישען די נאַציס. אַלע זענען פאַראינטערעסירט מיט דער ראַסען־דאָקטרין, מיט דעם באַוואוסטזיין פון בלוטס־געפיהל, וועגען וועלכען היטלער רעדט אזוי פיעל אין זיין "קאַמף".

היטלעריזם, ווי ער איז פאָרמולירט געוואָרען פון זיינע עקספּערטען און דע־מאַגאָגען, האָט געזוכט אויסצונוצען אפילו די אַלטע טראַדיציעס, וואָס זענען שוין געווען איינגעפלאַנצט צווישען די דייטשע ארבייטער: געזונגען די רעוואָלוציאָנערע לידער, געפּרעדיגט סאָציאַליזם, כדי צו געווינען דעם אַרבייטער קלאַס. געבעלס ווייס גאַנץ גוט, ווי אזוי צו פיהרען פּראָפּאַגאַנדע, אריינצונאַרען די מאַסען דורך דעם געשריבענעם און שפּרעכליכען וואָרט. נוצען זיי אויס זייער גאַנצע דעמאַגאָגיע, זיי שרעקען זיך גאָר ניט פון צוזאָגען די ווילדסטע און גראָבסטע ליגענס ווען עס איז נוצבאַר פאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע. היטלער'ס רעדנער קראַפט באַשטעהט ניט אין דעם, וואָס ער רעדט מיט לאָגיק, אויסגעהאַלטענקייט, נאָר אין דעם, וואָס ער ווירקט אויף די צוהערער. בשעת ער שטעהט אויף דער פּלאַטפאָרמע, איז ער ווירק־ליך, באַגייסטערט, ער רעדט מיט הארץ, מיט געשריי, וואָס מאַכט א טיפען איינ־דרוק אויף דעם עולם צוהערער.

היטלער וויל שאַפען א ווירטשאַפטס פּאַרלאַמענט, און א פּראָפעסיאָנאַלען פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל גאָר ניט האָבען צו טאָן מיט פּאָליטיק. ער וויל אָבער זיין דער דיקטאַטאָר פוןביידע פּאַרלאַמענטען, ווייל "די גאַנצע אנטוויקלונג פון דער קולטור און מענשהייט", האַלט היטלער, "איז נישט געבוירען געוואָרען פון דער מערהייט, נאָר פון'ם יחיד, פונ'ם אינדיווידועלען געניע; ממילא, דאַרף דער בעס־טער קאָפּ פון דער קאָמונע שפּילען די הויפּט ראָלע. די פאַראַנטוואָרטליכקייט פונ'ם רייך דאַרף ליגען אויף דעם קאָפּ פון איין־איינציגען מענש. (היטלער — נ. ש.)

.4

די געצוואונגענע אנטוואפנונג האט דעם דייטשען פאלק ניט געבראכט די געהעריגע רעזולטאטען. אמת, די געצוואונגענע אנטוואפנונג האט געראטעוועט דייטשלאנד פון אונטערגאנג, ווייל דייטשלאנד איז אומשטאנד געווען צו האלטען א גרויסע ארמיי אונטער דער לאסט פון רעפעראציעס. די געצוואונגענע אנטוואפנונג האט אבער געבראכט אומרוהיגקייט און אומצופרידענהייט אין געוויסע טיילען פון די מאסען.

געוועזענע אפיצערען און סאלדאטען פון דער פאנאנדערגעלאזענער ארמיי, האבען זיך זעהר ניט גערען אונטערגעווארפען אונטער די באפעהלען פון פרידען, און זיך ניט צוגעפאסט צום נייעם לעבען, אלס פרידליכע בירגער. געוויסע רעבעלישע גרופען צווישען דער דייטשער באפעלקערונג, האבען געזוכט יעדע געלעגענהייט זיך צוריק צו ארגאניזירען אין געהיימע מיליטערישע ארגאניזאציעס. און אט די רעשט־לאך האבען געפונען זייער פלאץ אין דער נאציאנאל־סאציאליסטישער פארטיי, אין איהרע מיליטערישע "שטורם אפטיילונגען", וואס זענען געגרינדעט געווארען נאך א בלוטיגער פארזאמלונג אין מינכען אין יאהר 1921.

אונטער דעם ווערסאילער אפמאך איז ערלויבט דייטשלאנד א מיליטער פון הונדערט טויזענט. היטלער האט צוגעזאגט די פולע דייטשע ארמיי, אז ער וועט זיך ניט אפשרעקען פאר'ן פעלקער בונד. אזוי ארום איז אריינגעצויגען געווארען די יוגענט; די יוגענט וואס שפילט אזא וואלדיגע ראלע אין דער דייטשער פאליטיק, איז אריינגעשלעפט געווארען אין די היטלעריסטישע ארגאניזאציעס. די יוגענט באוועגונג איז געווארען די היטלער באוועגונג, וועמעס מיסטיציזם איז פארוואנדעלט געווארען אין פאליטישער מאכט. נאציאנאליזם און היטלעריזם האבען אנגעהויבען בילדען איינהייט. און פון אלע גאסען דעמאנסטראציעס האט מען אנגעהויבען הערען זינגען דאס באקאנטע לידעל, וואס וועקט צו גרויזאמקייט, בלוט־פארגיסונג, און צו א נייער מלחמה:

"ניט ווידער קריג,
הייסט ניט ווידער זיג,
הייסט ניט ווידער פריי,
הייסט שקלאפעריי!"

אט די באנדעס, וואס זענען געווען א דירעקטער רעזולטאט פון דעם ווערסאילער פרידענס־אפמאך, זענען צוגעקומען צו די אלע אנדערע קריזיסען און פארביטערונגען צווישען די מאסען, האבען אנגעהויבען בושעווען, און זיך געשטעלט אין דינסט פון דער אויפגעקומענער דיקטאטור, אין געגענזאץ צום פארלאמענט. דאס זענען מענשען, וועלכע גלייכען צו טראגען די מאנטלען מיט די מעשענע קנעפלאך, און זענען גרייט געווען פאר דער גרעסטער און שרעקליכסטער ברוטאליטעט. די אלע האבען איינגעשטימט אויף דעם, וואס איז אויפגעשריבען אויף די היטלעריסטישע קאלענדארען: "א מענש בעט ניט פאר זיין רעכט, נאר קעמפט פאר זיין רעכט",

די דאָזיגע יוגענט אָפּטיילונגען האָבען זיך אַלע מאָל, וואָס מעהר פאַרגרעסערט. ענדע 1931 האָט זיך שוין די נאַצי־אַרמיי גערעכענט פאַר אַן אָרגאַניזאַציע פון אַריבער אַכציג טויזענט, וועלכע זענען געווען גרייט צו באַקעמפען דעם סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד. אין די לעצטע יאָהרען, ווען די נאַצי פּאַרטיי האָט שוין געהאַט א מיליאָן מיטגלידער, האָבען זיך זייערע שטורם אָפּטיילונגען גערעכענט פון אַריבער 200,000 יונגע מיליטאַריסטען. דאָס ברוינע הויז איז שטענדיג געווען פול מיט ברוינע גוואַרדייער, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרען צו העלפען היטלער׳ן דורכפיהרען זיין נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע, און נאַכהער איינפיהרען דעם דריטען רייך.

די מערסטע נאָכפאָלגער פון׳ם היטלעריזם זענען מענשען, וועלכע האָבען פאַרלוירען זייער געוויסען, נערוועזע, דערשראָקענע און הפקר׳דיגע, מענשען, וואָס האָבען פיעל דורכגעמאַכט זינט דער מלחמה, געפינענדיג זיך אין דער מיזאַרעבלער עקאָנאָמישער לאַגע. אויפגערעגטע פרויען און מיידלאך, געוועזענע סאָלדאַטען, יונגע פרויען, וואָס זענען ערשט ארויס פון זייער אייער־שאָל און פאַרמאָגען א הייסען טעמפּעראַמענט . . . דאָס זענען מענשען, וועלכע האָפען אויף קומענדע בעסערע טעג, וועלכע זוכען א היילינגקייט, א משיח — אפילו א נאַרישען, אבי א משיח. זיי זענען עס די פאַטעטישע מאַסע, וואָס איז גרייט צו וואַנדערען אין דער טיפער ווילדערניש, אַבי צו ראַטעווען די דייטשע נאַציע.

ביי אזעלכע מענשען האָבען אזעלכע גרויסע שטאַטסלייט, ווי עבערט ראַטנוי, שטרעזעמאַן מיט זייער קלאָהרען פאַרשטאַנד ניט געקענט אויסנעמען. זיי דאַרפען א היטלער, אַן אַקטיאָר, וועלכער נאַרט זיי אריין אין זאַק אריין. א דייטשער ראַס־פּוטין, וועלכער זאָל ניט נאָר באַאיינפלוסען איין מענש, נאָר א גאַנץ פאָלק. זיין באַנעמונג, זיין אָרט רעדען האָט געווירקט און געצויגען דאָס דייטשע אויער. פון אַלע זייטען האָט מען איהם באַגעגענט מיט "הייל היטלער!" "דרויטשלאַנד ערוואַכע!" "נידער מיט די אידען!" . . .

היטלער האָט אדאָפּטירט מוסאָליני׳ס היפּנאָטיזם, אפילו דאָס סאַלוטירען שטאַמט פון מוסאָליני׳ן. עס דוכט זיך איהם, אז ער איז דער טעאוטאַנישער מוסאָליני, און דאַרף שפּילען די זעלבע ראָלע אין דייטשלאַנד.

פיעל, זעהר פיעל, האָט איהם געהאָלפען דער יוגענטליכער עלעמענט. די היטלעריסטישע יוגענט האָט געשפּילט א באַדייטענדע ראָלע אין דער געשיכטע פון נאַציזם. זיי זענען געווען אקטיוו און געהאָלפען אין זייער אגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. די דאָזיגע יוגענטליכע אָרגאַניזאַציעס זענען געוואָקסען פון טאָג צו טאָג און געהאָלפען היטלער׳ן אין זיין ערפאָלג. דייטשלאַנד פאַרמאָגט אריבער 13,570,000 מענשען אין עלטער פון צוואַנציג ביז צוויי און דרייסיג יאָהר, וועלכע זענען באַרעכטיגט צו שטימען. מענשען, וועלכע ווייסען ניט פון קיין מלחמה, ווייל זיי האָבען נאָך ניט פאַרזוכט דעם טעם פון מלחמה, און זיי איז זעהר לייכט געווען איינצורעדען, אז דייטשלאַנד דאַרף ארויסטרעטען אין א מלחמה, כדי צו פאַרגרעסערען און ווידער אויפבויען די דייטשע אימפּעריע. פון די 4000 סטודענטען אין היידעלסבורג, זענען זעכציג - זיבעציג פּראָצענט געווען נאַציאָנאַל - סאָציאַליסטען.

דאָס יעלבע איז אויך אין אַנדערע הויך־שולען און אין אוניווערזיטעטען . . . און אַט זיי האָבען געהאָלפען דעם היטלעריזם, ער זאָל אזוי ערפאָלגרייך קומען צו מאַכט, צו פאַרכאַפּען די רעגיערונג.

מען דאַרף אָבער וויסען, אז קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע קען זיך ניט אויפהאַלטען אָן וועלכע עס איז פינאַנציעלע פאָנדען. ענטוזיאזם קאָסט געלט. א פּאָליטישע פּאַרטיי דאַרף געלט צו קענען אָנגעהן מיט איהר ארבייט און אויפהאַלטען די באַוועגונג. נאָך דערצו אַזאַ גרויסע באַוועגונג, וואָס גרייט זיך שוין יאָהרען צו דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע, האָט אויסגעהאַלטען דורך דער צייט שולען, מיליטערישע איבונגען, צייטונגען, דאָס ברוינע הויז, איז געווען א גאַנצע רעגיערונג. ווער האָט דאָס אלעס פינאַנסירט? צו האַלטען דאָס קעסעל אין קאָכען דאַרף מען האָבען א סך געלט. פון וואַנען האָט מען גענומען דאָס אלעס אויסצוהאַלטען? ווער האָט זיי געשטיצט? . . .

די דייטשע בורזשואזיע האָט געלערנט פון דערפאַרונג, אַז עס איז פאַר איהר בעסער איינצושטימען מיט היטלער׳ן, וועלכער שרייט, אז ער מיינט די טובה פון די אַרבייטער און פאָלק. — היטלער, דער "מאַן אוים דעם פאָלקעס", וועט זיין די בעסטע בייטש. זיי, די גרויס־קאַפּיטאַליסטען, האָבען געהאָלפען אויפשטעלען די באַוועגונג, וואָס האָט לויט איהר דעמאַגאָגיע און פּאָליטישען שאַנטאַזש קיין גלייכען צו זיך. מורא האָבענדיג, אז די צווייטע עקסטרעמע, קאָמוניסטישע פּאַרטיי, זאָל ניט אמאָל זיגען, האָבען זיי געהאָלפען בויען דעם דייטשען פאַשיזם, וואָס זאָל ראַטעווען זייער קאַפּיטאַל, און פאַרנאַרען די פאַרצווייפעלטע, אומדערפאַרענע ארבייטסלאָזע.

די נאַצים, אָבוואָהל לויט זייער אָפיציעלען פּראָגראַם, ווילען זיי נאַציאָנאַליזירען די אלע גרויסע געשעפטען און אינדוסטריעס, זענען אָבער אויך זייערע הערצער ניט קיין שטיינער, און זייערע נשמות — קיין ראָזשינקעס. פעדער, דער געזעץ געבער, און הויפּט אויטאָריטעט אין עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, האָט ארויסגענומען פון נאַציאָנאַליזאַציע אָט די, וועלכע ער רופט זיי אָן, די גרינדער פון דער דייטשער אינדוסטריע, ווי למשל, עמיל קורדאָף, דער גרינדער פון דערריינישער קוילען־אינדוסטריע סינדיקאַט. ער האָט אויך ארויסגענומען די קרופּס, טהיסענס, סיעמענס און אַנדערע. און מען דאַרף פאַרשטעהן, אז דאָס האָט מען געטאָן ניט אומזיסט. מען האָט פאַר דעם מסתם גענוג באַצאָלט.

א פאַקט איז, דאָס הוגענבערג, דער פיהרער פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי איז געוואָרען דער בעסטער פריינט פון היטלער׳ן, און געעפענט די ארענא פאַר׳ן היטלעריסטישען ספּעקטאַקעל. זייענדיג דער דירעקטאָר פון די קרופּ מוניציע פאַבריקען, האָט ער געוויס קיין רעה ניט געטאָן די נאַצים. די ביירישע אינדוסטריאַליסטען זענען געווען די ערשטע, און הויפּט פינאַנסירער פון דער נאַצי באַוועגונג. דר. פריטץ טהיסען, דער אינדוסטריעלער נאַפּאָלעאָן — האַלט היטלער׳ן פאַר זיין בעסטען פריינט. אויך די מאָנאַרכיסטען שטיצען די היטלער באַוועגונג. "וואו היטלער וועט מאַרשירען, איז א האָהענצאָלערן גרייט נאָכצוגעהן", האָט פּרינץ

אויגוסט ווילהעלם, קייזער ווילהעמ׳ס זון, זיך געהאט אויסגעדריקט.

די היטלער פארטיי האט אויך באקומען שטיצע פון אויסלאנד, פון זייערע אנהענגער אין אמעריקא, קאנאדע, מעקסיקא, בראזיליע, ארגענטינע, און פון אנדערע לענדער, וואו עס געפינען זיך זיינע סימפאטיקער. באזונדער האבן זיי ארויפגעלייגט א גרויסן שטייער אויף יעדען מיטגליד, וועלכער האט אוועקגעגעבען זיין לעצטען מארק, מיינענדיג, אז אט־אט קומט די ישועה.

קאפיטעל 8

די ערשטע צוויי אויפשטאנדען און דער לעצטער היטלעריסטישער נצחון

1.

דער ווערסאילער פרידענס־אפמאך, די קורצזיכטיגקייט און פארברעכערישע פאליטיק פון די פארבינדעטע, האט ניט נאר פארלייכטערט און פארגרינגערט די ארבייט פון דער דייטשער קאנטער־רעוואלוציע, נאר כמעט פאראורזאכט דעם דורכפאל פון דער דייטשער דעמאקראטיע. דאס איז געווען א פאראויס באשטימטע זאך, וואס איז געווען שווער אויסצומיידען. די ווארצלען פון דעם ליגען אין דער דייטשער נאציאנאלער לאגע נאך דעם וועלט־קריעג, ווען דאס דייטשע פאלק, וואס האט אמאל, אין פארלויף פון א פופציג יאהר פאר דער מלחמה, באהערשט א האלבע וועלט, האט זיך געמוזט באנוגענד לאזען מיט יענער באשיידענער ראלע, וואס מען האט פאר זיי באשטימט.

די דייטשע קאפיטאליסטען, די דייטשע אינזשענירען און פראפעסארען, די דייטשע אריסטאקראטיע און מיטעל־קלאס, א גרויסע צאלרייכע אינטעליגענץ, האט בשום אופן ניט געוואלט שטימען און צוגעבען, אז דייטשלאנד זאל האבען פארלוירען איהר וועלט באדייטונג, און בלייבען א קליינע נאציע. וואס פאר א באדייטונג האט עס געקענט האבען פאר זיי אזא ארימע באשיידענע רעפובליק? וואס פאר א צוקונפט האבען שוין געקענט זעהן די דייטשע קאפיטאליסטען און פאבריקאנטען אן א מעכטיגען פלאט, אן ים הערשאפט, אן א גרויסער און שטארקער ארמיי? וואהין האבען זיך געוואלט אהינטאן די צעהנדליגע טויזענטער יונגעלייט, וועלכע האבען שטודירט און געארבייט צו ווערען אפיצערען, קאפיטאנען? . . .

אט די אלע האבען גע׳חלומ׳ט וועגען דעם צוריקקעהר פון יענע הערליכע אמאליגע טעג; פון יענע צייטען, ווען דייטשלאנד איז געווען איבער אלעס. דער פאשיזם אין דייטשלאנד איז געוואקסען אויף אט דעם באדען, פון דער אנטוישונג פון די מאסען אין דער דעמאקראטיע, וואס איז געקומען נאך דעם מורא׳דיגען, מיליטערישען דורכפאל, און איז געצוואונגען געווען אונטערצושרייבען דעם ווערסאילער פרידענס־אפמאך. די צושפליטערונג אין די רייהען פונ׳ם ארבייטער־

קלאס, האבען דערנעהענטערט דעם זיעג פון דער רעאקציע. שולדיג זענען אויך די סאציאליסטען, וועלכע האבען אפילו ניט געמאכט דעם פרואוו דורכצופיהרען א מעהר גרינדליכע רעוואלוציע. אבער וועגען אט די אלע אורזאכען וואס האבען גע־פיהרט צום היטלער־נצחון, וועלען מיר אין די וויטערע קאפיטלען, גרינדליכער באהאנדלען.

דעם 2־טען מערץ, 1920, ווען מאיאר קאפפ האט געמאכט דעם פארזוך פון א "פוטש" (אויפשטאנד) און געוואלט פארכאפען די מאכט, איז געווען דער ער־שטער פרואוו פון א מאנארכיסטישער רעסטאוראציע. און שוין דאן, זענען די גע־צעהלטע אוואנטוריסטען, ארומגעלאפען צווישען די מאסען, אגיטירען געגען דער דעמאקראטיע, וואס האט איינגעשטימט, און מסכים געווען מיט דעם פרידענס־אפמאך.

וואלפגאנג קאפפ איז אריין אין בערלין מיט זיין קאנטער־רעוואלוציאנעריש מיליטער און פארכאפט די רעגיערונג. דער ענערגישער ווידערשטאנד פון די אר־בייטער, דער גענעראל סטרייק, וואס איז באלד גערופען געווארען, האט צושמע־טערט, און א תל געמאכט פון דער מאנארכיסטישער אוואנטורע. עס זענען נאך דאן געווען יענע קאמפסלוסטיגע ארבייטער, די מעכטיגע סאציאליסטישע פארטיי, וואס האט זיך ניט אפגעשטעלט פאר קיין זאך, און איז ארויס אין קריעג געגען דער רעאקציע. קיינעם איז נאך דאן ניט איינגעפאלען, אז אט די מעכטיגע סאציאל־דעמאקראטישע ארבייטער פארטיי וועט אמאל פארלאזען דעם פארלאמענט און א וואסער עס איז ווידערשטאנד.

צו דער זעלבער צייט איז אין דייטשלאנד געבוירען געווארען דער פאשיזם, וואס האט גלייך ווי אלע לינקע פארטייען, פראפאגאנדירט "רעוואלוציע", סאצי־אליזם, אבער אלעס אויף א נאציאנאלען אופן. די היטלעריסטישע נייע פארטיי האט אויסגענוצט, אין איהר אגיטאציע, די אויפרעגונג פון די מאסען, וואס איז ארויסגערופען געווארען דורך דער אקופאציע פון די ריינישע געגענטען. די נייע פארטיי האט אנגעהויבען פראגרעסירען און געקראגען וואס מעהר אנהענגער.

דער ערשטער רייכס־פארטיי־טאג איז אפגעהאלטען געווארען אין מינכען דעם 28־טען יאנואר, 1923. דאס איז געווען א יאהר פון אויסערגעוועהנליכע אומשטענ־דען. די אינפלאציע האט חרוב געמאכט די גאנצע פינאנציעלע סיסטעם. דאס לאנד איז געווען אין א קריטישער לאגע, די רוהר טעריטאריע — אין כאאס. אין יענעם מאמענט האט שוין היטלער געהאט די העזה צו מאכען א "פוטש". ער מיט לודענ־דארף'ן האבען דעם 8־טען נאוועמבער, אין א ברוי־קעלער, פראקלאמירט די נייע נאציאנאלע רעגיערונג.

די פראקלאמאציע צום דייטשען פאלק, וואס איז דאן פאנאנדערגעטיילט געווארען, האט ערקלעהרט דעם דורכפאל פון דער דייטשער רעפובליק, וואס איז געגרינדעט געווארען פון רעוואלוציאנערע קרימינאליסטען, און אויף איהר פלאץ אוועקגעשטעלט א "דויטשע נאציאנאלע רעגיערונג". פון וועלכער גענעראל לודענ־דארף האט געזאלט זיין דער פרעזידענט, היטלער רייכסקאנצלער, גענעראל פאן

לוססאו אלס קריעגס מיניסטער. אלע שווארצע כוחות האבן זיך דאן פאראייניגט צו מאכען א מיליטערישען אויפשטאנד, אפצורייסען די בייערישע פראווינץ פון דער רעפובליק. היטלער איז אפילו געווען גרייט צו מארשירען אויף בערלין. און ווי עס איז צו זעהן, האט מען זיך שוין פיעל־ווייניג גערעכענט מיט היטלער'ן.

די גאסען דעמאנסטראציעס האבען זיך אנגעהויבען. פון אלע זייטען האט מען אנגעהויבען הערען די אויסגעשרייען, אז "די נאציאנאלע רעוואלוציע איז אין פולען גאנג", מיט דער באגלייטונג: "דער ווערסאילער אפמאך וועט צוריסען ווער־רען!" "דייטשלאנד און עסטרייך וועלען ווידער זיין פאראייניגט! . . . היטלער וואלט געגעבען די דייטשע ארבייטער ברויט! און געשאפען א דייטשען גן־עדן פאר דער ריינער גערמאנישער ראסע!" "מוסאליני האט געראטעוועט איטאליע — היטלער וועט ראטעווען דייטשלאנד!"

מארשירענדיג פאר דעם מאריען - פלאץ, איז פארגעקומען א גרויסער צוזאמענ־שטויס צווישען דער פאליציי און די דעמאנסטראנטען. אכצעהן פון די רעוואלוציאנערען זענען געפאלען טויט. פיעלע זענען פארוואונדעט געווארען, און די נאציאנאלע רעוואלוציע איז אפגעשטעלט געווארען. דער באוואפענטער "פוטש" האט געליטען זעהר א מיאוס'ן דורכפאל. היטלער איז נאכהער פאר'משפט געווא־רען צו פינף יאהר פריזאן, לודענדארף'ן האט מען באפרייט צוליעב זיין פערזענליכ־קייט, זייענדיג איינער פון די גרעסטע גענעראלען.

אויף אזא אופן האבען די ערשטע צוויי אויפשטאנדען געליטען א מיאוס'ן דורכפאל. די רעאקציע איז נאך דאן געווען הילפלאז כל־זמן זי האט ניט געהאט הינטער זיך קיין מאסען באוועגונג.

די גרויס - קאפיטאליסטען און אגרארער, האבען נאך דאן ניט געקענט שאפען אזא מין מאסען באוועגונג. זיי זענען נאך דאן פרעמד געווען די פאלקס מאסען, און ניט געפונען קיין געמיינזאמע שפראך, ווי אזוי זיי צו פאנגען. שפעטער, האבען זיי ערשט אנגעהויבען שטיצען די נאצ. סאציאליסטען, זיי האבען געזעהן אין היטלער'ן דעם אומפארשעהמטען דעמאגאג, וועלכער וועט ערפאלגרייך פיהרען די מאסען אין זייערע וועגען.

היטלער איז אריין אין פריזאן. דער פאשיסטישער פונק האט אבער נאך אלץ געטליעט. גערעכט איז געווען היטלער, וועלכער האט מיט גרויס האפנונג פאראויס אנגעזאגט די בשורה פון דעם נאצישען צוג. שולדיג איז די רעגיערונג, וואס האט צו מילד באטראכט די גאנצע באוועגונג. די פאליטישע קאנספיראציע האט זיך אפילו דערלויבט איהם צו באפרייען, און מאכען איהם פאר א "לעגאלען". פאר־לאזענדיג די טורמע, האט ער שוין אפילו ניט באדארפט מארשירען אויף בערלין. ער האט נאר געדארפט געווינען דאס געוויסען פון פאלק. די מאסען זאלען זיין מיט איהם, און מיט זייער הסכמה, ווערען דער דיקטאטאר. ווען ער האט פארלאזט דעם פריזאן, אין דעצעמבער, 1924, האט איהם איינער פון די וועכטער אריינגע־רוימט א סוד: "הער היטלער, איך בין אויך א נאציאנאל סאציאליסט". עס האט אנגעהויבען צו ווערען א מאסען באוועגונג. די היטלעריסטישע פראזען, וועגען דער

ערויסקייט פון'ם דייטשען פאָלק, אָבוואָהל זיי זענען גאָרנישט, און פאַרמאָגען נישט קיין אינהאַלט, האָבען דאָך באַאיינפלוסט די מאַסען, און ערוועקט דעם דייטשען פאַטריאָטיזם ביים קליינבירגערטום.

2.

די נייע "לעגאַלע" פּאַרטיי האָט אין די ערשטע יאָהרען פון נאָך דעם "פּוטש" ניט געהאַט קיין ערפאָלג. איהר וואוקס איז געגאַנגען גאַנץ לאַנגזאַם. היטלער איז אין די ערשטע פינף יאָהר, (1925—1930) געווען ניט מעהר ווי א העלד ביי זיינע רעאַקציאָנערישע נאָכפאָלגער. טראָץ דעם, וואָס די רעאַקציע איז שוין געווען גענוג פאַרשפּרייט אין דייטשלאַנד, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זענען געוואָרען אויף אזוי פיעל שוואַכער, דאָס ביי די מאי וואַהלען אין 1924, האָבען זיי פאַרלוירען פיר און א האַלבען מיליאָן שטימען, 95 פון 195 דעפּוטאַטען) פאַרגלייכענדיג מיט די וואַהלען אין 1920.

ביז צו דעם גרויסען אַלוועלטליכען קריזיס האָבען די היטלעריסטען אין דייטשלאַנד נאָך אַליין ניט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג. ביי די רייכסטאָג וואַהלען, אין 1928, האָבען זיי אין גאַנצען געוואונען 12 פּלעצער, 2.5 פּראָצענט פון די אָפּגעגעבענע שטימען — דאָס באַווייזט אונז, אז זיי זענען נאָך דאַן געווען ניט מעהר ווי א קליינע פּאָליטישע פּאַרטיי.

פון דאַמאָלסט אָן האָבען זיי אָבער גענומען וואַקסען מיט א מורא'דיגער שנעלקייט. היטלער'ס פאַנטאַזיע פון געווינען פינף־און־דרייסיג מיליאָן שטימען, פון די פערציג מיליאָן וואַהלבארעכטיגטע אין דייטשלאַנד, האָט אָנגעהויבען בּיסלאַכווייז פאַרווירקליכט ווערען. אינ'ם יאָהר 1929, ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער אַלוועלטליכער קריזיס, וואָס האָט אומעטום געהאַט א רעוואָלוציאָנערע ווירקונג, געוועהנליך ניט אזא רעוואָלוציאָנערע שטימונג, וואָס העלפט דעם סאָציאַליזם, נאָר גאָר אַן אנדער מין רעוואָלוציאָנערישקייט. אומגעהויערע פּאָראָרימטע און פאַרצווייפעלטע מאַסען, האָבען גענומען באַשולדיגען אין די אומגליקען פון קריזיס די עקזיסטירענדע רעגיערונג, גלויבענדיג, אז ווען מען זאָל נאָר אומוואַרפען די הערשענדע אָרדנונג, וואָלט מען די וועלט געראַטעוועט פון קריזיס. און דערצו אין דייטשלאַנד, וואו די שטימונג פון פאָלק האָט אין גאַנצען ניט געקענט זיין צופרידען מיט דער רעגיערונג, מיינענדיג, אז זיי זענען עס שולדיג אין דעם ווערסאַילער סיסטעם, וואָס האָט אזוי פאַראָרומט דייטשלאַנד. זיי זענען שולדיג אין דעם פינאַנציעלען קריזיס, און אין דעם ארבייטסלאָזיגקייט. — אָט די דאָזיגע מענשען האָבען געפּרעדיגט ווילדע איבערקערענישען, וועגען אויפשטאַנדען און נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע.

און שוין אין 1929, ביי די פּראָווינציעלע וואַהלען, האָבען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען געצויגען 11.3 פּראָצענט פון די אָפּגעגעבענע שטימען אין טירינגען, און ארייגעזעצט א נאַצי מיניסטער, ווילהעלם פריק, דער ערשטער פון די נאַצים, וועלכער האָט באַקומען א רעגיערונגס פּאָסטען, און איבערגענומען אזא חשוב'ן

פלאַץ וואָס דער גרויסער פּאַעט, געטהע, האָט אַמאָל פאַרנומען. ביי די סעפּטעמבער וואַהלען, אין 1930, זענען שוין זייער צאָל דעפּוטאַטען אויפגעשפּרונגען אויף דער צאָל פון 107, און אַבוואָהל די סאָציאַליסטען האָבען נאָך אריינגעשיקט א רעפּרע־זענטאַציע פון 143 דעפּוטאַטען (געצויגען 8,575,343 שטימען) און די קאָמוניסטען — 87, פון די 576 רייכסטאַג דעפּוטאַטען, האָבען זיי אָבער דאָך שוין קיין מעהר־הייט ניט געהאַט. אין יענע קריזיס יאָהרען, ווען ארבייטסלאָזיגקייט האָט שוין דערגרייכט צו 19.5 פּראָצענט, איז אריין די ריין בורזשואזע רעגיערונג, וואָס האָט נאָך ערגער געמאַכט די צרות. די ברייטע קלאַסען פון מיטעלשטאַנד, און אפשר אויך א געוויסער טייל ארבייטער, זענען אזוי דעמאָראַליזירט געוואָרען פון דער נויט און צרות, אז זיי האָבען אין גאַנצען פאַרלוירען דעם צוטרוי צו די הערשענדע פּאַרטייען. זיי האָבען אָנגעהויבען זוכען עפּעס נייעס, און אָט זענען אונטערגעקומען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען טאַקע געוואונען די אויפגערייצטע מאַסען מיט זייער נייקייט, מיט זייערע פּאַטריאָטישע אידעען. די אַלע מאַסען האָבען געשטערעבט ניט צו פאַרשטענדניש, נאָר צו מאַכט — זיי האָבען געוואָלט מאַכט פאַר א פּערזענליכקייט, וואָס זאָל דינען זייערע אינטערעסען.

די מענשען, צו וועלכע היטלער האָט אין אָנפאַנגס אַפּעלירט, זענען ניט גע־ווען קיין אָרגאַניזירטע ארבייטער. זיי זענען געווען אזעלכע ניט אָרגאַניזירטע און ניט באוואוסטזיניגע ארבייטער. היטלער האָט אַפּעלירט צו אזעלכע מענשען, וואָס האָבען פאַרלוירען זייערע זיהן אין דער מלחמה, וואָס האָבען פאַרלוירען זייערע אַקציעס און געליטען פון דער אינפלאַציע. ער האָט אַפּעלירט צו די פויערים פון מיטעלשטאַנד, אויף וועמען די מלחמה און אינפלאַציע האָבען שטאַרק געווירקט צו פאַרערגערען זייער לאַגע. היטלער האָט זיי דערקלעהרט, אז מען דאַרף האַסען דעם סאָציאַליזם, וואָס מיינט אינטערנאַציאָנאַליזם, און זיי ערקלעהרט זיין פּראָגראַם פון א געמישטען נאַציאָנאַליזם און ראַסען פילאָזאָפיע, דאָס נאָר "אריער", ספּעציעל "נאָרדיקער", זענען די איינציגע, וועלכע זענען ווערט צו זיין די שאַפער און רע־גירער איבער דער וועלט.

זיין אנטיסעמיטיזם האָט דאָ געשפּילט — ווי מיר האָבען שוין באַטאָנט איינגע מאָל — א וויכטיגע ראָלע. היסטאָריע חזר'ט זיך איבער, און בפרט ביים קליינבירגערטום און פויערטום, ביי וועלכע עס איז צופלאַקערט געוואָרען די אַלטע איינגעוואָרצעלטע ראַסען אינסטינקטען. זיי האָבען אָנגעהויבען זיך נעהמען צו די אַלטע טענות, מיט וועלכע דער מיטעלאַלטער איז פול מיט זיי. זיי האָבען זיך דער־מאָנט אין די אַלטע טענות, אז אידען זענען מקריב קריסטליכע קינדער, מערדערען זיי ריטואַליש א. ד. גל. די שנאה איז געוואַקסען אומגעהויער, און האָבען זיך אָנגע־שלאָסען אין דער פּאַרטיי, וואָס האָט צוגעזאָגט אויסצוואָרצלען דעם איד פון דייטשלאַנד און צוטיילען אידיש פאַרמעגען צווישען די דייטשען.

פאַר היטלער'ן, זייענדיג אין דער אָפּאָזיציע, איז זעהר לייכט געווען צוצוזאָ־גען, אז ער וועט ארונטערנעהמען די גרויסע רעפּעראַציעס, וואָס דייטשלאַנד דאַרף צאָלען צו די אַנדערע מלוכות, וואָס האָבען געזיעגט אין דער וועלט־מלחמה. פאַר

איהם איז זעהר לייכט געווען צוצוזאָגען: "מיר קענען ניט צאָלען, און וועלען ניט
צאָלען!" היטלער האָט אגיטירט פאַר דער איינהייטליכקייט פון דער נאַציע. ער
האָט גערעדט וועגען דער "אַלטער גלאָריע", א ליבלינג אידעע ביים דייטשען קליינ־
בירגערטום, ווי די רוימישע אימפעריע אין איטאַליע. "גרויס־פוילען" — אין
פוילען. ער האָט פאַר זיי געשאַפען א נייעם סאָציאַליזם, אַן עכט דייטשען סאָציאַ־
ליזם, אין געגאַנזאַץ צו דעם אידישען, מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם.

אָט אין יענע יאָהרען (1929—1930), איז קלאָר געוואָרען, אז דער וואָגען
פון דער דייטשער רעפובליק קייקעלט זיך בארג אראָפּ, נאָך די דריי־פיר יאָהר, וואָס
זי איז געגאַנגען בארג ארויף. דער אַרבייטער קלאַס האָט שוין דאַן ניט געקענט
איינהאַלטען יענע פּאָליטישע און געזעלשאפטליכע פּאָזיציעס, וואָס ער האָט שוין
געהאַט אויסגעקעמפט אין די פריהערדיגע יאָהרען, און איז געווען געצוואונגען צו
פאַרטיידיגען זיך, איידער אָנגרייפען דעם צווייטען. די קאַפּיטאַליסטישע פאַר־
טייען האָבען דאָס פאַרשטאַנען, און טאַקע אויסגענוצט די געלעגענהייט ניט נאָכ־
צוגעבען די ס. ד. און זייערע פאָדערונגען. נאַכהער, ווען מען האָט געזעהן דעם
היטלעריסטישען ערפאָלג ביי די וואַהלען, דעם 14־טען סעפּט., 1930, וואָס איז גע־
ווען א ווארנונג צו דעם ארבייטער קלאַס ער זאָל זיך פאַראייניגען, האָבען די סאָצי־
אַליסטען און קאָמוניסטען ניט אזוי געטאָן, נאָר ווייטער פאָרטגעזעצט זייער טאַק־
טיק מיט באשמוצען און באשימפען איינער דעם צווייטען.

נאָך דעם טויט פון גוסטאַוו שטרעזעמאַן, דייטשלאַנד'ס אויסערן מיניסטער,
האָט זיך די אידעע פון דיקטאַטור זעהר פאַרשפּרייט צווישען דייטשען פּאָלק. דער
קריזיס האָט אזוי פיעל פאַרשאַרפט די געגענזאַצען צווישען דעם ארבייטער קלאַס
און דער בורזשואזיע, אז עס איז געווען אונמעגליך פאַר די דייטשע סאָציאַליסטען
צו בלייבען ווייטער אין דער רעגיערונג. אין מערץ, 1930, האָט דער גאַנצער מיניס־
טאָרען קאַבינעט, מיט דעם סאָציאַליסטישען פּרעמיער, הערמאַן מילער, רעזיגנירט,
און היינריך ברינינג, פון דער דעמאָקראַטישער, קאטוילישער "צענטרום", איז גע־
וואָרען פּרעמיער מיניסטער. סאָציאַליסטישע מיניסטאָרען, אָן א סאָציאַליסטישער
מעהרהייט, האָבען דעם קריזיס ניט געקענט באַקעמפען. עס איז שוין געווען צו
שפּעט צו וועלען סאָציאַליזירען, אָדער איבערנעהמען פאר דער מלוכה געוויסע אינ־
דוסטריעלע צווייגען, וואָס וואָלט פיליכט פאַרגרינגערט דעם קריזיס. די סאָציאַ־
ליסטען האָבען שוין ניט געהאַט די מאַכט. דאָס דייטשע פּאָלק האָט אָנגעהויבען
זוכען א טעאוטאנישען מוסאליני, און היטלער'ס דעמאַגאָגיע האָט אָנגעהויבען
גילטען.

היטלער האָט אָבער דאַן נאָך ניט געוואָלט איבערנעהמען די רעגיערונג, ער
האָט גלייכער געוואָלט זיין אין דער אָפּאָזיציע, צו קענען קריטיקירען די הערשענדע
מאַכט און צוצוזאָגען ווילדע פאַרשפּרעכונגען, כדי צו געווינען דאָס גאַנצע פּאָלק.
די פּאָליטישע פונקציע פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען איז געווען צו שאַפען א
מאַסען־באַזיס פאר דער פּאָליטישער און סאָציאַלער רעאַקציע. דער היטלעריזם,
וואָס האָט גענומען פון אלע פּראָגראַמען, פון סאָציאַליסטישע ביז צו מאָנאַרכיסטי־

שע, אויף א ווילד דעמאַגאָגישען אופן, האָט געמוזט האָבען אַ באַזע, כדי דער פּאָליטישער שאנטאַזש זאָל אָנגעהן. די סאָציאַלע באַזע איז געווען — די נויט פון מיליאָנען, די דעקלאַסירונג פון מאַסען קליינבירגער. ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען, האָט דאָ דער ווערסאַילער פרידענס־אָפּמאַך געשפּילט א גרויסע ראָלע. און גאָר א גרויסע ראָלע האָט דער אָפּמאַך געשפּילט ביים שאַפען א פרוכטבאַרען באָדען פאַר'ן שאָוויניזם — די נאַציאָנאַלע באַזע.

די בורזשואַזיע, די אגראַר קאַפּיטאַליסטען, האָבען גענומען אויסנוצען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באַוועגונג פאַר זייערע אינטערעסען, און מאַנכע פון זיי, האָבען דאָ געהאַט מאָנאַרכיסטישע צילען. היטלער האַלט דאָך שטענדיג אין איין פרעדיגען, פאַר דעם אומקער פון דער מאָנאַרכיע. קייזער ווילהעלמ'ס זון שפּילט אַן אקטיווע ראָלע אין דער נאַצי באַוועגונג. די קאַפּיטאַליסטען האָבען געהאָלפען מיט דער פינאַנציעלער שטיצע, און די באַוועגונג איז טאָג־טעגליך גרעסער געוואָרען.

דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסען צווישען די היטלעריסטען מיט די קאָמוניסטען זענען געווען א טעגליכע ערשיינונג. טויזענטער זענען געוואָרען פאַר־וואונדעט, א סך זענען גע'הרג'עט געוואָרען — דער ציווילער קריעג איז געווען אין פולען גאַנג. היטלער איז געוואָרען דער העלד פון מיליאָנען. פאַר איהם האָבען שוין געשטימט די פאַרצווייפעלטע און דעמאָראַליזירטע מאַסען, וועלכע האָבען איהם געגלויבט, אז ער וועט רעטען דייטשלאַנד, און צוצוברעכען דעם ארויפגעצוואונגענעם פאַרברעכערישען ווערסאַילער אָפּמאַך.

אין יענע יאָהרען זענען די מאַסען ארבייטסלאָזע ריזיג געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. ווי די "פרייע געווערקשאַפטען" גיבען איבער, זענען אריבער 40 פּראָצענט פון אלע מיטגלידער געווען אין גאַנצען ארבייטסלאָז, און אריבער 22 פּראָצענט — געאַרבייט צוביסלאַך. ווי עס ווערט באַוויזען אין דער פאָלגענדער טאַבעלע *)

	אין גאַנצען ארבייטסלאָז			צוביסלאַך ארבייטסלאָז		
	1929	1930	1931	1929	1930	1931
יאַנואַר	19.4	22.0	34.2	8.2	11.0	19.2
פעברואַר	22.3	23.5	34.5	8.5	13.0	19.5
מערץ	16.8	21.7	33.8	7.5	12.6	19.0
אַפּריל	11.1	20.3	31.9	6.6	12.1	18.2
מאַי	9.1	19.5	30.0	6.3	12.0	17.5
יוני	8.6	19.5	29.8	6.2	12.6	17.7
יולי	8.6	20.5	31.1	6.5	13.9	19.2
אויגוסט	9.0	21.7	33.7	6.7	14.8	21.5
סעפּטעמבער	9.1	22.5	35.1	6.9	15.1	22.5
אָקטאָבער	10.9	23.6	36.8	7.0	15.4	22.1
נאָוועמבער	13.7	26.0	39.0	7.6	16.1	21.9
דעצעמבער	20.1	31.7	42.3	8.5	16.9	22.4

*) פאַרגלייך: *) K. I. Wiggs, Unemployment Germany, 1933, Appendix, p. 210

אין דעצעמבער, 1930 איז די צאָל אפיציעל רעגיסטרירטע ארבייטסלאָזיי געווען 4,383,843. דעם זעלבען מאָנאט אין 1931 — 5,668,187, און אין דעצעמבער 1932 איז פאקטיש שוין געווען אין דייטשלאַנד ווייט אריבער אכט מיליאָן ארביימסלאָזע.

בעת די ארבייטסלאָזיגקייט האָט געהאלטען אין איין וואקסען האָט די ארביימסלאָזע הילף געהאלטען אין איין פאלען. א פארגלייך צווישען די צווי חדשים אָקטאָבער 1931 און אָקטאָבער 1932, וועט אונז געבען א קלאָר בילד.

	1931	1932
צאָל ארבייטסלאָזע — — — — — —	4,623,000	5,109,000
ארבייטסלאָזע פארזיכערונג — — — —	1,185,000	582,000
קריזים שטיצע — — — — — — — —	1,350,000	1,139,000
וואוילטעטיקע שטיצע — — — — —	1,409,000	2,000,000
אָן שטיצע — — — — — — — — —	779,000	788,000 (*

תייסט עס, אז ניט קוקענדיג אויף דער פארגרעסערטער צאָל ארבייטסלאָזע (דאָ רעדט זיך וועגען אָפיציעלע ציפערען) איז די צאָל אונטערגעשטיצטע, שוין געווען שארף געשניטען אין פארגלייך מיט אָקטאָבער 1931. די טאבעלע ווייזט אויך אז עס האָט זיך פארגרעסערט די צאָל ארבייטסלאָזע אין דער קאטעגאָריע וואָס האָט געקראָגען צוגעוואָרפען די נישטיגע וואוילטעטיגקייט, און עס האָט זיך אויך פארגרעסערט די וועלכע האָבען אין גאנצען ניט געקראָגען קיין הילף. און אָט די פאָרפעריזאציע, די פאראָרימקייט פון די האָרעפּאשנע מאסען, האָט געפירט צום היטלעריסטישען זיג. דער אנטשיידענער נצחון פון די נאצים איז געקומען אין דער צייט פון שרעקליכען עקאָנאָמישען קריזיס, וואָס האָט פאראָרימט דעם מיטעלשטאנד און דעם פראָלעטאריאט.

דער וואוקס פון אנטי - קאפּיטאַליסטישע שטימונגען אין די האלב-פּראָלעטארישע און קלייןבירגערליכע מאסען, און די אומשטענדען פון שווערען קריזיס, איז קונציג אויסגענוצט געוואָרען פון דער פאשיסטישער דעמאגאָגיע. די דייטשע בורזשואזיע האָט געשטיצט דעם פאשיזם, געהאָלפען איהם שטעלען זיך אויף די פיס, און האָט צוגעגרייט די כוחות, וועלכע האָבען פארניכטעט די סאציאל דעמאָקראטיע און די פרייע פראָפעסיאָנעלע פאראיינען. די נאציאָנאַליסטען — די ארבייטער פיינד, האָבען געשאפען א קאָאַליציע, א פאראייניגטען נאציאָנאלען פראָנט — ווי זיי האָבען עס גערופען, אין הארצבורג.

די פעדעראל - קאפּיטאליסטישע רעאקציע, וואָס האָט אומגעוואָרפען די ברינינג רעגיערונג, אין מאי 1932, האָט געמאכט דעם אָנהויב פון אן אָפענער קאנטר-רעוואָלוציאָנערען אָנגריף געגען דער דעמאָקראטיע. פאָן פאפען, וועלכער איז געשטאנען בראש פון דער קאפּיטאליסטיש - יונקערישער קאָנצענטראציע, און זיך ענערגיש גערייט צו א מאָנאַרכיסטישער רעסטאַווראציע, איז דורכגעפאלען און זיך לאנג אין

*) פ. נאוויק, פאשיזם — דייטשלאַנד (בראָשורע) ניו־יאָרק 1933, ז. 8.

מאכט נישט געהאלטען. גענעראל פאָן שלייכער, דער פאָרשטעהער פון רייכסווער, האָט איבערגענומען די רעגיערונג. עס דארף דאָ אויך אויפמערקזאם ווערען, אז דער רייכסוועהר האָט שטענדיג געשפילט א גרויסע ראָלע, און קאָנטראָלירט די גאנצע רע־גיערונג. דער פארלאמענט איז, אלזאָ, באשטאנען פון אן אנטי־פארלאמענטארישער מעהרהייט. די קאָנסטיטוציאָנעלע מלוכה מאכט איז געשטאנען אין די הענט פון פּרעזידענט הינדענבורג, און דער רייכסוועהר.

געגען אנדערע שונאים, האָט פאָן פאפען זיך פאראייניגט מיט היטלער׳ן. פאָן פאפען, וועלכער רעפּרעזענטירט מיט זיך די אגראר קאפּיטאליסטישע קרייזען, די מאָנארכיסטישע רעאקציאָנערען, האָבען זיך פאראייניגט מיט היטלער׳ן, וועלכער רעפּרעזענטירט, פריהער פאר אלץ, דעם רעוואָלטירענדען מיטעלשטאנד, און דאָס פויערטום. עס איז געשאפען געוואָרען א פארבאנד פון דער פעאָדאל ־ מאָנארכיס־טישער רעסטאָווראציע, מיט׳ן פאשיזם; פון די אגראר ־ קאפּיטאליסטישע קרייזען מיט דעם רעאקציאָנערישען קליינבירגערטום.

אין פּאָליטישען הינזיכט איז עס געווען א פארבאנד פון דער פעאָדאל־מאָנארכיסטישער רעאקציע מיט דעם פאשיזם; אין פארטייאישען הינזיכט איז עס געווען א קאָאליציע פון הוגענבערג׳ס "דויטשע ־ נאציאָנאלע" פארטיי מיט היטלער׳ס נאציאָנאל ־ סאָציאליסטען; אין מיליטערישען הינזיכט — א פארבאנד פון היטלער׳ס שטורם ־ אָפּטיילונגען מיט הוגענבערג׳ס "שטאָלהעלם" ביי דער הבר׳שער מיטהילף פון רייכסוועהר מיט גענעראל בלומבערג בראש. הוגענבערג׳ס "דויטשע נאציאָנאלע" פארטיי האָט איינגעזעהן, אז אָן א מאסען באזיס קען די קאָנטר ־ רעוואָלוציע ניט מנצח זיין, דאריבער האָבען זיי געמוזט מאכען א פשרה מיט׳ן קליינבירגערליכען פאשיזם.

* * *

דער דרייסיגסטער יאנואר, 1933 איז געווען א וויכטיגער עטאפ אויפ׳ן וועג פון דער דייטשער קאָנטר־רעוואָלוציע. דאן זענען די נאציאָנאל ־ סאָציאליסטען, דער רוקענביין פון דער דייטשער רעאקציע, אריינגעטראָטען אין דער רעגיערונג, מיט היטלער׳ן אלס קאנצלער. די רעגיערונג פון היטלער — פאָן פאפען — הוגענבערג פאראייניגט אין זיך אלע כוחות פון דער דייטשער רעאקציע. דער פאשיזם איז שוין אויף א "לעגאלען" אופן, געקומען צו דער מאכט. ביי די שטיך וואהלען פון 5־טען מערץ, 1933, האָבען זיי באקומען א העלפט פון אלע אָפּגעגעבענע שטימען, און צו־זאמען מיט די אלע אנדערע נאציאָנאליסטישע רעאקציאָנערע פארטייען, האָבען זיי שוין געהאט ווייט אריבער א מערהייט פונ׳ם דייטשען פאָלק. אזוי ארום איז היטלער געוואָרען דער פאקטישער דיקטאטאָר פון דייטשלאנד און דערגרייכט צו דער זעלבי־גער שטופע וואָס מוסאליני אין איטאליע. היטלער האָט רעאליזירט זיינע חלומות צו רעגירען איבער דייטשלאנד און אויסצופירען זיין פּראָגראמלאָזיגקייט, מיט אויס־וואָרצלען דעם מארקסיזם און אידען . . .

די פאשיסטישע פאָרם פון קאָנטר ־ רעוואָלוציע שטייגט ווייט אריבער די

געוועהנליכע טראדיציאָנעלע פאָרמען פון א קאָנטער־רעוואָלוציע. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס עס האָט אָנגענומען א מאַסען כאַראַקטער. די שטימונג פון דייטשען פאָלק, איז פאַר היטלער'ן; קיין פּאַרטיי קען דאָס ניט אויסמיידען, אָדער קעמפען געגען איהר, אויב זי איז פאַרוואָרצעלט אין די גרויסע פאָלקס מאַסען. דער יסוד פון היטלעריזם איז דאָך, די נאַציאָנאַלע סטיכיע — די וואָרצלען פונ'ם דייטשען פאַשיזם קומען פון דייטשלאַנד'ס מפלה אין לעצטען וועלט־קריעג. "דייטשלאַנד וואַך אויף" איז היטלער'ס לאָזונג. ער באַצייבערט די מאַסען מיט זיין פערספּעקטיוו פטור צו ווערען פון ווערסאַלער אָפּמאַך — אונטער'ן דראַנג פון אויפגעברויזטען נאַציאָנאַליזם, האָט ער געקענט פּאָפּולאַריזירען אין די ברייטע מאַסען די אידעע פון דעם דייטשען פאַשיזם. אָט דאָס איז דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון דעם דייטשען פאַשיזם און זיין צוציהונגס־קראַפט, ביי די פאַרשיידענע קלאַסען.

נאָך ביי די לאַנדטאַג וואַהלען, דעם 25־טען אַפּריל, 1932, איז די פאַשיס־טישע פּאַרטיי געוואָרען די שטאַרקסטע אין פיר פון די פינף דייטשע שטאַטען. זי האָט אָבער דאַן נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין מערהייט איבערצונעהמען די פּראָווינ־ציעלע רעגיערונגען. אין פּרייסען — דער גרעסטער און וויכטיגסטער שטאַט, האָ־בען די היטלעריסטען באַקומען אַכט מיליאָן מיט אַכט טויזענט שטימען, און אריינ־געשיקט א פּאַרטערשאַפט פון 162 דעפּוטאַטען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, האָ־בען געצויגען פיר מיליאָן מיט 675 טויזענט, און באַקומען ניט מעהר ווי 93 דעפּו־טאַטען, אנשטאַט די פריהערדיגע 137 פּאַרטרעטער; די קאָמוניסטען — צוויי מיליאָן, 819 טויזענט, און 602, און באַקומען 56 רעפּרעזענטאַנטען אנשטאַט די ביז דאַמאָלסטדיגע — 48. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די אַנדערע שטאַטען. איבעראַל האָבען די היטלעריסטען געזיגט.

און אפילו אין פריהלינג, 1932, אין דער צייט ווען היטלער איז נאַטוראַלי־זירט געוואָרען אין דייטשלאַנד און געלאָפען פאַר פּרעזידענט, האָט ער געצויגען א גרויסע צאָל שטימען געגען הינדענבורג'ן, טראָץ דעם, וואָס הינדענבורג איז דער סימבאָלישער מענש אין דייטשלאַנד — דער אידעאַל פונ'ם דייטשען פאָלק. און דאָס, וואָס אין די וואַהלען פונ'ם 6־טען נאָוועמבער (1932), האָבען די היטלעריס־טען פאַרלוירען אַן ערך צוויי מיליאָן שטימען, איז עס געווען א דאַנק זייערע ריי־סערייען צווישען זיך זעלבסט, צוליעב דער ניט אייניגקייט אין זייערע רייהען, וואָס אַן אָנגעזעהענער פאַשיסטישער פיהרער, שטראַססער, האָט רעוואָלטירט, און צוליעב די צאַנקערייען און אָנגריפען צווישען די פאַשיסטען און דעם רעאַקציאָנערען פרע־מיער פאָן פאַפּען. דער רעזולטאַט פון די נאָוועמבער וואַהלען איז געווען:

	צאָל שטימען	דעפּוטאַטען
נאַצ. סאָציאַליסטען — — — — — — —	12,000,000	195
סאָצ. דעמאָקראַטען — — — — — — —	8,000,000	135
קאָמוניסטען — — — — — — — — —	6,000,000	90
צענטרום — — — — — — — — — —	4,500,000	67
נאַציאָנאַליסטען — — — — — — — —	2,500,000	50

היטלער, זעהענדיג, אז דאָס פאָלק איז מיט איהם, האָט שוין דעם 13־טען אויגוסט געפאָדערט די זעלבע מאַכט, וואָס מוסאָליני האָט אמאָל געפאָדערט אין רוים. דער פּרעזידענט האָט אָבער זיין פאָדערונג צוריקגעוואָרפען, און קאטעגאריש אנטזאגט צו געבען איהם די מאַכט. הימלער האָט אָנגעהויבען צוגרייטען א דריטען "פוטש", און ווי מען האָט זיך דערוואוסט פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער ציייטונג "פּאָפּולער", וואָס האָט פאַרעפענטליכט דעם 19־טען מערץ 1933 א קאָ־רעספּאָנדענציע פון דייטשלאַנד, זאָל היטלער געווען צוגרייטען און אויסאַרבייטען א פּלאַן, וואָס וואָלט די פארשווערונג געווען געמאַכט אויף א נאר ברייטער שטייגער.

"מען האָט אין אָנפאנגס געפּלאָנעוועט אונטערצוצינדען ניט בלויז א טייל פון'ם דייטשען פּאַרלאַמענט, נאָר ארום און ארום; דאָס פייער זאָל זיך פאַרשפּריי־טען מיט אזא שנעלקייט, אז מען זאָל דערנאָך בשום אופן ניט קענען פּאָלען אויף קיין שפּור אויסצוגעפינען דעם אמת, ווער עס האָט אונטערגעצונדען דעם רייכסטאַג. (פאַר'ן אונטערצינדען דעם רייכסטאַג זענען באשולדיגט געוואָרען 4 מענשען, אָן וועלכע עס איז באוויזען. וואן דע לאבע'ן, דעם 'כלומרשטען' קאָמוניסט, האָט מען פאַר'משפּט צום טויט. — נ ש.).

"זיי האָבען ווייטער געפּלאַנט" — שרייבט די "פּאָפּולער", "אז ווען די רייכסטאַג געביידע וועט שוין זיין אין גאַנצען אין פלאַמען, זאָלען היטלער'ס צו־רייצטע מחנות, זיך ארויפוואַרפען אויף די קאָמוניסטען און סאָציאַליסטען, אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, און הייסען וועט עס, אז דאָס "דייטשע פאָלק" דריקט אויס דעם צאָרן אויף די, וואָס זענען שולדיג אין דעם, וואָס דער דייטשער פּאַר־לאַמענט איז אין פלאַמען . . . נאָכהער זאָל די היטלער־רעגירונג מאַכען דעם אָנ־שטעל, אז זי איז אויסען "איינצושטילען דאָס פאָלק", האַלטען אָרדנונג — ארויס־געבען א באַפעהל, וואָס זאָל די קאָמוניסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין גאַנצען אוועקשטעלען אויסער'ן געזעץ, אָפּשאַפען זייערע וואהל־צעטלאך, און ארעסטירען אַלע פיהרער. דאָס וואָלט שפּעטער, אין די וואהלען, געגעבען היטלער'ן אן אבסאָ־לוטע מערהייט. דאַן וואָלט מען שוין געצוואונגען הינדענבורג'ן צו רעזיגנירען, פאָן־פּאַפּען - הוגענבערג, צו באזייטיגען און היטלער זאָל איבערנעמען די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט.

"אָט די אַלע זאַכען" — שרייבט די "פּאָפּולער" — "האָבען געדאַרפט פאָר־קומען דעם 5־טען מערץ. דער פּלאַן איז אָבער דורכגעפאַלען, און ניט דורכגעפירט געוואָרען, ווייל עס איז געשעהן א זאַך, וואָס מען האָט פריהער ניט געקענט פאָר־אויסזעהן. די היטלעריסטען זענען געווען געצוואונגען צוצואיילען זיך מיט דעם פּלאַן אונטערצוצינדען דעם רייכסטאַג, כאָטש זיי האָבען נאָך ניט געהאַט פאַרטיג אַלץ, וואָס איז נויטיג געווען. אין דער איילעניש האָט מען ניט געקענט אונטער־צינדען דעם גאַנצען רייכסטאַג, נאָר בלויז א טייל פון איהם. עס האָט זיך אויך ניט איינגעגעבען אָפּצואווישען די שפּורען, און וואן דער ליובע, וועלכער האָט גע־מאַכט דעם פייער, האָט נעבאָך, געמוזט וואַרטען אונטער א טיר, פופצעהן מינוט, ביז די פּאָליציי זאָל קומען איהם ארעסטירען.

"צושטערט געוואָרען איז היטלער'ס פלאַן" — דערצעהלט ווייטער די צייטונג — "ווייל דעם 27־טען פעברואר האָט פאָן פאפען געקראָגען א "געהייסע און וויכטיגע ידיעה". גלייך נאָכדעם זענען צוזאמענגערופען געוואָרען די פיהרער פון די "שטאָלענע היטלען", און זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט הוגענבערג'ן און פאָן שלייכער. שפעטער איז גערופען געוואָרען א געהיימע באַראַטונג צווישען פרעז. הינדענבורג און פאָן פאפען. נאָך א באַראַטונג פון צוויי שטונדען, האָבען זיי באַשטימט צוצוגרייטען אלע מיליטערישע אָפטיילונגען איבער'ן גאַנצען לאַנד, אז זיי זאָלען זיין גרייט צום שלאַכט.... די היטלעריסטישע שפיאָנען האָבען זיך דערוואוסט פון דעם און מורא האָבענדיג דורכצופיהרען זייער פלאַן, טאָמער וועלען זיי כאַפען א פולשטענדיגע מפלה, האָבען זיי געענדערט זייער פלאַן, צוצואיילען דאָס פאַרברענען דעם רייכסטאַג אויף דעם 27־טען פעברואר, וואָס האָט שוין ניט געבראַכט די געהעריגע רעזולטאַטען".

די לעצטע מערץ וואַהלען זענען אָבער דאָך פאָרגעקומען אונטער א שרעקליכען טעראָר. דער גאַנצער מלוכה אַפאַראַט האָט געהאָלפען היטלער'ן געווינען די וואַהלען. די ראדיקאלע פארטייען זענען דערשטיקט געוואָרען. קאָנפערענצען פון אָפאָזיציאָנעלע פארטייען זענען פארבאָטען און צוטריבען געוואָרען פון די היטלעריסטישע שטורם אפטיילונגען. סאָציאליסטישע פיהרער זענען פארשיקט געוואָרען אין די טורמעס, פראָפעסיאָנעלע פאראיינען זענען פאַרכאַפט געוואָרען, און די לאַגע, וואָס האָט געהערשט אין דייטשלאַנד (און הערשט נאָך איצט. — נ. ש.) איז געווען טויזענט מאָל ערגער ווי די בלוטיגע וואקכאַנאַליע פון די פאַשיסטישע באַנדעס אין איטאַליע. וועגען דעם היטלעריסטישען טעראָר איז אינטערעסאנט צו לעזען דאָס באַרימטע "ברוינע בוך", וואָס איז פארעפענטליכט געוואָרען אונטער דער רעדאַקציע פון לאָרד מארלי. *)

היטלער, אין גאַנצען דריי־און־פערציג יאָהר אלט, א זוהן פון אן עסטרייכישען אונטעראָפיצער, א מענש אָהן א לאַנד, א געוועזענער ארטיסט - ארכיטעקט, איז געוואָרען דער העלד פון מיליאָנען — די גאַנצע וועלט שרעקט זיך פאר איהם. ער טעראָריזירט דייטשע שטראַסען, ער קעמפט געגען אינטערנאַציאָנאַליזם, רופט צום "מאַרש אויף פראנקרייך", און מיט זיין עסטרייכישען דיאַלעקט, באַאיינפלוסט ער דאָס דייטשע פאָלק.

יאָ, דער ווערסאַילער פרידענס - אָפמאַך, די צושפליטערונג פון דעם פראָלעטאַריאַט, און דער ווירטשאפטליכער קריזיס — דאָס זענען געווען די הויפט דריי אורזאַכען פון דער שוואַכקייט פון דער דייטשער דעמאָקראַטיע, און פון דעם האָט זיך גענומען די אומבאַזיגבארע קראַפט פון דער היטלער באַוועגונג. היטלער דאַרף אָבער אום צו ליקווידירען די ארבייטסלאָזיגקייט, נאַציאָנאַליזירען די בענק, פטור צו ווערען פונ'ם ווערסאַילער פרידענס - אָפמאַך, און צוריקצונעהמען די אלע אוועקגענומענע געגענדען, ווי דאנציג, דעם פוילישען קארידאָר א. א. וו. איצט איז שוין

*) The Brown Book of the Hitler Terror, prepared by the World Committee for the Victims of German Fascism, published by Alfred Knopf, New York 1933

געקומען די צייט ווען עס דארף געטאָן ווערען עפּעס ממשו׳דיגעס. איבערצוגעהן פון פּראַזען צו טאַטען, פון טעאָריע צו פּראַקטיק. היטלער׳ן איז אָבער ניט אזוי לייכט, דורכצופיהרען זיינע הבטחות.

די נאַציאָנאַל - סאָציאַליסטען האָבען פארזיכערט דעם עולם א ״דריטען רייך״, וואָס וועט ראַטעווען דייטשלאַנד פון ווירטשאַפטליכען קריזים און ארבייטסלאָזיגקייט; היטלער האָט כסדר פארזיכערט, אז ער וועט זיין דער ריכטיגער רעצעפּט פאר אלע חולאת׳ן. מיליאָנען דייטשען גלויבען אין א נס — די אנטוישונג פון די מאַסען, וועט אָבער זיין זעהר ביטער. די טראַגעדיע פון היטלער׳ן וועט זיין דאָס, וואָס ער האָט זיך צו הויך אויפגעהויבען, און וועט אפשר דאַרפען פון אזא הויך פלאַץ ארונ־טערפאַלען.

קאַפּיטעל 9

פאשיזם אין דייטשלאַנד

שוין מיט איינינגע יאָהר צוריק האָבען געוויסע פּאָליטיקער און זשורנאַליסטען געזוכט צו באַווייזען, אַז די דייטשע רעפּובליק וועט צופאַלען, און ארונטערפאַלען וועט זי אונטער א דיקטאַטאָרישער מאַכט. שוין גאָר אין אָנפאַנגס פון דער היט־לערישטישער באַוועגונג, האָבען איינינגע חכמים אָנגעהויבען פּאָלעמיזירען און אויפ־קלעהרען וועגען דער געפאַר פונ׳ם פאשיזם אין דייטשלאַנד. עס האָט אָבער דאַן נאָך אַלץ אויסגעזעהן ווי אַן אַבסטראַקטע זאַך, פאַר וועלכער מען דאַרף זיך נאָך ניט שרעקען; מען האָט זיך עפּעס גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז עס וועט אַזוי אין גיכען געשעהן.

עס איז אפילו געווען צייטען, ווי למשל, נאָך די סעפּטעמבער רייכסטאַג וואַהלען — 1930, ווען מען האָט פּשוט געמיינט, אַז דער פאשיזם דערגרייכט שוין זיין קולמינאַציאָנס פונקט, און וועט זיך שנעל פאַנאַנדערפאַלען. מען האָט גע־מיינט, אַז אָט־אָט און ער וועט פארשוואונדען ווערען, און אראָפּ פון דער פּאָליטישער סצענע. מיט אַזאַ אָפּטימיזם האָט מען געוואָלט די פראַגע לייזען.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד האָט אַלץ געמיינט, אַז מיט דעם שטיצען די ברינינג־הינדענבורג רעגירונג, וועט איהר געלינגען צו פאַר־מיידען, אַז די מאַכט זאָל איבערגעהן אין וועלכע עס איז פינסטערע פאשיסטישע הענט. דאָס, וואָס הינדענבורג האָט באַשטימט היטלער׳ן אלס קאַנצלער, האָט ארויס־געוויזען זייער קאָלאָסאַלען טעות, אַז מען טאָר זיך גאָר ניט פארלאָזען אויף דער פארעטערישער בורזשואזיע. פארקערט, דורך דער קאָאַליציאָנס טאַקטיק, פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי מיט דער רעגיערונג, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען דער ארבייטער קלאַס, פון וועלכע עס איז רעוואָלוציאָנערישער טעטיגקייט. דאָס ״עוואָלוציאָנערישע״ שטילשווייגען איז לגמרי ניט געווען קיין געווינס פאַר דעם דייטשען ארבייטער קלאַס.

דער איינציגער מיטעל צו קעמפען געגען דעם פאשיזם איז דאָס, וואָס יעדער דיינקענדער מענש קען זען — די פאראייניגונג פוןביידע "אינטערנאַציאָנאַלען". אָט דאָס האָט געדאַרפט באַלד געטאָן ווערען. "ביידע", די לינקע און רעכטע, האָבען געדאַרפט שאַפען איינהייט אין דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט, און דורך א פאראייניג־טען פראָנט צו קעמפען געגען דער דיקטאטור פון היטלער'ן און זיינע רעאַקציאָנע־רישע נאָכפאָלגער. אונטער דער פאָן פון א פאראייניגטען ארבייטער קלאַס, האָט מען געדאַרפט קעמפען געגען די ברוין־העמדעלדיגע פאשיסטען.

ווי ווייט מען האָט זיך ניט געטאָרט פאַרלאָזען אויף דער בורזשואזיע, איז צו זעהן פון דעם, וואָס הינדענבורג, דער געשוואוירענער צו דער דייטשער רעפּו־ב־ליק, האָט געהאָלפען באַפעסטיגען די דיקטאטארישע הערשעפט — דאָס באַשטימען היטלער'ן אלס קאַנצלער איבער דייטשלאַנד, האָט געמיינט דאָס זעלבע ווי מוסאליני אלס פרעמיער אין איטאליע; פּילסודסקי, פעלד־מאַרשאַל אין פּוילען . . .

היטלער האָט באַשטימט נייע וואַהלען, אָבער זיינע פאשיסטישע נאָכפאָלגער האָבען זיך נאָך פריהער באַרימט, אז זיי וועלען געווינען די וואַהלען, אז דער אויס־גאַנג פון די וואַהלען וועט זיין אן אומגעהויערער וואוקס פון פאשיסטישע שטימען. זיי האָבען זיך אפילו ניט געשעהמט אויסצוזאָגען דעם סוד, אז זיי וועלען נאָכטאָן מוסאליני'ן: געזעצליך צו מאַכען היטלער'ן פאַר דעם קאנצלער, און פאַקטיש — אלס דיקטאַטאָר.

מוסאליני און זיינע חברים, די מוסטערן, זענען שוין גאַרנישט לגבי זייערע נאָכפאָלגער, אדאָלף היטלער און די דייטשע פאשיסטלאַך. די ארבייט פון דעם איטא־ליענישען פאשיזם וועט זיך שוין ארויסווייזען בלייך אין פארגלייך מיט'ן דייטשען פאשיזם. דאָס קומען פון די נאַציס צו דער מאַכט, וואָס באַדייטעט פריהער פון אַלץ, די אויסראָטונג פון דעם "דייטשען פּראָלעטאַריאַט" און געפערליכסטער אנטי־סעמיטיזם, וואָס איז די הויפּט געצייג פונ'ם היטלעריזם, איז אויך געפערליך פאַר'ן גאַנצען וועלט־פרידען. מען דאַרף געדענקען, אז דייטשלאַנד איז ניט נאָר דייטש־לאַנד, נאָר דאָס הארץ פון אייראָפּא. דער פאשיזם אין דייטשלאַנד איז אן אינטער־נאַציאָנאַלע פראַגע, אין וועלכער די גאַנצע וועלט איז פאראינטערעסירט.

"דער זיעג פון דייטשען פאשיזם" — האָט אטטא באוער אָנגעוויזען אין זיין רעדע אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין וויען אין יאָהר 1931 — "באַ־דייט די גרעסטע געפאַר פאַר די דעמאָקראַטיעס פון גאַנץ אייראָפּא. דער אָנהויב פון די געפערליכסטע ערשיטערונגען. דער זיעג פון דער דייטשער רעאַקציע, באַ־דייט א מלחמה געפאַר אין דער נאָהענטסטער צייט".

"דער זיעג פון פאשיזם אין דייטשלאַנד" — באַווייזט טראָצקי אין זיין בראָשורע: "דייטשלאַנד, דער שליסעל צו דער אינטערנאציאָנאַלער לאַגע" (נאָ־וועמבער 1931). "וועט הייסען אן אונפארמיידליכער קריעג געגען סאָוועט פאַר־באַנד". די גאַנצע וועלט איז איצט איינג פארבונדען און צוזאמענגעפלאָכטען.

היטלער׳ס נצחון אין דייטשלאַנד עפענט אויף א נייעם בלאט אין דער וועלט געשיכטע. אומגעהויער גרויס איז די באַדייטונג פון היטלער׳ס זיג ניט נאָר פאר דער אינערליכער אנטוויקלונג פון דייטשלאַנד, נאָר פאר אייראפא און דער גאַנצער וועלט בכלל. עס האט ווידער אויפגעלעבט די טיעף איינגעוואָרצעלטע, אלטע געפיהלען פון מורא פאַר א נייער וועלט-מלחמה.

די אינטערנאַציאָנאלע אונטערהאַנדלונגען וועגען אנטוואפנונג, וועגען פארקלענערען דעם וואַפען, וועגען אָפשאַפען דעם מיליטאריזם, און וועגען זיכערען דעם וועלט פרידען, האָבען באַקומען דעם גרעסטען קלאַפ. די וועלט האָט אָנגעהויבען פאַרגרעסערען די בודזשעטען פאר מיליטער, פאר אמוניציע, און אַנדערע פאַרניכטונגס מיטלען...

פאַר וועמען האָט מען דאָס מורא? — דער ענטפער איז, פאר דייטשלאַנד!

— דאָס צופאַלען זיך פון דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפובליק האָט געעפענט טיר און טויער פאַר די אימפעריאליסטען, מיליטאַריסטען און נאַציאָנאליסטען פון אַלע לענדער. פון די באַזיגטע לענדער אין דער וועלט-מלחמה איז דייטשלאַנד געבליבען די איינציגע, פאר וועמעס "רעוואנש" די וועלט שרעקט זיך. עסטרייך און אונגארן זענען דאָך ניט אַזאַ גרויסע געפאַהר. אפילו יאַפאַן איז אויך נאָך גאַנץ ווייט פון צו זיין אַ געפאַהר פאר׳ן גאַנצען וועלט פרידען. אַנדערש איז אָבער מיט דייטשלאנד, פאר וועמען אלע ציטערען, אז זי וועט פרובירען איהר מזל מיט א נייער מלחמה, גוטצומאַכען איהרע פאַרלוסטען. די שווערע באדינגונגען פון ווערסאַילער אָפמאַך האָבען נאָך דערוויל ניט געלאָזט פארהיילען די וואונדען פון איהר פאַרלוירענעם קריעג. און נאָר א דאַנק די הערצאישע אָנשטריינגונגען פון די שטאַטסלייט, וואָס זענען געשטאַנען, ביז איצט, אין דער דייטשער רעגיערונג און ביי אויסלענדישע פאַרהאַנדלונגען, האָט ניט געקענט קומען צו אַזאַ פאַרביטערונג פון די מאַסען ארויסצורייסען זיך פון די קייטען, און וועלען פיהרען א נייעם וועלט-קריעג.

אזוי ווי די היטלער מגפה האָט זיך פארשפרייט, האָט זיך די וועלט דערשראָקען, אלע געפאַהרען האָבען אויפגעלעבט. א פינסטערע כמאַרע פון הארמאַטען-רויך, פון פאַרניכטונגס-גאַזען האָבען זיך פארשפרייט איבער גאַנץ אייראפא. די לאַגע איז געוואָרען זעהר ערנסט. די מורא — זעהר גרויס. אלע גרייטען זיך צו... צו דער נייער וועלט-מלחמה. איז עס דען א וואונדער פארוואָס די וועלט שרעקט זיך איצט, נאָך דעם היטלעריסטישען נצחון און דעם נייעם דייטשלאנד? — היטלער האָט דאָך שטענדיג אָנגעזאָגט די "בשורה", אז זיין קומען צו דער מאַכט, וועט באַדייטען א נייער קריעג, וואָס זאָל צושמעטערען דעם ווערסאַילער אָפמאַך, און "זיגרייך שלאָגען פראנקרייך". אין זיין בוך "מיין קאמף" ווערט אָפט ווידערהאָלט אָט דער געדאַנק פון מלחמה. ער זאָגט ניט איינמאָל, אז "ניט דיפּלאָמאַטישע אָפמאַכען אין מערב (פראנקרייך און ענגלאַנד), אָדער אין אָסט (רוסלאַנד און פוילען) דארף זיין דער ציעל פון אונזער אויסלענדישער פּאָליטיק. נאָר מיר מוזען פיהרען אונזער פּאָליטיק אין דער אָסט, אזוי, אז מיר זאָלען קענען באקומען די נויטיגע

שטיקער באַדען פאַר דעם דייטשען פאָלק", וואָס מיינט צוריק צו נעהמען דעם פוילישען קאָרידאָר, דאַנציג און אַנדערע געגענדען.

די היטלעריסטען, וועלכע האָבען שטענדיג געפּרעדיגט מלחמה, און ניט איינמאָל עפענטליך ארויסגעזאָגט, אז די קומענדע דייטשע מלוכה (היטלעריסטישע נ. ש.) וועט פאָדערען די קעפּ פון די מענשען, וועלכע האָבען אונטערגעשריבען דעם ווערסאַילער אָפּמאַך, וועלען געוויס וועלען דאָס איצט אויספיהרען. זיי וועלען ניט דורכלאָזען די גוטע געלעגענהייט.

ווילהעלם פריק, היטלער'ס א מענש, וועלכער איז דער ערשטער ערוועהלט געוואָרען צו א רעגיערונגס אמט, אלס מיניסטער אין טירינגען, האָט שוין לאַנג פאַרבאָטען צו שפּילען רעמארק'ס זעהר פּאָפּולערע דראַמע: "אויפ'ן מערב־פראָנט, קיין נייעס", וואָס שילדערט די גרויזאַמקייט פון דער מלחמה. זייערע ווילדע איינפאַלען, מיט וועלכע זיי האָבען אויפגערייצט די דייטשע מאַסען, ווילען זיי איצט דורכפיהרען, פאַרקערפּערען דאָס שוין לאַנג צוגעזאָגטע. די ווילדע חיות, וועלכע האָבען פאַרניכטעט די פרייהייט און פרידען פון זייער היים, ווילען פאַרניכטען די פרייהייט און פרידען פון דער גאַנצער וועלט. עס איז דאָך גענוג באַקאַנט די אַלע צאָרנדיגע ווערטער פון די היטלעריסטען געגען פראנקרייך, פון וועמען זיי ווילען נקמה נעהמען. די שימפּערייען, די זידלערייען אויפ'ן פראַנצויזישען פאָלק — "די ראַסען שאַנדע!" "די ראַסען אומרייניגקייט", וואָס זיי טראַכטען אויס אזעלכע נעמען אָנצורייצען די מאַסען...

דער אַלגעמיינער איינדרוק איז א שוידערליכער. מען פיהלט ווי די וועלט שטעהט ביים צוזאמענברוך, ווי די מלחמה שטעהט שוין הינטער דער טיר. די דיפּלאָמאַטיע האָט גענומען פלייסיג, געהיים ארבייטען ווי אין די מלחמה יאָהרען, ווי אין 1914, אינ'ם יאָהר, ווען די וועלט קאַטאַסטראָפע האָט אויסגעבראָכען.

יעדער איינער ווייסט, אז אויב דייטשלאַנד זאָל קריגען די נויטיגע וואָפען, וועט זי זיין גרייט פאַר א נייער מלחמה. די אַלע נייע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס זענען אָן אויסדרוק פון דעם פסיכאָז פון אָן אומפאַרמיידליך מלחמה וואָס הערשט איצט אין איראָפּא. פראַנקרייך פאַרבינדט זיך מיט סאָוועט רוסלאַנד. דאָס זעלבע טוט אויך פוילען, כדי צו זיכערען זייער פראָנט געגען דעם היטלער־דייטשלאַנד. טשעכאָסלאָוואַקיע פאַראייניגט זיך מיט רומעניע, און יוגאָסלאַוויע, אלס מורא פאַר'ן "אנשלוס" — דייטשלאַנד מיט עסטרייך.

דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד, ווייטער, באַמיהט זיך צו שאַפען א בלאָק, א פאַרבאַנד פון די דריי מלוכות: דייטשלאַנד, איטאַליע, עסטרייך־אונגאַרן. בנוגע דעם דריטען מיטגליד איז אפילו פאַראַן גענוג שוועריגקייטען — א געגענזאַץ פון די אינטערעסען צווישען דייטשלאַנד און איטאַליע. דייטשלאַנד וואָלט גערן געוואָלט איינצושליסען עסטרייך אין איהרע גרעניצען. וועגען דעם "אנשלוס" גוואַלדעווען דאָך די נאַצים שוין א היבשע צייט, און פאַרוואָס זיך נישט אַנשליסען מיט עסטרייך? דער דיקטאַטאָר פון דייטשלאַנד איז דאָך אַן עסטרייכער, פאַרוואָס זאָל ער נאָר זיין דער דיקטאַטאָר פון דייטשלאַנד און ניט איבער זיין אייגענער היים?

ווארום זאָל ער אין זיין היימאט ניט אנערקענט ווערען אלס דער נביא? — אלס דער "אויסלייזער"?...

איטאליע איז אָבער דאַגעגען און שטעהט זיי אין וועג. פאר איטאליע לוינט זיך גאָרניט, אז דער אנשלוס זאָל ראטיפיצירט ווערען; איטאליע וויל האָבען דייטש־לאַנד פאר א פארבינדעטע, אָבער ניט פאר א שכן. *) אויב די זאָגע פון דייטש־לאַנד און עסטרייך זאָל קומען אין מאכט, וואָלטען געווים געפאלען — ווי דר. האפער שרייבט — אזעלכע קליינע מלוכות ווי אונגארן, בולגאריע, יוגאָסלאוויע, און רומעניע. אויך דארף מען וויסען, אז דייטשלאַנד האָט קיינמאָל ניט אויפגעגעבען איהר "דראַנג נאָך אָסטען", צו פארכאפען די לענדער ארום דעם באלטישען ים און מיטעל אָסט. דער פאראיין דייטשלאַנד־עסטרייך וואָלט געגעבען דייטשלאַנד א מעגליכקייט זי זאָל קענען פארגרעסערען איהר אימפעריע ארום די ימים, ניט נאָר ביים באלטישען, נאָר אויך ביים מיטעללענדישען ים, און שוין אָפגערעדט וועגען צוריקנעהמען זייערע אוועקגענומענע געגענטען.

ענגלאַנד, ווי געוועהנליך, איז ניט באגייסטערט פון היטלער'ס דייטשלאַנד, זי איז מעהר נוטה זיך צו פארבינדען מיט פראנקרייך און מיט דער קליינער אנטאנט. מעקדאנאלד'ס נסיעה קיין רוים האָט קיין פאָזיטיווע רעזולטאטען ניט געבראכט, חוץ דעם, וואָס זי האָט בלויז פארגרעסערט דעם פרעסטיזש פון מוסאליני'ס דיקטאטור...

יעדענפאַל, דאָס איבערגרופירונג פון די אייראָפייאישע מלוכות וואָס דער־מאָנט אונז די פאָליטישע סיטואציע אין אייראפא ערב דעם וועלט־קריעג, האָט ארויסגערופען א סענסאציע און אין געוויסע קרייזען נעהמט מען עס גאַנץ ערנסט. דער ענגלישער פלאַן, וואָס זוכט א פשרה צווישען פראַנקרייך און דייטשלאַנד, איז אָפגערוקט געוואָרען דורך מוסאליני'ס פלאן פון שאפען א דירעקטאָריע פון פיר גרויסע מלוכות: — ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליע, דייטשלאנד וואָס וואָלט געזיכערט די ערפאָלגרייכע ארבייט פון אנטוואפנונג. מוסאליני'ס פלאַן האָט אָבער ארויסגערופען גרויס שטורם. די קליינע אייראָפייאישע מלוכות האָבען מורא, אז מען זאָל זיי באזייטיגען פון דער סצענע. פוילען, טשעכאָסלאָוואקיע א. א. האָבען אויפגעהויבען א טומעל, אז דאָס איז אין גאנצען געגען דעם גייסט פון דעם פעלקער בונד, וואָס איז באגרינדעט אויפ'ן פרינציפ פון גלייכבארעכטיגונג פון אלע נאַציאָנען, וועלכע זענען מיטגלידער צו דער "ליגע אָף ניישאָנס"; מוסאליני'ס פלאן איז דורכ־געפאלען, עס האָט זיך ניט איינגעגעבען צו שאפען אן אָפמאך פון "פיר מלוכות" און אויך ניט קיין רעוויזיע אינ'ם ווערסאילער סיסטעם.

די לאַגע אין אייראפא ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. דער פרעסטיזש פון דער פעלקער ליגע, נאָכדעם ווי זי איז אזוי מיאוס דורכגעפאלען אין דעם יאפאן־בינעזישען קאָנפליקט, איז אין גאנצען פארשוואונדען. עס הערשט א פאניק, וואָס וועט אפשר אוממעגליך מאכען צו פארמיידען די מלחמה. היטלער גרייט זיך ענערגיש

*) זעה ווייטער קאפיטעל 15.

צו א נייער מלחמה. די דייטשע ס. ד., די פעסטונג פון פרידען איז פאקטיש פאר־ניכטעט. עסטרייך די הילפלאזע, ארומגעצופטע האבסבורגער מאנארכיע, איז אין קלעם צווישען צוויי פאשיסטישע מלוכות, זי זוכט אן אויסוועג: אין דאלפוס'עס אייגנארטיגען קלעריקאלען פאשיזם.

צענטראל אייראפא איז א פייער־שפייענדיגער בארג; עס איז געגוג איין פונק — און גאנץ אייראפא ברענט. די פאשיסטישע דיקטאטור האט אויפגעבלאזען, די כחות פון קריגערישען נאציאנאליזם, און זי קען זי שוין איצט אפילו ניט קאנ־טראלירען. דייטשלאנד באוואפענט זיך פיבעריש; די מיליאנען פון די "שטורמער" און "שטאלהעלמער", די טויזענטער פונ'ם רייכסווער איז א וויכטיגע גרויסע ארמיי, מיט וועלכער מען דארף זיך רעכענען.

די היסטארישע שעה דערנעהענטערט זיך, א פיבערהאפטע צוגרייטונג צו א מלחמה געהט אן אין אלע אייראפייאישע לענדער. די אמוניציע זאוואדען זענען אינטענסיוו געווארען, ארבייטען אן אויפהער, בייטאג און ביינאכט. היטלער גרייט זיך צו ערפילען זיינע "פאטריאטישע" צוזאגען. דעם ערשטען שריט האט ער גע־מאכט מיט דעם, וואס ער איז ארויסגעטראטען פון דער פעלקער ליגע און אנט־וואפנונג קאנפערענץ.

דעם 14־טען אקטאבער, 1933, האט דייטשלאנד אפיציעל געמאלדען וועגען איהר ארויסטריט פון דער אנטוואפנונג קאנפערענץ און פון דער פעלקער ליגע. דייטשלאנד'ס ארויסטריט, פון דער פעלקער ליגע, איז א שווערער קלאפ, א פיעל גרעסערער קלאפ, ווי יאפאן'ס ארויסטריט. אזוי ארום איז שוין נאך מעהר אפגע־שוואכט געווארען די איינציגע שוואכע אינטערנאציאנאלע אינסטיטוציע. אן רוס־לאנד, אן די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא, אן דער באטייליגונג פון דייטש־לאנד און יאפאן, איז זי דאך שוין כמעט אין גאנצען הילפלאז. פון די זיבען גרויסע מלוכות וועלען דאך שוין מעהר ניט פארבלייבען ווי דריי: ענגלאנד, פראנקרייך און איטאליע. און, ווי געזאגט, איז דאך איטאליע'ס שטעלונג צו דער פעלקער ליגע, א צוויי־פנים'דיגע. אויב די דאזיגע אינטערנאציאנאלע געביידע זאל זיך, חלילה, צופאלען, וועט די קאטאסטראפאלע מלחמה ווי אמשנעלסטען קומען.

דאס וועט שוין זיין א נייע מלחמה, וואס ארמייען, ביקסען און אנדערע כלי־זיין וועלען שפילען א קליינע ראלע. גיפטיגע גאזען, בעמישע צושטערונגס און פאר־ניכטונגס שטאפען, מעכטיגע מיליטערישע אייראפלאנען וועלען פארנעהמען זייער פלאץ. עס וועלען געשאפען ווערען די איבערוויסענשאפטליכע — די איבערבאר־בארישע מעטאדען פון קריעג־פיהרונג דורך גאזען, באצילען און צושטערענדע, פארניכטענדע איבערפאלען. די נייע קינפטיגע מלחמה וועט זיך צוריק אומקערען צו דעם אלטען בארבאריי, און וועט אריבערשטייגען סיי אין די בארבארישע מעטא־דען, סיי אין די פארניכטענדע רעזולטאטען אלץ, וואס איז געטאן געווארען אין משך פון דעם לעצטען קריעג.

* * *

ווי מיר זעהען, אלזא, איז א מלחמה אונפארמיידליך. עס פרעגט זיך אָבער, וואָס זאָל זיין די שטעלונג פון דעם אינטערנאציאָנאלען פראָלעטאריאַט? וואָס זאָלען די סאָציאַליסטען טאָן אינ'ם איצטיגען מאָמענט? זאָלען זיי, דורך מלחמה, קעמפען געגען פאשיזם, אָדער פארקערט, צו קעמפען פאר'ן וועלט פרידען — וואָס מיינט א קאמף געגען קריגערישען פאשיזם? זאָל דער סאָציאַליסטישער אינטער־נאציאָנאל זיך ווייטער האַלטען ביי זיין ריכטונג וואָס אָריענטירט זיך אויף פאר־פעסטיגען דעם וועלט־פרידען, אָדער גאָר אָננעהמען די שטעלונג פון "קאמאינ־טערן", וואָס באַזירט זיך אויף א נייער וועלט־מלחמה?...

אין די רייהען פון אינטערנאציאָנאַלען סאָציאַליזם רופט ארויס די פראַגע וועגען דער סאָציאַליסטישער שטעלונג צו דער אויסלענדישער פאָליטיק, מיינונגס פארשיידענהייטען. צוויי מיינונגען, צוויי שאַרפע געגענזעצטע אנשויאונגען. איין מיינונג — א מיליטעריסטישע; די צווייטע — פאַסיפיסטישע. אייניגע האַלטען, אז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף ענדערען זיין ביז איצטיגער פריד־ליבער שטעלונג. זייער ארגומענטאַציע שטיצט זיך אויף פאָלגענדעס: —

די פאָליטיק פון א פרידליבען ווערסאילער אָפמאַך איז דורכגעפאַלען נאָך היטלער'ס נצחון. דער צענטער פון דעם אייראָפּייאישען קאָנטער־רעוואָלוציע איז אריבער פון רוים קיין בערלין. דער פאַשיזם איז א דיקטאטור, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע אומגעהויערע מיטלען פון טעראָר און אונטערדריקונג, אז עס איז אונמעגליך איהם צו באַזיגען פון אינווייניג, פון לאַנד גופא. די אינוויינינגסטע כוחות פון דעם ארבייטער קלאַס איז צו שוואַך צו קענען אראָפּוואַרפען די בלוטיגע דיקטאַטור. דאָס פאַרפעסטיגען זיך פון א פאַשיסטישען רעזשים אין דייטשלאַנד איז א געפאַר ניט נאָר פאר דעם דייטשען סאָציאַליזם, נאָר פאר דער גאַנצער ארבייטער באַ־וועגונג און אייראָפּייאישען פרידען בכלל. און אז מען וועט איהם איצט צורוה לאָזען, קען ער זיך ביסלאַכוויז גוט צוגרייטען צו דער מלחמה רעוואַנזש; צו דער נקמה, וואָס היטלער טרוימט. דאַן קען דאָך מעגליך זיין ער זאָל געווינען. די מלחמה וואָס וואָלט געמיינט, שקלאַפעריי פאר דער גאַנצער מענשהייט; אייביגער אונטער־דריקונג פאר דעם דייטשען ארבייטער קלאַס, און א טויט קלאַפ דעם אַלוועלטליכען סאָציאַליזם.

דייטשלאַנד וועט שפּילען די ראָלע פון א זשאַנדאַרם, וואָס וויל דערשטיקען די פרייהייט, די דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, (וואָס מיינט אויך צו צוברעכען דעם סאָוועטען פאַרבאַנד). ממילא, אויב מיר ווילען, באמת, שטירצען היטלער'ן, איז שוין גלייבער, אז דער קריעג זאָל זיך אָנהויבען וואָס גיכער, ווען היטלער איז נאָך ניט צוגעגרייט מיט אַלע פיטשעווקעס צו פיהרען מלחמה. דער זיעג פון די אייראָפּייאישע דעמאָקראַטיעס קען נאָר קומען דורכ'ן זיעג געגען היטלער־דייטש־לאַנד. דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף מאַכען דעם אויספיהר: — געגען דעם פאַשיסטישען דייטשלאַנד מוז מען געגענשטעלען דעם אנטי־פאַשיסטישען בלאָק פון די מערב דעמאָקראַטיעס, און דעם סאָוועטען פאַרבאַנד. די פאַשיסטישע

דיקטאַטור אין דייטשלאַנד קען נאָר בייגעקעמפט ווערן דורכ׳ן רעזולטאַט פון א נייער מלחמה.

די אינטערנאַציאָנאַלע פּאַסיפיסטען האַלטען, אז מען דאַרף איצט, נאָך מיט מעהר עקשנות און ענערגיע פיהרען א פרידליכע פּאָליטיק, ניט אַכטענדיג אויף דער פאַשיסטישער איבערקערעניש אין דייטשלאַנד. מען דאַרף זיך האַלטען ביי דער אַלטער אָריענטאַציע פון שלום, פון ניט וועלען ארויספיהרען דעם ארבייטער קלאַס אין דעם שלאַכטפעלד. מען טאָר זיך ניט חבר׳ן מיט די גרויס-קאַפּיטאַליסטען, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט אין דער פינאַנסירונג פון דער מלחמה — מיט די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען אויפגעשטעלט די גרויסע אינדוסטריעס צו־צושטעלען די נויטיגע וואפען און קריעגס-שיפען. מען טאָר ניט געהן צוזאַמען מיט די נאַציאָנאַליסטען, מיליטאַריסטען און גענעראַלען, וואָס פיהרען א שטענדיגע קריעג געגען פּאַסיפיזם, געגען אינטערנאַציאָנאַליזם — די פאַרביסענסטע שונאים פון סאָציאַליזם, און דעמאָקראַטיע. די גרעסטע רעאַקציאָנערישע און שאָוויניסטישע קרעפטען אין די מערסטע לענדער פון אייראָפּאַ.

די לעצטע האַלטען אויך, אז עס איז א גרויסער טעות צו דענקען, אז די איצטיגע מלוכות און זייערע רעגירונגען וועלען פיהרען א מלחמה געגען היטלער׳ן, און ניט געגען דייטשלאַנד. מען מאַכט א טעות צו מיינען, אז פראַנקרייך, פּוילען, רומעניע און אַנדערע לענדער וועלען קעמפען נאָר געגען היטלער׳ן, און ניט געגען דייטשלאַנד. זיי וועלען קעמפען מיט דער זעלבער כונה, ווי די "עליים" אין דער וועלט-מלחמה. און אויב זיי זאָלען זיגען, וועלען זיי נאָך מעהרער פאַרניכטען דייטשלאַנד, און ווייטער רייסען פון דער דייטשער טעריטאָריע. און אָבוואָהל היטלער וועט אַרונטער פון דער סצענע, ווי קייזער ווילהעלם אין 1919 איז מען דאָך אָבער נאָך ניט זיכער, צי עס וועט ניט אויפשטעהן א צווייטע רעאַקציע, און אויפשטעלען א נייעם גאָט אויף דעם פּלאַץ פון היטלער׳ן.

באַזונדער, וואָס וועלען טאַקע טאָן די דייטשע קאָמוניסטען און סאָציאַ־ליסטען. זיי וועלען דאָך זיין געצוואונגען צו שטעלען זיך אויף דער זייט פון דער "נאַציאָנאַלער רעגירונג". מען וועט דאָך זיי ערקלעהרען, אז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען א קריעג מיט דעם פאַשיזם, נאָר וועגען דעם שיקזאַל פון דער גאַנצער דייטשער מלוכה, וועגען דער עקזיסטענץ פון דער דייטשער נאַציע. אויב זיי וועלען ניט וועלען געהן אין מלחמה, וועט דאָך זייער לעבען געשטעלט ווערען אין געפאַר.

צו וואָס פאַרוואַנדעלט ווערען אין א געוועהר פון אימפּעריאַליסטישע קליקעס. מען דאַרף דאָך וויסען, אז אין די אַלע לענדער וואָלט דער איינפלוס פונ׳ם ארבייטער קלאַס, פון די סאָציאַליסטישע קרעפטען, געווען גאָר א קליינער אין פאַרגלייך מיט דער מאַכט פון די מיליטערישע און קאַפּיטאַליסטישע קרייזען. איז דען ניט גלייכער ארויסצוגעהן אין קאַמף געגען היטלער׳ן נאָר דורכ׳ן אמת׳ן קלאַסען קאַמף — דעם ריינעם, מאַרקסיסטישען קאַמף. צו אָרגאַניזירען די ארבייטער אין דייטשלאַנד, אין גאַנץ אייראָפּאַ; צו קעמפען מיט אגיטאַציע און באָיקאָט מיטלען געגען די פאַשיס־טען, און ניט איינצושטעלען מענשליכע לעבענס, ניט צו באַפלעקען דעם סאָציאַ־

ליזם, אז ער האָט געהאָלפֿען צוגרייטען א נייע וועלט שחיטה. דער פּאַרקריפּעלטער און היסטאָרישער נאַציאָנאַליזם איז דאָך אויפגעקומען דורך דער פאַרלוירענער מלחמה, און אויב מען זאָל נאָכאַמאָל באַזיגען דייטשלאַנד'ס מיליטאַריזם דורך פּרעמידע כוחות, וועלען דאָך ווייטער די גענעראַלען, די אינטעליגענץ, די בורזשואַזיע און דער מיטעל־קלאַס זיך אויסזוכען א משיח, אפשר א צוטיילטען אין קליינע טיילען...

איידער אן אינטערווענציע פון דרויסען, איז גלייכער צו אָנהאַלטען און פאַר־פעסטיגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען ארבייטער סאָלידאַריטעט ניט צו מאַכען קיין טעותים אינ'ם קאַמף געגען דער בורזשואַזיע. אזוי ארום וועט מען צואיילען די אויפלעבונג פון דער דייטשער ארבייטער באַוועגונג. דורך דער אקשנות'דיגער פּרי־דענס־פּאָליטיק, אויף ווירקליכע, אינטערנאַציאָנאַלע יסודות — יסודות פון אינטער־נאַציאָנאַלער ארבייטער סאָלידאַריטעט.

דער ארבייטער קלאַס זעלבסט דאַרף פּאַרטיידיגען זיינע אינטערעסען, מוטיג פּאַראויס צו קעמפען אין אן אָנגעשלאָסענער פּאַראייניגטער פּראָנט־אקציע, געגען דער פאשיסטישער דיקטאַטור. ווי דער געניאַלער אטא באוער האָט אמאָל געזאָגט: "ווען די אייראָפּייאישע דעמאָקראַטיע וועט צופאַלען, ווען דער פּאשיזם וועט פּרוא־ווען מיט ברוטאַלער קראַפט אונטערדריקען די ארבייטער, דאַמאָלסט וועט דער ארבייטער־קלאַס פיהרען דעם קאַמף פאר סאָציאַליזם, אויך מיט אַנדערע מיטלען". א ריינער ארבייטער "קלאַסען קאַמף", דאַרף געפיהרט ווערען, אָבער ניט אין דער באַשמוצונג פון רעאַקציע, ניט זיך צו לאָזען פּאַרפיהרען און געבען יענעם די גע־לעגענהייט צו באַפרידיגען זיינע מיליטאַריסטישע, אימפּעריאַליסטישע געלוסטען.

די היילונג צו די ארבייטער לײדען דאַרף קומען פונ'ם ארבייטער זעלבסט. עס דאַרף פּאַרמידען ווערען די צושפּאַלטונג פון די ארבייטער כוחות, מאַכען א סוף צו די רעפּאַרמיסטישע איינטייטשונגען.

דאָס האַרץ טוט וועה, ווען מען דערמאָנט זיך, אז אַזאַ גלאָררייכע און מעכ־טיגע ארבייטער דייטשלאַנד שווייגט. דער באַנקראָט פון דער ס. ד. מיינט ניט נאָר דער באַנקראָט פון איין ריכטונג, פון א פּאַרטיי. דאָס האָט געגעבען א קלאַפּ דעם גאַנצען סאָציאַליזם איבער דער גאַנצער וועלט... וואו זענען אפילו יענע 12 מיליאָן העלדישע מאַרקסיסטען, וועלכע האָבען ניט קוקענדיג אויף דעם שרעק־ליכען טעראָר, געשטימט סאָציאַליסטיש, און איצט זיצען זיי אין דער געדריקטער שטימונג און שווייגען. אפילו די סאַמע לינקסטע, די "יונגע" רעוואָלוציאָנערען — אלע זענען זיי איינגעשלאָפען. וואו זענען די ארבייטער העלדען, די מאַרטירער?...

מען דאַרף צוריק אויפצושטעלען אן אוואַנגאַרד פון דעם ארבייטער־קלאַס, וואָס זאָל רופען צו קאַמפּפלוסטיגקייט: אויפצוהויבען די ארבייטער שטימע, צו ראַטעווען די ווירדע פונ'ם סאָציאַליזם.

קאפיטעל 10

די דייטשע רעוואָלוציע און איהר דורכפאל

1.

ווי אזוי עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע אין דייטשלאנד

דייטשלאַנד איז נאָך ווייט ניט ארונטער פון דער סצענע, זי איז נאָך אלץ אויפ'ן טאָג־אָרדנונג. ניט נאָר אידען שרייבען אוןריידען אזוי פיעל וועגען דייטשלאַנד; וועגען די פּאָגראָמען און באָיקאָטען וואָס ווערען געמאַכט אויף דייטשע אידען, נאָר אויך די ניט־אידישע וועלט איז פאַראינטערעסירט אינ'ם שיקזאל פון דעם דייטשען פאָלק.

די פרעסע פון דער גאנצער וועלט: טעגליכע צייטונגען, וועכענטליכע און מאָנאַטליכע זשורנאלען, הערען ניט אויף צו שרייבען וועגען דער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט־אויסזיכטען פון דעם דייטשען פאָלק. לינקס און רעכטס, ביידע עקסטרעמען באַרירען איצט אָט די פראַגע פונ'ם דייטשען ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע. גרויסע, וויכטיגע אָפּהאַנדלונגען וועגען אָט דער פראַגע ווערען איצט פאַרעפענטליכט אין דער וועלט־שפּראַך. קינד און קייט רעדט פון דער דייטשער רעוואָלוציע.

עס איז א נאַטירליכע זאַך פון דער מענשליכער נשמה — א טענדענץ צו באַטראַכטען זאַכען ווען זיי ווערען א פאַרגאַנגענהייט, ווען זיי עקזיסטירען שוין גאָרניט. ווען לויבט מען א מענשען? ווען ווערט ער געאַכטעט? — נאָך זיין טויט. ווען מען געהט צוריק פון זיין לויה רעדט מען פון איהם; ער ווערט שוין באַליבט און חשוב. מען ווייס שוין צו דערצעהלען זיינע מעלות, פעהיגקייטען א. א. וו. וועגען דער דייטשער דעמאָקראַטיע און רעפּובליק האָט מען אויך אָנגעהויבען רעדען אין איהר גסיסה מינוטען. נאָך איהר באַנקראָט שרייבט מען וועגען איהרע טעטיגקייטען. איצט, ווען זי איז שוין א פאַרגאַנגענהייט, וויל מען אויסגעפינען

איהרע מעלות און חסרונות. ווער עס זענען געווען די גרינדער און בויער, און ווארום האט זי געהאט אזא גרויסען דורכפאל...

די יאהרען 1917 - 1918, ווען די וועלט האט זיך א טרייסעל געטאן, און איבעראל זענען פארגעקומען ענדערונגען — זענען געווען די קריטישסטע יאהרען אין דער געשיכטע פון דייטשלאנד. די דייטשען האבען שוין אנגעהויבען צווייפלען אין זייער זיעג איבער דעם פיינד. פעלדמארשאל פאן הינדענבורג, און אויך גענע־ראל לודענדארף האבען שוין אנגעהויבען איינזעהן, אז זייער סוף קומט. זיי האבען אנגעהויבען פיהלען די שוואכקייט אין זייערע ארמייען. די פארשיידענע דעפעשען אין מיניסטארען ראט, צום קריעגס מיניסטער, זענען שוין כמעט אלע געווען געשרי־בען אין א פעסימיסטישער שטימונג. די מיליטערישע סיטואציע האט זיך אלע מאל פארערגערט, טאג־טעגליך איז דער דייטשער פראנט שוואכער געווארען, און ביסלאכווייז האט זיך אנגעהויבען הערען אויסרופען — מען האט אנגעהויבען שטע־לען פאדערונגען פאר א וואפענשטילשטאנד.

אין ספא, (א שטעדטעל אין בעלגיע, וואו דאס דייטשע מיליטער און גענעראל שטאב האט זיך געפונען, נ. ש.) האט מען שוין אנגעהויבען קלעהרען וועגען אן ענטפער צו געבען צום אמעריקאנער פרעזידענט, ווילסאן, און אינפארמירען איהם, אז מען איז שוין איינשטימיג מיט זיינע "פערצעהן פונקטען", אבי מען זאל פאר־ענדיגען דעם סכסוך מיט די "עליים".

עס איז געווען זעהר א שווערע פראבלעם, מען האט געזוכט פארשיידענע מיטלען ווי אזוי צו לייזען אט די פאדערונג פון די עליים, אז די האהענצאלערן זאלען רעזיגנירען, און שוין ניט מעהר זיצען אויף דעם דייטשען טראן. דאס האט דער קאבינעט — טראץ דעם, וואס ער איז דאן געווען א ליבעראלער, אונטער דער קאנצלערשאפט פון פרינץ מאקס פאן באדען, דער, וועלכער האט צום ערשטען מאל אריינגענומען אין זיין מיניסטארען קאבינעט איניגע סאציאליסטען — ניט גע־וואלט לכתחילה נאכגעבען. פרינץ מאקס האט געזוכט אלע מיטלען אויסצומיידען די רעוואלוציע. "שלום" צו מאכען מיט די עליים, אן דעם קייזערס רעזיגנאציע. פאר־שיידענע פארזוכען זענען געמאכט געווארען פון זייט זייט; זיי האבען אבער ניט געבראכט דעם געהעריגען וואונש און רעזולטאט.

די לאגע איז אבער טאג־טעגליך געווארען ערנסטער. די שטימונג פון פאלק איז געווען פאר "שלום" — ווי אזוי עס זאל ניט זיין, אבי די מלחמה זאל שוין ווערען פארענדיגט. דאס פאלק האט אנגעהויבען פארלאנגען די רעזיגנאציע פון דער מאנארכיע. אויף דעם 9־טען נאוועמבער, 1918, האט פרינץ מאקס אויך דער־האלטען אן אולטימאטום פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, צו זעהן ווי ווייט מעגליך צו קומען צו אן אויסגלייך מיט די פאראייניגטע מעכטע, און אויך, אז דער קייזער זאל טאקע רעזיגנירען.

דאס דייטשע פאלק איז געווארען מיעד פון דער מלחמה. די שטימונג פון די מאסען איז געווארען רעוואלוציאנעריש, ווי עס טרעפט זיך אפט אין אזעלכע געדריקטע צייטען. די רעגיערונג האט פארלוירען איהר צוטרוי סיי ביים ארביי־

טער, און סיי ביים קליינבירגערטום. מען קען זיך גאַנץ לייכט פאָרשטעלן די געפילן פון א פאָלק אין א צייט, ווען די אַלע גרויסע מאַגנאַטען און בורזשואזיע מאַכען די גרעסטע פּראָפיטען, לעבען צופרידען אין זייערע היימען, מיט זייערע פאַמיליעס, לעבען אין לוקסוס, געניסען פון בעסטען און שעהנסטען; און די אָרימע מאַסען און מיטעל־קלאַס, וועמענס קינדער זענען אין דער מלחמה, פאַרגיסען זייער בלוט פאַר׳ן פאָטערלאַנד — לעבען אין נויט און דחקות, געהען באָרוועס און נאַקעט, האָבען ניט קיין קליידונג, שטאַרבען אויס פון הונגער און קעלט. אַלעס ווערט טראַנספּאָרטירט און אוועקגעשיקט צום מיליטער.

דער אינדיווידועלער רעקאָרד פון׳ם טעגליכען לעבען אין דייטשלאַנד איז גוט שטודירט געוואָרען פון פּראָפעסאָר נאומאַן פון באָן אוניווערזיטעט. זיין אויס־פאָרשונג איז געמאַכט געוואָרען פון דעצעמבער, 1916 ביז אַפּריל 1917. ער האָט נאָכגערעכענט, זיין וואָג און פיזישע אומשטענדען, אונטער די נאָרמאַלע און רעגו־לירטע צייטען; און פון דער מלחמה צייט. די וואָג זיינע, וויפיעל ער האָט גע־וואויגען, איז געפאַלען פון 154 צו 125 פונט. ער האָט באַקומען 1546 קאַלאָריעס וואָרימקייט פאַר א טאָג, אין פאַרגלייך מיט נאָרמאַלע צייטען — 3,000. עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען פאַרלוירען פון זעכציג ביז אכציג פונט. פון 1916 ביז צו דער ענדע פון דעם קריעג האָט די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד פאַרלוירען פופצעהן ביז פינף און צוואַנציג פּראָצענט פון זייער פריהער־דיגער וואָג. אויסער די טויזענטער הרוגים, פאַרוואונדעטע, פאַרקריפּעלטע פון דער מלחמה, וועגען וועלכע עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ צו רעדען.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די מאַסען זאָלען ווערען אונטאָלעראַנט און אונלאָיאַל צו דער רעגיערונג, צו דער קעניגליכער משפחה. די גאַנצע שולד איז אַרויפגעלייגט געוואָרען אויף דער מאָנאַרכיע. די אַטמאָספערע איז געוועזען פול מיט דעפּרעסיע און צווייפעלהאַפטיגקייט.

דער אונצופרידענהייט צו דער רעגיערונג האָט פאַראורזאַכט די גרויסע סטרייקס. דעם 16־טען אַפּריל, 1917 זענען אַרויס אין סטרייק אַן ערך פון 115 טויזענט אַר־בייטער אין בערלין, 18 טויזענט אין לייפּציג און אין אַנדערע שטעדט און פּראָ־ווינצען. אויך אין די אַמוניציע פאַבריקען איז גערופען געוואָרען סטרייקס. די אַרבייטער ביים האַפען און אין די מעטאַל פאַבריקען, האָבען אויך אָנגעהויבען סטרייקען. אמת, אַז די סאָציאַליסטען, די אָנהענגער פון עבערט - שיידמאַן׳ן, האָ־בען ניט איינגעשטימט מיט די סטרייקס. אַלס געטריע נאַציאָנאַליסטען האָבען זיי געוואָלט ראַטעווען זייער פאָטערלאַנד. עס איז גענוג צו דערמאָנען איינינגע ווערטער, אַן אויסצוג פון עבערט׳ס א רעדע ביי אַן אַלגעמיינער קאָנפערענץ צוזאַמענגערופען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין סעפּטעמבער, 1916. צווישען אַנדערעס האָט ער געזאָגט: — ״אין דער צייט, ווען די ענגלישע אַמוניציע אַרבייטער האָבען אויפ־געגעבען זייערע ימים־טובים און פייערטאַגען, און אַרבייטען אַפילו אין די זונטאַגען... זאָלען די דייטשע אַרבייטער אַרויס אין סטרייק? א שאַנדע פאַר אייך, דייטשע אַרבייטער!....״

די מאסען זענען געווארען דעמאראליזירט און געפאדערט א רעוואלוציע. אויב אין אויגוסט, 1914 האט דאס פאלק געהאט איינגעשטימט פאר מלחמה. דאס גאנצע דייטשע פאלק האט צוגעזאגט אויסצופאלגען דעם קייזערליכען באפעהל, און מיט דעם גרעסטען קוראזש ארויס אין קריעג. האט זיך אבער, דורך די מלחמה־יאהרען, געענדערט די מיינונג פון פאלק. דאס פאלק האט איינגעזעהן איהר גרויסען באגאנגענעם טעות. די האהענצאלערן זענען געווארען פאר'מיאוס'ט, און עס האט זיך אנגעהויבען הערען די פארלאנגען פון קייזער'ס רעזיגנאציע. ניט נאר אין פאציאליסטישע קרייזען, נאר אויך אין קאפיטאליסטישע קרייזען.

דאס פאלק האט געפאדערט דעמאקראטיע און פרייהייט. זיי האבען געמיינט, אז מיט דעם וועלען זיי פארזיכערען דעם פרידען און וואוילזיין פון דער באפעלקערונג. מיט דעם איבערנעהמען די מאכט פון דער עקזיסטירענדער רעגיערונג, וועט געוויס קומען אן ענדערונג אין זייער סאציאל־עקאנאמישען לעבען, און צו אן אויסגלייך מיט די עליים.

א באדייטענדע ווירקונג אויף די מאסען האט אויך געהאט אט דער עקעלהאפטער שריט פון דעם קייזער, זיין פארלאזען דעם רעזידענץ און זיך אריבערגעכאפט קיין האלאנד. די שטימונג ביים מיליטער און גענעראל סטעף האט אנגעהויבען צווייפלען אין ווילהעלמ'ס מאכט, און עס האט געטראגען דעם כאראקטער, אז ער געזעגענט זיך אויף אייביג מיט דייטשלאנד. דאס זענען שוין געווען סמנים, אז די מאנארכיע האט זיך אונטערגעגעבען, אז קיינער וועט ניט וואגען ארויסצוטרעטען אין א ציווילען קריעג געגען די רעוואלוציאנערע אויפשטאנדען. פרינץ מאקס־פאן־באדען האט באלד רעזיגנירט און איבערגעגעבען די גאנצע מאכט אין סאציאליסטישע הענט.

דעם 9־טען נאוועמבער, 1918 (א טאג פריהער, איידער דער קעניג האט פארלאזט דייטשלאנד. נ. ש.), אין יענעם שעהנעם פריהמארגען, האט פיליפ שיידעמאן, געוועזענער מיניסטער, פראקלאמירט — אין זיין קורצער רעדע פון דער רייכסטאג געביידע — די דייטשע רעפובליק. צו דער גרויסער, ריזיגער מאסען־פארזאמלונג ארום דער רייכסטאג געביידע, האט ער אויסגעשריען: — "עס לעבע די דייטשע רעפובליק!" מיט הילכיגע אפלאדיסמענטען און הורא געשרייען, האט דאס פאלק אפגעענטפערט: — "עס לעבע די דייטשע רעפובליק!"

איבער די גאסען פון בערלין איז די נייעס פארשפרייט געווארען. מיט פרייד האט דאס דייטשע פאלק אויפגעכאפט די פראקלאמאציע פון פרייהייט, אז "דאס פאלק — איז די מאכט! די טאפעלע רעוואלוציע — ווי מען האט איהר גערופען — די עקאנאמישע און פאליטישע, איז געווען געזיכערט. דער טויט אויף דער דייטשער קעניגרייך איז געקומען אונערווארטעט.

ניט קוקענדיג, וואס אויף דער צווייטער זייט האט ליעבקנעכט אפעלירט צום פאלק, צו שאפען א סאוועטישע סיסטעם, פון קאלעקטיוויזאציע, אפצושאפען דאס קאפיטאל, האט דאס דייטשע פאלק זיך צוגעהערט צו דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, וואס האט מעהרער געווירקט אויף דער דייטשער נשמה. די ספאר־

טאַקיסטען, אונטער ליעבקנעכט - לוקסעמבורג׳ס פיהרערשאַפט, האָבען פּראָטעס־טירט געגען דער נאָכגעמאַכטער רעוואָלוציע. זיי האָבען אָבער ניט געקענט איבער־נעהמען די מאַכט, זיי זענען ניט געווען צוגעגרייט צו אַזעלכע מיטלען, וואָס לענין האָט באַנוצט צו צוברעכען די קערענסקי רעגיערונג. די סאָציאַליסטען האָבען געהאַט די מאַכט, זיי זענען געווען די נאַציאָנאַלע העלדען, אַלץ איז געשטאַנען אונטער זייער דעציזיע.

מיט דעם וועלען אָבער די קאָמוניסטען זיין גערעכט, אז די ס. ד. האָט אָפּ־געשוואַכט דעם רעוואָלוציאָנערען געדאַנק, מיט דעם אַוועקשטעלען זיך אינ׳ם מיטעל־פּונקט, מאַכענדיג א פּאַראַלעל צווישען די עקסטרעם לינקע און רעכטע; צווישען די פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע עלעמענטען. דאַמאָלסט איז אפשר געווען די צייט, דער היסטאָרישער מאָמענט איינצופיהרען סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד. און וואָלטען נאָר די סאָציאַליסטען, זייענדיג ביי דער מאַכט געווען צוטיילט צווישען די אָרימע פּויערים, די גרויסע מאַיאָנטקעס פון די פּריצים; נאַציאָנאַליזירט די גרויסע אינדוסטריעס און באַנקען, וואָלטען זיי געווען געגעבען א טויט־קלאַפּ דער דייטשער בורזשואזיע און רעאַקציע, און עס וואָלט ניט געקומען צו אַזאַ גרויסער שפּאַלטונג אין דער באַוועגונג.

אמת, דער דייטשער ארבייטער קלאַס האָט זיך אין יענע יאָהרען ניט גע־פיהלט גענוג שטאַרק, כדי צו פאַרוואַנדלען די דאַמאָלסטדיגע פּאָליטישע רעוואָלוציע אין א סאָציאַלער, אין פולען זין פון וואָרט: צו סאָציאַליזירען די ווירטשאַפט, קאָנ־פיסקירען די מאַיאָנטקעס, און נאַציאָנאַליזירען די באַנקען . . . א דאַנק דעם עקאָ־נאָמישען חורבן אין לאַנד גופא. מעגליך, אז אויב די דייטשע רעוואָלוציע, וואָלט ארויף, אויף דעם וועג פון א ראַדיקאַלער, סאָציאַלער איבערקעהרעניש, וואָלט זי דערשטיקט געוואָרען אין בירגער קריעג, מיט דער הילף פון די זיגרייכע נאַציאָ־נאַליסטיש - פּאַרהעצטע ארמייען פון דער אויסלענדישער בורזשואזיע, פון די אמע־ריקאַנער, ענגלישע און פראַנצויזישע סאָלדאַטען. זיי, די דייטשע סאָציאַליסטען, האָ־בען געוואָרט אויף רוהיגע צייטען, דורך רוהיגע מיטלען, און אָהן בלוט, אויסצו־קעמפען דעם סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד.

די פּראַקטיק האָט אָבער באַוויזען, אז די דאָזיגע האָפנונגען זענען געווען אונבאַגרינדעטע און נאַאיווע. וואָס מען האָט ניט אריינגעכאַפּט אין די ערשטע וואָכען פון דער רעוואָלוציע, דאָס האָט מען שוין קיינמאָל ניט באַקומען. פאַר־קערט: איין דערגרייכונג נאָך דער אַנדערער, איז צוריקגענומען געוואָרען; איין פּאָזיציע נאָך דער אנדערער איז פאַר די לעצטע יאָהרען אָפּגענומען געוואָרען ביים ארבייטער־קלאַס.

דאָס גיבען שוין צו א גרויסער טייל פון אונזערע גענאָסען, סאָציאַליסטען. אפילו גענאָסע ר. אבראַמאָוויטש, האָט זיך שוין ניט איינמאָל באַקלאָגט, אז עס זענען געמאַכט געוואָרען פעהלערען, אז דער הויפּט פעהלער פון דער דייטשער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבען ניט געמאַכט די "גרינדליכע" רעוואָלוציע, און אז די רעוואָלוציע איז געווען "ניט גענוג" סאָציאַליס־

טיש געמאכט. *) יעדער דענקענדער מענש, וועלכער וועט אויפריכטיג באטראכטען די דייטשע רעוואלוציע און איהר אנטוויקלונגס פראצעס, וועט קומען צו דעם זעלבען באשלוס.

"די גרעסטע רעוואלוציע, וואס די וועלט האט אמאל געזעהן" — האט זיך אמאל אויסגעדריקט גראף צערנין — די "גרעסטע", וויל "בלוטלאזע". אונז דאכט זיך, פונקט פארקערט, טאקע דערפאר, וואס דאס גאנצע פאלק האט הארמאנירט און זיך פאראייניגט מיט די סאציאליסטען; טאקע דערפאר, וואס קאפיטאל איז גע־גאנגען האנט־ביי־האנט מיט'ן סאציאליזם — אט דערפאר איז עס ניט געווען די עכטע רעוואלוציע, אינ'ם ברייטען זין פוןווארט. די רעוואלוציע, וואס איז דורך אזוי רוהיג, אהן וואסער ווידערשטאנד, אהן בלוט־פארגיסונג, איז באלד, אין איהר אנהויב, ניט געווען, און ניט געמאכט קיין איבערקעהרעניש. די דייטשע פאלקס מאסען, די אלע, וואס האבען געליטען פון דער מלחמה, זענען געווען פארביטערט אויף דער דאמאלסטדיגער רעגיערונג. זיי האבען געוואלט א רעפובליק, און די סא־ציאליסטען זענען נאר געווען די, וועלכע האבען געהאט די געלעגענהייט צו שפילען די הויפט־ראלע און "עפעס" טאן לטובת די ארבייטער.

דעם 10־טען נאוועמבער, נאך דעם גרויסען קאנגרעס פון אלע סאציאליסטישע גרופען — מיט אן אויסנאם פון ליעבקנעכט'ס גרופע — ווען צעהן טויזענט אר־בייטער זענען געווען פארזאמעלט אין דעם גרויסען זאל צירקוס־בוש, זענען ער־וועהלט געווארען דריי דעלעגאטען: עבערט, שיידעמאן און לאנדסבערג, פון דער מאיאריטעט סאציאליסטען. און דריי דעלעגאטען: האאזע, דיטמאן און בארטה, פון דער מינאריטעט "אינדעפענדענט" סאציאליסטען. עבערט און האאזע האבען צוזאמען איבערגענומען דעם פארזיץ פונ'ם נעשאפענעם צייטווייליגען פאלקס־ראט.

עס האט ניט גענומען — שרייבט שיידעמאן — קיין אכט־און־פערציג שטונדען, ווי די זעקס פאלקס רעפרעזענטאנטען האבען ארויסגעשיקט אן אויפרוף צום דייטשען פאלק. און אויפ'ן צוועלפטען נאוועמבער, האט מען אומעטום גע־לעזען די פראקלאמאציע, וואס איז געשריבען געווארען אין דעם אמת'ן גייסט פון דעמאקראטיע, — אז דאס דייטשע פאלק איז פריי. ער באקומט אלע פרייהייטען, פרייע רעדע, פארזאמלונג, רעליגיע, פאליטישע א. א. וו.

נאכהער, ווען עס איז דערהאלטען געווארען די רעזיגנאציע פון קייזער ווילהעלם דער צווייטער, אז ער רעזיגנירט פון דעם דייטשען טראן און גיט איבער די מאכט צו דער רעגיערונג, וואס וועט ערוועהלט ווערען פונ'ם פאלק, האט מען באלד געלאזט רופען א גרינדונגס פארזאמלונג, וואו עס זאלען זיין פארטראטען אלע פארטייען און שיכטען פון דער דייטשער נאציאן, אויסצוארבייטען אן איינשטימיגע קאנסטיטוציע פונ'ם גאנצען פאלק, און פאר'ן גאנצען פאלק.

---

*) ר. אבראמאוויטש: "פארווערטס" ניו־יארק, 18־טען דעצעמבער, 1932, 7־טען מאי, 1933.

2.

די נאציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אין ווייַמאַר

די דייטשע רעוואָלוציע, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, קען ניט אידענטיש פאַרגליכן ווערן צו אַלע אַנדערע רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן, וואָס צוטיילן דאָס פאָלק אין פאַרשיידענע טיילן: — אין וועלכע די זיגער בלייבן ביי דער מאַכט, און אונטערדריקן די באַזיגטע. דאָס דייטשע פאָלק האָט ווייטער האַרמאָניש און איינשטימיג צוזאַמענגעשטעלט די נייע רעגירונג, דער פאָלקס-פאַרטרעטערשאַפט. איין מענש איז נאָר אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זיין מאַכט, און דאָס איז געווען — קייזער ווילהעלם.

דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערישער פעריאָד — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן — האָט ניט מער אָנגעהאַלטן ווי צוויי מאָנאַטן, אין דער צייט, ווען די סאָציאַליסטן האָבן רעגירט איבער דייטשלאַנד.

מיט דער קאָנסטיטוציאָנעלער פאַרזאַמלונג אין ווייַמאַר, יאַנואַר, 1919, ענדיגט זיך שוין אָט די לעבעדיגע, שעהנע פעריאָדע. מען הערט שוין גאָר ניט די שעהנע, מוטיגע פראַזען פון עטאַבלירען א סאָציאַליסטישע רעפּובליק. מען דאַכט שוין ניט פון אָפּשאַפען דעם קאַפּיטאַליזם, פון סאָציאַליזאַציע פון פּריוואַטען פאַרמעגען און פּראָדוקציע, אויף וועלכעס מען האָט אין אָנהויב געחלומ'ט. די לאַנגדויערנדע עוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן, און דערפיהרט צו אַזעלכע טרויעריגע פּאַסירונגען.

די סאָציאַליסטען האָבן געזעהן, אַז עס איז נאָר געווען א פּוסטע אילוזיע, אָט דאָס פרעהען זיך מיט דער רעוואָלוציע, מיינענדיג, אַז מען האָט שוין דערגרייכט צו דער העכסטער סאָציאַלער שטופע. אין אַן ענטפער אויף ליעבקנעכט'ס אָנפאַלען און אַטאַקעס אויף דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט דער "פאָרווערטס" (הויפּט אָרגאַן פון די ס. ד.) געשריבען: — "עס איז זעהר לייכט פאַר ליעבקנעכט'ן צו זאָגען: "איך פיהר אייך צו אייער נצחון און וואוילזיין; מיר אָבער, דערצעהלען דעם מענשען דעם אמת, און ניט בלויזע פאַנטאַסטישע צוזאָגען".

די ווייַמאַר קאָאַליציע, די דאָמאָלסדיגע סאָציאַליסטישע טאַקטיק, האָט אויך אָפּגעשוואַכט די סאָציאַליסטישע דיסציפּלין און קאַמפּס-פעהיגקייט, וואָס איז געווען שעדליך פאַר דעם אָרגאַניזירטען אַרבייטער קלאַס.

און ניט בלויז דער סאָציאַליזם, נאָר אפילו דער ליבעראַליזם, וואָס האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירען אין דייטשלאַנד, האָט דורך דער פאַראייניגונג פון די אַלע אַנדערע פּאַרטייען, פאַרלוירען זיין מאַכט און קאָנטראָל. דער פאַרשימעלטער ליבעראַליזם, וואָס איז ערשט געהאַט געבוירען געוואָרען און זיך באַוויזען אויפ'ן

דייטשען הארייזאנט, איז באלד פארשוואונדען געווארען. די דייטשען זענען געווען צוטיילט אין צוויי עקסטרעמען, און קיין מיטעל־פונקט האט דארט ניט געקענט ווירקען. די רעאקציאנערישע און שאוויניסטישע פארטייען האבען באלד אנגעהויבען שפילען א וויכטיגע ראלע.

עס דארף דא אויך באטאנט ווערען, אז עבערט מיט זיינע קאלעגען, טראץ זייער איבערגעבענקייט צו דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, זענען זיי דאך געווען יענע אמת׳ע נאציאנאליסטען, וועלכע האבען געוואלט זיכערען דעם דייטשען עקזיסטענץ, און אנגעווענדעט זייער גאנצע ענרגיע אויסצופארמיידען דעם קאטאסטראפאלען צוזאמענברוך פון דער דייטשער נאציאן.

זיי זענען באדיי איינגעגאנגען אויף פארשיעדענע קאמפראמיסען, אבי הארמאניש צוזאמענצושטעלען די קאנסטיטוציע. אלס דעמאקראטען אינ׳ם ברייטסטען זין פון ווארט, האבען זיי איינגעשטימט, אז אין דער נייער צוזאמענגעשטעלטער רעגיערונג זאלען אנטייל נעהמען אלע קלאסען און שיכטען פון פאלק. אין דער קאאליציע זענען אפילו אריין אזעלכע קאפיטאליסטען, ווי בעראן פאן־ריכטאפען, ערצבערגער און גאטהיים. עבערט האט אפעלירט צו די רעכטע און לינקע, זיי זאלען אנטייל נעהמען אין דער רעגיערונג און ניט שטערען דעם פרידען. די סאציאליסטישע אישו איז דאן געווען — שלום.

זיי האבען מורא געהאט אליין איבערצונעהמען די רעגיערונג פון דעם ארימען דייטשלאנד, אהן דער צושטימונג פון די אנדערע פארטייען — האבען זיי גערעכענט — וועלען זיי ניט קענען רעגירען, און וועלען מוזען דורכפאלען. זענען זיי שוין בעסער איינגעגאנגען אויף קאאליציע. עס זאל כאטש זיין א ״הצלה פורתא״ — א דעמאקראטישע, איידער א מאנארכיסטישע רעגיערונג.

עס זענען באשטימט געווארען וואהלען אויף יאנואר, 1919. אט טאקע ביי די יאנואר וואהלען האט די סאציאל־דעמאקראטיע, געהאט צו פארצייכענען א גרויסען זיעג. זי האט געהאט 185 דעפוטאטען (מעהרהייט — 163 ; אומאפהייניגע — 22), אבער, ווי שיידעמאן גיט איבער אין זיינע מעמוארען *) האבען זיי דאך ניט געקענט פארמירען אן אייגענע זעלבסטשטענדיגע רעגיערונג, צו וועלכער עס איז נויטיג געווען א מעהרהייט פון 211, פון די 421 רייכסטאג מיטגלידער. אפילו מיט די ספארטאקען אין איינעם וואלט מען אויך ניט געקענט רעגירען אהן דער מיטהילף פון וועלכער עס איז אנדער פארטיי.

און אין פעברואר איז ערעפענט געווארען די נאציאנאלע גרינדונגס פארזאמלונג, אונטער׳ן פארזיץ פון פרידריך עבערט, וועלכער איז ערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט דורך א מעהרהייט פון 277 פון די 379 אפגעגעבענע שטימען. עס איז געווען דאס ערשטע מאל אין דער דייטשער געשיכטע, וואס א מיטגליד פון אן ארבייטער פאמיליע זאל דערהויבען ווערען צו דעם העכסטען אמט. גאנצע זיבען

*) The Making of the New Germany, The Memories of Phillip Scheideman, translated by J. E. Michell. D. Appleton New York, 1929, vol. II, p. 297.

יאָהר איז פרידריך עבערט, געזעסען אויף זיין פרעזידענט־שטוהל, געשטאַנען אין דער שפּיצע פון דער דייטשער רעגיערונג.

אין פעברואר איז אויך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען דער מיניסטאָרען קאַבינעט, אין וועלכען די סאָציאַליסטען האָבען געהאט א מאַיאָריטעט. פיליפ שיידעמאַן, דעם פּרעזידענט'ס נאָהענטסטער פריינד, איז געוואָרען קאַנצלער, נאָסקע, מיניסטער פון זעלבסט שוץ, און אַנדערע פינף סאָציאַל דעמאָקראַטען זענען אריין אין דער רעגיערונג. עס זענען אָבער אויך אריין אין מיניסטאָרען קאַבינעט אייניגע מיניסטאָרען פון די ליבעראַלע און צענטריסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבען פּיליכט געשטערט אין וועלכער עס איז סאָציאַליסטישער ענדערונג.

צוליעב דער דעמאָקראַטיע, וואָס איז אזוי טייער און הייליג געווען ביי עבערט'ן און זיינע קאָלעגען, האָבען זיי געמוזט זיך בויגען און שאַפען א "טרינינטי" פון כל המינים, וואָס האָט קיין גוטע רעזולטאַטען ניט געקענט ברייגגען. אויב אין אָנהויב איז נאָך די מאַכט געלעגען אין סאָציאַליסטישע הענט; זיי האָבען נאָך געשאַפען על־כל־פּנים איבער דער פּאָליטישער סיסטעם, האָט מען זיך אָבער באַלד פאַראויס געקענט ריכטען, אז אין א קורצער צייט, וועט די מאַכט איבערגעהן אין אַנדערע הענט אריין; אז איבער דער דייטשער רעפּובליק וועלען הערשען די רעכטע, שאָוויניסטישע, בורזשואזיע פּאַרטייען . . .

די רעכטע, וועלכע זענען אריינגעטראָטען אין דער קאָאַליציע, האָבען ניט געלאָזט פאַרווירקליכען וועלכע עס זאָל ניט זיין סאָציאַליסטישע אידעען. די סאָציאַליזאַציע און רעקאָנסטרוקציע האָט ממילא ביסלאַכוויז אָנגעפאַנגען געהן ריקווערטס אנשטאט פאָרווערטס. אפילו די סאָציאַל עקאָנאָמישע קאָמיסיעם האָבען שפּעטער געמוזט, און זענען געווען געצוואונגען צו רעזיגנירען. זיי האָבען לגמרי אויפגעהערט צו באַקומען א וועלכע עס איז עפעקטיווע הילף אין זייער נויטווענדיגקייט.

דער היסטאָריקער, וועלכער וועט געגוי אָפּשאַצען די רעזולטאַטען פון אלע דייטשע קריזיסען, וואָס האָבען געבראַכט צו רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדען. דער, וועלכער וועט אָפּשאַצען די פריהערדיגע רעוואָלוציעס אין די יאָהרען 1848, 1866—1870, וועט קלאָהר און וואַרשיינליך זעהן, אז זיי האָבען ניט מעהר אויפגעטאָן, און ניט געהאַט קיין גרעסערע באַדייטונג, ווי צוריק צו באַנייען און פאַראייניגען דייטשלאַנד. קיין סאָציאַלע, אָדער עקאָנאָמישע ענדערונגען זענען ניט פאַראַן מען זאָל זיי באַמערקען. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער לעצטער גרויסער רעוואָלוציע פון יאָהר 1918, אויף וועלכער מען האָט אין פּלוג געמיינט, אז זי וועט האָבען א ווירקונג, און וועט פאַראורזאַכען אַן ענדערונג אין'ם דייטשען סאָציאַל עקאָנאָמישען לעבען. עס האָט זיך אָבער לעצטענס ארויסגעוויזען, אז די היסטאָרישע רעוואָלוציע האָט גאָר קיין גרויסע באַדייטונג ניט געהאַט. אז אויך "זי" אונטערשיידעט זיך גאָר ווייניג פון די ערשטע רעוואָלוציעס.

דער קאָנטראַסט צווישען זיי קען נאָר זיין אין דעם: וואָס די פריהערדיגע רעוואָלוציעס זענען אָנגעפירט געוואָרען פון קאָנסערוואַטאָרען, און די לעצטע —

פון דעמאקראטען, סאציאליסטען און ליבעראלען. דער אויספיהרליכער אקט פון דער דראמע, איז כמעט אידענטיש צו די פריהערדיגע אקטען.

אט, למשל, פריהער, פאר דער נאוועמבער רעוואלוציע, איז די דייטשע קאנ־סטיטוציע געווען די פון 16־טען אפריל, 1871, וואס האט אויך געגעבען דאס רעכט פון בודזשעט און פינאנץ פראגען, וועגען הלוואות און אנדערע עקאנאמישע פראָ־בלעמען צום פארלאמענט און פאלקס רעפרעזענטיוון. דער רייכסטאג האט באַ־קומען אזא אבסאלוטע רעכט און פרייהייט, ווי דער ענגלישער פארלאמענט און אנדערע רעפובליקאנער פארלאמענטען.

אונאפיציעל אבער, האט דער ריזיגער ביסמארק רעגירט איבער דעם רייכס־טאג, און די נאאיווע דעפוטאטען, די אונערפאהרענע דיפלאמאטען, האבען זיך גע־לאזט ארומפיהרען ביי דער נאז. זייער רעכט איז נאר געבליבען אויפ'ן פאפיר.

און אויך איצט, נאך די נאוועמבער איבערקעהרענישען, וואס האט זיך לכתחילה ארויסגעוויזען צו דינען די אינטערעסען פון דעם ארבייטער קלאס, מיט דעם, וואס עס איז אין אנפאנגס, געגרינדעט געווארען א פאלקס־קאמיסיע צו דינען דעם פראלעטאריער און ארבייטער, האט זיך ארויסגעוויזען, אז אט דא האנדעלט זיך שוין פון א גאר אנדערער רעוואלוציע, וואס וועט ראדיקאל לייזען אלע פראָ־בלעמען. דאס איז אבער נאר געווען א צייטווייליגע זאך. דער פאלקס ראט האט רעזיגנירט דעם 10־טען פעברואר. די אויטאראטיווע מאכט איז איבערגעגאנגען צו דער גרינדונגס ־ פארזאמלונג פון אלע פארטראטענע פארטייען. מען האט מסכים גע־ווען אויף דעם קאמפראמיס, צווישען די אלע עקסטרעמען, אויף וועמעס באזיס דער קאנסטיטוציאנעלער אדוואקאט האט אויסגעארבייט די קאמפראמיס ־ קאנסטיטוציע.

דר. הוגא פרעאוס, אנערקענטער יוריסט, פראפעסאר אין פאליטישען פאַ־קולטעט אינ'ם בערלינער אוניווערזיטעט, א מיטגליד פון דער דעמאקראטישער פאר־טיי, וועלכער האט צוזאמענגעשטעלט די דייטשע קאנסטיטוציע, האט אלס זיין הויפט ציעל, איהר באזירט אויפ'ן דעמאקראטישען גייסט, אויסצוווארצלען די אויטאקראטיע און מאנארכיע. די קאנסטיטוציע וואס דר. פרעאוס האט צוגעפאסט צום דייטשען פאלק האט זיך געשטיצט אויף אנדערע בורזשואז־דעמאקראטישע קאנ־סטיטוציעס פון אנדערע לענדער. מיט דער הילף פון נאכשטודירען די דייטשע גע־שיכטע וועגען דער סאציאל פאליטישער אנטוויקלונג פון דעם דייטשען פאלק.

אין זיין צוזאמענשטעל פון דער קאנסטיטוציע געפינט מען ניט מעהר ווי א דריי וויכטיגע פאראגראפען, וואס האבען צו טאן מיט דעם, וואס מיר רופען סאצי־אל אנגעלעגענהייטען, אבער אויך ניט גענומען פון סאציאליסטישען שטאנדפונקט. פארקערט, עס ווערט דארט עפענטליך ארויסגעזאגט, אז די קאנסטיטוציע איז ניט איינשטימיג מיט וועלכער קאלעקטיוויזאציע עס זאל ניט זיין, אז מען זאל אוועק־נעהמען דאס קאפיטאל און ווירטשאפט פון דער גרויס בורזשואזיע, און עס איינטיי־לען צווישען די מאסען. עס ווערט נאר געזאגט אז: ״סאציאליזם פון נאטירליכע

געוויקסען און מאנופאקטורע פּראָדוקציע; עקאָנאָמישע דיסטריבוציע און פּרייז רעגולאציעס, דארף דינען פאר דעם אלגעמיינעם נוצען". *)

די סאָציאליסטען האָבען מסכים געווען, און ראטיפיצירט די קאָנסטיטוציע, אָבער ניט דערפאר, ווייל זי איז געווען סאָציאליסטיש. די סאָציאליסטען האָבען נאָר אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט מיט דער פּראָגרעסיוקייט פון איינינע פונקטען. זיי האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אז די ווייםאָר קאָנסטיטוציע איז ניט געשאַפען געוואָרען בלויז פאר'ן ארבייטער, נאָר פאר דעם גאַנצען דייטשען פאָלק. פאר'ן קליינבירגערטום, און אויך פאר דער אַריסטאָקראַטיע. זיי זענען געווען צופרידען מיט דער נאָבעלער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט געגעבען פרייהייט צו אלע שיכטען און קלאַסען, מיינענדיג, אז אזוי ארום, וועלען זיי קענען דערנעהענטערען די עכטע, סאָציאלע רעוואָלוציע. א סך פון די פונקטען, וואָס די סאָציאַליסטען האָבען ארויסגעשטעלט, זענען באַלד צוריקגעוואָרפען געוואָרען, און אפילו די פונקטען, וואָס זענען יאָ ארייננענומען געוואָרען אין דער קאָנסטיטוציע, זענען נאָר באַנוצט געוואָרען אלס טעאָרעטישע פראַזען, אין דער פּראַקטיק אָבער האָבען זיי גאָר ניט פונקציאָנירט...

עס איז געווען א קליינבירגערליכער געדאַנק אָט דאָס מיינען, אז מיט דעם אומוואַרפען די האָהענצאָלערישע מאָנארכיע, וועט א נייע דייטשלאַנד ארויסוואַקסען. מען האָט זיך כסדר גענאַרט. דייטשלאַנד איז געבליבען די זעלבע, נאָר אַנדערש געשלייערט. די ווייםאָר קאָנסטיטוציע איז נאָר געווען לפנים, פאר א צירונג האָט מען זי געהאַלטען. רעגירט אָבער האָט ניט דער קאַנצלער, ניט דער פּאַרלאַמענט, נאָר דאָס רייכסווער. זיי, די גענעראַלען, די יונקערס, די מיליטערישע רעאַקציאָנערען, האָבען רעגירט איבער דייטשלאַנד; זיי זענען געווען די הערשער איבער דער ווייםאָר קאָנסטיטוציע, און זיי האָבען עס געגעבען דעם טויט-קלאַפּ דער דייטשער דעמאָקראַטיע.

פאַר יעדען דענקענדען מענש איז עס געווען גאַנץ קלאָר, אז פון יענעם טאָג, דעם 26-טען אפּריל, 1925, ווען הינדענבורג איז ערוועהלט געוואָרען אלס פּרעזידענט פון דער דייטשער רעפּובליק — האָט זיך אָנגעהויבען דער אונטערגאַנג פון דער דייטשער דעמאָקראַטיע, דער סוף פון דער דייטשער רעפּובליק. **) אין דער גאַנצער וועלט האָט עס געמאַכט א שרעקליכען איינדרוק, וואָס קוים זעקס און א האַלב יאָהר נאָך דייטשלאַנד'ס מיליטערישען צוזאַמענברוך, האָט מען אויסגעקליבען אלס פּרעזידענט פון דער רעפּובליק דעם פעלדמארשאַל פון דעם אַנטלאָפענעם קייזער, אויפ'ן

---

*) די דייטשע קאָנסטיטוציע איז צוטיילט אין צוויי טיילען, און אין 181 ארטיקלען. אין איהר ערשטען טייל ווערט ארומגערעדט ווענען דייטשלאַנד אלס א רעפּובליק; און אין איהר צווייטען טייל ווערט שוין אנאַליזירט די פונדאַמענטאַלע רעכט פון אַלע בירגער. ערשט אין דער פינפטער סעקציע אין די ארטיקלען פון 151 ביז 165 ווערט אויסגעדריקט די רעכט און פרייהייט סיי פון'ם ארבייטער און סיי פון'ם ארבייטסגעבער. די רעכט פון קאַפּיטאַליסט און די רעכט פון פּראָלעטאַריער.

**) זעה: גזשעזשינסקי, "פאָרווערטס", 12-טער נאָוועמבער, 1933.

פלאַץ פון פרידריך עבערט דעם סאָציאַליסט. (דעם 28־טען פעברואר, 1925, איז דער סאָצ. פרעזידענט, וועלכער האָט באַוואונדערט די וועלט מיט זיינע אויפטואונגען און דערגרייכונגען פאר'ן דייטשען פאָלק און וועלט פרידען — געשטאָרבען).

הינדענבורג'ס ערוועהלונג איז געווען אַזאַ שווערער קלאַפּ, א דאַנק די גרויסע רעכט און מאַכט, וואָס די דייטשע קאָנסטיטוציע גיט דעם דייטשען פרעזידענט. ער ווערט אויסגעקליבען אויף זיבען יאָהר. ער האָט דאָס רעכט צו שליסען אָפּמאַכען מיט אַנדערע לענדער. ער האָט די מאַכט צו באַשטימען און אראָפּזעצען בעאַמטע פון דער רייכס־רעגיערונג, אפילו דעם רייכס־קאַנצלער זעלבסט. דער פרעזידענט איז דער הויפּט קאָמאַנדיר איבער דער גאַנצער ארמיי. דאָס "ארטיקעל 48" גיט איהם אפילו די רעכט, אז ווען, לויט דער מיינונג פון דעם פרעזידענט, עס ווערט אין לאַנד געשאַפען א לאַגע, אז די רוה און אָרדנונג איז אין געפאַהר געשטערט צו ווערען — ער זאָל ארויסגעבען די נויטיגע פאראָרדנונגען אויף צו פארהיטען די עפענטליכע רוה א. א. וו. *)

האָבנעדיג אַזאַ מאַכט, איז זעהר שעדליך געווען, אז אין דער שפּיצע פון דער דייטשער רעפּובליק זאָל שטעהן א מענש, וועלכער איז שטענדיג געווען אַן אויס־געשפּראָכענער מאָנאַרכיסט. עס איז געווען א געפאַהר, אז דער פרעזידענט פון דער רעפּובליק זאָל ניט זיין קיין רעפּובליקאנער, נאָר גאָר א פּרינציפּיעלער געגנער פון רעפּובליק. עס איז מעגליך, אז אויך דאָ האָבען די סאָציאַליסטען געמאַכט א טעות מיט דעם, וואָס ביי די צווייטע וואַהלען, אין 1932, האָבען זיי געשטימט פאַר הינדענבורג'ן. הינדענבורג האָט שטענדיג געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו שטירצען די דעמאָקראַטישע רעגיערונג. עס איז גאָר ניט געווען קיין אנטוישונג, ווען ער האָט עס לעצטענס אַזוי געטאָן. **)

---

*) אין דער דריטער סעקציע פון דעם ערשטען טייל פון דער דייטשער קאָנ־סטיטוציע פון ארטיקעל 41 ביז צו דעם ארטיקעל 51 ווערט אין גאַנצען ארומגע־רעדט די רעכט פון דעם פרעזידענט איבער דייטשלאַנד.

**) זעה קאַפּיטעל 9. ז. ז. 79 — 80.

3.

די ריכטונגען אין דער ארבייטער באוועגונג

מיט׳ן אויסברוך פון דער וועלט - מלחמה, ווען אלע אינטערנאציאנאלע אינ־סטיטוציעס זענען געשלאסען געווארען און אויפגעהערט צו עקזיסטירען, איז אויך דער סאציאליסטישער "אינטערנאציאנאל" אויף א קורצער צייט אויפגעלייזט גע־ווארען. ער האט אין גאנצען אויפגעהערט פונקציאנירען און דאדורך האט גאר ניט געקענט קומען צו א "פרידענס קאנפערענץ" צווישען די ארבייטער, צו באטראכטען די שטעלונג פון די ארבייטער און סאציאליסטישער אינטערנאציאנאלער וועלט, וועגען דער מלחמה, צי זיי זאלען שטעלען א ווידערשטאנד און ניט וועלען ארויס־געהן אין מלחמה, אדער זיך שטעלען אין דינסט צו דער בורזשואזיע, וואס רופט צו מלחמה.

צו דער זעלבער צייט האט די דייטשע סאציאל - דעמאקראטישע פארטיי זעהר פיעל געליטען פון דער ניט־איינינקייט אין דער קאמפליצירטער פראגע וועגען באוואפנונג פון דעם ארבייטער קלאס. די פארטיי האט זיך אנגעהויבען פאנאנדער־טיילען אין גרופען און פראקציעס.

די עפענטליכע דיסקוסיעס זענען פארגעקומען אויף דער זיצונג פון דעם עקזעקוטיוו־ראט פון דער ס. ד. דעם צווייטען אויגוסט, 1914. מען האט דיסקוטירט וועגען די מלחמה - קרעדיטען, וואס האט געדארפט פארגעבראכט צו ווערען ביי דער רייכסטאג סעסיע דעם 4־טען אויגוסט. די סאציאליסטישע פארטיי האט שוין דאן געמוזט דעבאטירען וועגען איהר שטעלונג צו אט דער דערמאנטער פראגע, צי זי זאל שטימען "פאר", אדער "געגען" מלחמה־קרעדיטען, און אפשר זיך אין גאנצען צוריקהאלטען פון שטימען. אין דער היציגער דיסקוסיע האבען האאזע און לעדער־באור אנטוויקעלט דעם געדאנק פון אנטזאגען זיך מיט־צושטימען מיט די אלע אנ־דערע רעכטע פארטייען, נאר שטימען "געגען" די מלחמה־קרעדיטען. די מעהרהייט אבער, אונטער דער פיהרערשאפט פון עבערט - שיידעמאן, האבען דאן אנגעוועגדעט אלע מיטלען צו באאיינפלוסען די סאציאליסטען, זיי זאלען שטימען פאר דער הלואה. ניט ארויסצוצייגען זייער אונלאיאליטעט און אויסנאם פון אלע אנדערע ליבעראלע פארטייען, וועלכע זענען גרייט געווען צו ראטעווען דאס "פאטערלאנד". זיי, די עבערט - שיידעמאן, האבען מורא געהאט טאמער וועלען זיי פאר׳מיאוס׳ט ווערען ביים דייטשען פאלק, און וועלען קריגען דעם פלעק פון פאררעטערישקייט.

מאסען דייטשען, סטודענטען, אינטעליגענציע, מיט דער גאנצער אריסטא־קראטיע — אלע זענען זיי זיכער געווען אין דייטשלאנד׳ס זיעג. עס האט קיינער ניט געצווייפעלט אין דעם זיעג פון דייטשלאנד. יעדער פארזאמלונג איז באגלייט

געוואָרען מיט הורא אויסגעשריען: "זיעגרייך וועלען וויר פראַנקרייך שלאָגען". און אָט דאָס האָט געמאַכט א טיפען רושם אויף יענע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען אויך געוואָלט ראַטעווען זייער לאַנד.

נאָך א לאַנג פארצויגענער דיסקוסיע און נאַכהער, ווען עס איז אָנגעקומען די טרויעריגע ידיעה, אז אויך די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען פון ביידע הייזער, פון פאַרלאַמענט און סענאַט, האָבען געשטימט, און אידענטיש אריינגעשיקט זייערע דעקלערציעס פאר מלחמה־קרעדיטען, האָט א מעהרהייט פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי, אָנגענומען די רעזאָלוציע פון שטימען פאר דער רעגיערונגס הלואה.

אויף דער רייכסטאַג סעסיע האָבען אלע, חוץ פערצעהן דעפּוטאַטען, געשטימט פאר דער הלואה. אין דער אָפּאָזיציע האָבען זיך געפונען אזעלכע צענטראַלע פיגורען ווי האאזע, ליעבקנעכט א. א. די מעהרהייט האָט אָבער געשטימט מיט די אנדערע קאַפּיטאַליסטישע פארטייען. *)

די לאַגע אין דער סאָציאַליסטישער פארטיי איז אלע מאָל געוואָרען ערגער. די שפּאַלטונגען און רייבונגען צווישען דעם ארבייטער קלאַס האָבען קיין גוטע רעזולטאַטען ניט געקענט ברייגנען אין דער קריטישער צייט, ווען עס איז נויטיג געווען א פאַראייניגטער קאמף געגען דער בורזשואזיע.

האאזע, קאוטסקי און בערנשטיין, די דריי גרויסע אינטעלעקטואלען און טעאָרעטיקער פונ'ם דעמאָקראַטישען סאָציאַליזם, זענען ארויסגעטראָטען פון דער פאַרטיי און געגרינדעט די נייע מינדערהייט פארטיי, אונטער'ן נאָמען: "אינדעפּענדענט רעוואָלוציאָנערען". אין יוני, 1915, האָבען זיי אפילו געלאָזט אָפּדרוקען א מאניפעסט, אַן אויפרוף צו די ארבייטער, אָנווייזענדיג אויף די פעהלערען, וואָס ווערען באַגאַנגען מיצד דער "מאַיאָריטעט", און אויף דער שעדליכער פּאָליטישער האנדלונג פון שטימען פאר די מלחמה - קרעדיטען.

די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק פון קארל ליעבקנעכט, ראָזע לוקסעמבורג (ביידע זענען דערמאָרדעט געוואָרען פון א מאָנאַרכיסט אין יאָהר 1919) און קלארא צעטקין, די ניט לאַנג פארשטאָרבענע "גראָסמוטער" פונ'ם דייטשען קאָמוניזם, וועלכע האָבען געוואָלט פיהרען די רעוואָלוציע לויט דעם סאָוועטישען סיסטעם און מעטאָדע, האָט זיך דאַן אָנגעהויבען אנטוויקלען צווישען די ברייטע ארבייטער מאַסען. זיי זענען געווען די, וועלכע האָבען געגלויבט, פונ'ם מאַרקסיסטישען שטאַנדפּונקט, אז אין דייטשלאַנד איז געקומען דער היסטאָרישער מאָמענט, די געלעגענהייט אריבערצוגעהן צו דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט, צו מאַכען אַן ענדע פונ'ם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם און פּריוואַטווירטשאַפט...

עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבען די לאַנגע און ביטערע צאַנקערייען, און קאמף צווישען אָט די דערמאָנטע פראקציעס, וועלכע זענען איינגעטיילט געוואָרען אין:

*) ביז'ן היינטיגען טאָג הערט מען נאָך אלץ פון מאַנכע סאָציאַליסטען, און שוין אָפּגערעדט פון קאָמוניסטען, דעם פאָרוואורף געגען דער האַנדלונג פון דער מאַיאָריטעט, וואָס האָט געשטימט פאַר דער באַוואפנונג פונ'ם ארבייטער קלאַס; און געשטימט פאר דער רעגיערונג הלואה. נ. ש.

אינדעפּענדענט — אלס די מעהר אַנגעזעהענע, צווישען וועלכע עס האָט זיך געפינען דער באַרימטער און גרויסער טעאָרעטיקער, קאַרל קאַוטסקי. זיי זענען געווען די מעהר אַנגעזעהענע. זיי האָבען אָבער ניט געקענט באַאיינפלוסען מיט טעאָריעס, מיט ווערטער און שריפט. די מאַיאָריטעט — מיט סטאַביליזירטע פאַקטען, קאָנ־טראָלירענדיג נאָך אַלץ די פאַך־פאַראיינען און די לעצטע רעוואָלוציאָנערען — זענען נאָך דאַן געווען ניט מעהר ווי לעגענדאַרישע פיגורען, וועלכע האָבען שפּעטער אָנ־געהויבען שפּילען א ראָלע, און פאַרגרעסערט זייער פּאַרטיי.

אונטער׳ן נאָמען "ספּאַרטאַקיסטען" (ליעבקנכט׳ס פּסעוודאָנים איז געווען ספּאַרטאַקוס, רוימישער העלד) האָבען זיך גוט אָרגאַניזירט אין א לינקער גרופּע, פון וועלכער עס איז אויסגעוואַקסען און אַנטוויקעלט געוואָרען די דייטשע קאָמוניס־טישע פּאַרטיי. זיי זענען געווען די גרעסטע געגנער פון דער ס. ד., וועמען זיי האָבען באַשולדיגט אין זיין צופּיעל "קייזערליך". די מעהרהייט סאָציאַליסטען האָ־בען אָבער מיט אַלע מעגליכקייטען אונטערדריקט אָט די אַלע ראַדיקאַלע עלעמענטען, אונטער׳ן פּאַרדאַכט, אַז זיי ווילען נאָכטאָן די רוסישע באָלשעוויסטישע מעטאָדען, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען פאַר אונמעגליך זיי דורכצופיהרען אין דעם אינדו־סטריעל אַנטוויקעלטען דייטשלאַנד.

די ערשטע, די אונאָפּהייניגע, האָבען נאָכהער, נאָך דער רעוואָלוציע, צוריק שלום געמאַכט מיט דער מעהרהייט פּאַרטיי. בעסער געזאָגט, זיך אונטערגעגעבען אונטער דער מאַיאָריטעט. קאַוטסקי און האאַזע, האָבען רעזיגנירט, איז דאָך ממילא שוין ניט געווען ווער עס זאָל אָנגעהן מיט דער אַרבייט. זיי זענען נאָכהער אויך אריין אין דער ראַט־קאָמיסיע און רעגיערונג צוזאַמענשטעל. האאַזע איז אפילו ערוועהלט געוואָרען אין די רייכסטאַג־וואַהלען, אין אָקטאָבער 1924. *) די דע־מאָקראַטען זענען אַלע פאַראייניגט געוואָרען, און דער קאַמף צווישעןביידע ריכ־טונגען איז פאַרענדיגט געוואָרען, אָבוואָהל עס זענען נאָך פאַרגעקומען צווישען זיי וועלכע עס איז דיספּוטען, זענען זיי שוין עפענטליך מעהר ניט ארויסגעטראָטען.

גאַנץ אנדערש איז אָבער געווען מיט די ראַדיקאַלע עלעמענטען פון ליעב־קנעכט - לוקסעמבורג. מיט זיי איז דער קאַמף שוין אַזוי שנעל ניט פאַרענדיגט געוואָרען. דער קאַמף איז וואָס אַמאָל געוואָרען מעהר א פאַרצווייגענער און לאַנג־דויערענדער. אנשטאָט דער קאַמף צווישען די קלאַסען, האָט זיך אָנגעהויבען א קאַמף אין דעם אַרבייטער קלאַס גופא. און די קאָנסעקווענצען זענען געווען, אַז נאָר דאָס אַרבייטער בלוט, האָט זיך געגאָסען אויף די בערלינער גאַסען, קעמפענדיג אַרבייטער געגען אַרבייטער.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געהאַט גענוג צו קעמפען געגען די רעכטע, געגען דעם אויפשטאַנד אין מערץ, 1920, פון דער "קאַפּ פּוטש" געגען דער רעגיערונג,

*) ער איז פּלוצלונג געשטאָרבען פון א האַרץ אַטאַקע מיט א מאָנאַט שפּעטער דעם 7־טען נאָוועמבער, און ניט געהאַט די זכיה צו פאַרנעהמען א פּלאַץ אין דער נייער רעפּובליקאַנער רעגיערונג. נ. ש.

וואס האט געוואלט איינפיהרען א רעאקציאנערישע מיליטערישע דיקטאטור. *) זי האט אבער מעהר געליטען פון אט די לינקע רעוואלוציאנערע גרופען, וועלכע האבען געוואלט איינפיהרען אין דייטשלאנד א פראלעטארישע דיקטאטור. דאן, ווען שיידעמאן האט פון דער רייכסטאג געביידע פראקלאמירט די רעפובליק, אויפ'ן באזיס פון דעמאקראטיע, האט אויף דער צווייטער זייט, ליעבקנעכט, געהאלטען א רעדע פון שלאס-באלקאן, און גערופען די ארבייטער צו פאראייניגען זיך און דורכפיהרען די רעוואלוציע, כדי נאכהער איינצופיהרען א סאוועטישע רעפובליק. זיי ווייטער, די סאציאל - דעמאקראטען, האבען געהאלטען, אז עס איז דער גרעסטער גליק פאר דעם ארבייטער קלאס, וואס האט זיך צוריקגערוקט פון דעם באלשעוויזם און זיך דערווייטערט פונ'ם רוסישען קאמוניזם, וואס האט ביי זיי געהייסען — א בארבאריש - אזיאטישער קאריקאטור פון דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם.

מען האט אנגעפאנגען באשימפען און באשמוצען איינער דעם צווייטען. עס האט זיך אנגעהויבען הערען די שאנד און זידעל - ווערטער צווישען די ארבייטער. אנפאלען און אטאקעס פון איינעם אויפ'ן צווייטען, איז געווארען א טעגליכע ערשיינונג. באשולדיגונגען פון איינעם געגען צווייטען האבען זיך אנגעהויבען הערען פון אלע זייטען, און ביז'ן היינטיגען טאג הערען מיר נאך אלץ די זעלבע פארוואורפען.

די סאציאליסטען ווארפען ארויף די גאנצע שולד פאר דער רעפובליק צופאלונג, פאר ניט קענען דורכפיהרען סאציאליסטישע פרינציפען; פאר'ן כאאטישען צושטאנד אין דער ארבייטער באוועגונג אויף די קאמוניסטען. זיי, די טעראריסטישע דיקטאטארען האבען כלערליי צרות געבראכט. זיי, די קאמוניסטען פון "דריטען אינטערנאציאנאל" זענען געווען די שטערער אין דער פארווירקליכונג פון סאצ. פונקטען, אין און דורך — א פרידענס וועג. זיי זענען שולדיג אין דעם, וואס די רעאקציע האט זיך אנגעהויבען פארשפרייטען. זיי האבען געבראכט, און געהאלפען דעם פאשיזם. זיי האבען געעפענט די טויערען פון דייטשלאנד פאר אט דער היטלעריסטישער באוועגונג...

דאגעגען, די קאמוניסטישע טענות זענען: אז די סאצ. דעמאקראטען זענען עס שולדיג אין אלעם, אין דעם, וואס דער פראלעטאריער ליידט אין די לעצטע צייטען. זיי האבען דאס פארראטען די רעוואלוציע און געהאלפען קאנסאלידירען די קאפיטאליסטישע כחות. זיי, די סאציאליסטען, ווערען באשולדיגט אין זיין צופיעל בורזשואזיפיצירט, און סאציאל רעפארמיזירט. זיי האבען עס געהאלפען דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. ווען ניט אט די פאררעטער, וועלכע שטעהען האנט ביי האנט מיט די קאפיטאליסטען, וואלט מען שוין געהאלטען, און שוין פון לאנג געווען איינגעפירט — סאציאליזאציע...

נאך אין יענער צייט פון רעוואלוציע, האט די "ראטע פאהנע", דער ספארטאקיסטישער ארגאן געשריבען: "זיי, די עבערט - שיידעמאן, ווילען טרעטען מיט

---

*) מען דארף וויסען, אז שוין אין דעם ערשטען פוטש (אויפשטאנד) איז גענעראל לודענדארף געווען אונדירעקט פארבונדען, און די סאציאליסטען האבען געמוזט אנשמריינגען אלע כוחות געגען אזא מעכטיגען רעאקציאנער און מאנארכיסט.

זייערע פיס אויפ׳ן נאַקען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. זיי די נאָסקעס, ווילען פאַרזי־כערען דעם טריאומף פון קאַפּיטאַליזם מיט בלוט און אייזען... מאַסען פאַרזאַמלונג צום פּראָטעסט!" נאָך דעם צוזאַמענברוך פון דער מאָנאַרכיע, ווען די סאָציאַליס־טען האָבען פּראָקלאַמירט די רעפּובליק און גערופען די גרינדונגס - פאַרזאַמלונג איינצופיהרען דעם מאָדערנעם פּאַרלאַמענטאַריזם, האָט ליעבקנעכט טאָג און נאַכט, אָן אויפהער, אַגיטירט געגען אָט דער האַנדלונג, און אָפען פּראָפּאַגאַנדירט ניט צו שטיצען די נייע רעפּובליק, וואָס האָט ביי איהם געהייסען ניט מעהר ווי "מאָנאַרכיע, אין א שעהנערען פאָרם". ניט איינמאָל האָט ער ווידערהאָלט אָט די קלינגענדיגע ווערטער פון "נידער מיט עבערט - שיידעמאַן, די שטיצער פון דער מאָנאַרכיע, און בויער פון קאַפּיטאַל און בורזשואַזיע". די זעלבע ווערטער חזר׳ט ער איבער אין זיינע רעדעס און אין אַרטיקלען אין דער "ראָטע פאָנע". גלייך ווי די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד, האָבען די ספּאַרטאַקען אויך געלערנט, אז פּאַרלאַמענטאַריזם איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך.

די מאַרקסיסטען, לויט דער אויסטייטשונג פון ענגעלס, קאַוטסקי, וואַנדער־וועלדע א. א., ווילען דוקא איינפיהרען סאָציאַליזם אויף א דעמאָקראַטישען אופן, און ממילא זענען זיי דערפאַר, פאַר דעם פּראָגרעסיווען פּאַרלאַמענטאַריזם און דע־מאָקראַטיע. פאַר זיי איז דיקטאַטור — סיי די בורזשואַזישע, און סיי די פּראָלע־טאַרישע דיקטאַטור — "רעאַקציע". דער פּאַרלאַמענטאַריזם, דאָס דורכפיהרען דעמאָקראַטישע געזעצען — איז שוין א טריט נעהענטער צום סאָציאַליזם.

ליעבקנעכט איז אָבער, שוין אין זיינע יונגע יאָהרען, געווען א געגנער פון דעם וואַהלען-סיסטעם. געגען דעם, וואָס ארבייטער שיקען זייערע פאַרטרעטער צו פאַרהאַנדלען צוזאַמען מיט די קאַפּיטאַליסטען, און שטימען מיט זיי. "פּאַרלאַמענ־טאַריזם", לויט זיין מיינונג, איז נאָר א בלויזער מיטעל צו פאַרבלענדען די אויגען פון די מאַסען. און דאַדורך זוכט דער קאָמוניזם צו שטירצען אָט די רעגיערונגען, וואָס "חנפ׳נען" די ארבייטער מיט געבען זיי גלייכבארעכטיגונג, און גלייכצייטיג אָפּשוואַכען זייער קאַמפּלוסטיגקייט געגען דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

דאָס האָט פאַראורזאַכט דעם ספּאַרטאַקען אויפשטאַנד געגען דער קאָאַליציע פון רעכטע און לינקע עלעמענטען. דער אידייאישער מחלוקת איז איבערגעגאַנגען פון טעאָריע צו דער פּראַקטיק. די ספּאַרטאַקען האָבען געוואָלט נאָכטאָן זייערע פריהערדיגע וועג-ווייזער, צו שאַפען אַן אמת׳ע רעוואָלוציע, אויפ׳ן זעלביגען סיסטעם ווי די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד. עס זענען אפילו פאָרגעקומען פאַרהאַנדלונגען צווישען אָט די צוויי גלייך-דענקער: רוסישע און דייטשע קאָמוניסטען. אין דע־צעמבער, 1919, איז קאַרל ראַדעק ספּעציעל אָפּגעפאָהרען קיין דייטשלאַנד זיך דורכ־צורעדען מיט די ספּאַרטאַקען וועגען, און ווי אזוי, דורכצופיהרען דעם סאָוועטישען סיסטעם אין דייטשלאַנד. אזוי ארום וואָלט מעגליך געווען, אז גאַנץ איירופּע זאָל געווען ארונטערפאַלען אונטער זייער קאָנטראָל. — דייטשלאַנד איז דאָך דאָס האַרץ, דער מיטעלפונקט פון איירופּע. ווי מען האָט שפּעטער אויסגעפונען פון גענויע

קוועלען, האָבען די באָלשעוויקעס אסיגנירט גרויסע סומען געלט, און פיעל ענערגיע אָנגעווענדעט פאר פראָפּאָגאַנדע צוועקען...

פון דאמאָלסט אָן פארגרעסערט זיך אלע מאָל מעהר אָט דער לאַנג־דויערענ־דער קאמף צווישען ביידע עקסטרעמען אין דער ארבייטער באַוועגונג. אנשטאט דעם קאמף געגען דער רעאקציע, געגען די אויסערליכע שונאים, קעמפט מען צווישען זיך. אָט דער אינערליכער קאמף האָט אָפּגעשוואכט דעם ארבייטער קלאַס אין זיין מאָביליזאציע געגען דעם קאפּיטאליזם. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז דער פאשיזם זאָל האָבען א גרויסע ווירקונג אפילו אויף דעם ארבייטער זעלבסט, וועלכער איז צייטענווייז געוואָרען האָפנונגסלאָז, האלטענדיג דעם סאָציאליזם פאר א פאנטאזיע, דאַן ווען אינערליכע רייבונגען זענען פאראַן אָן א שיעור.

די קאָמוניסטען האלטען אין איין איבערצייגען, אז די ס. ד. איז בורזשו־אזיש, א באוויז, דאָס אפילו אין דער צייט ווען די גאנצע רעגיערונג איז געווען אין איהרע הענט; געוואונען דעם צוטרוי ביים דייטשען פאָלק, און געהאַט די מעגליכקייט דורכצופיהרען סאָציאליסטישע פרינציפּען, צו קאָנפיסקירען די מאיאָנטקעס פון די יונקערס, און סאָציאליזירען דעם קאפּיטאל, האָבען זיי ניט געמאכט קיין שום ענדערונג אינ׳ם דייטשען עקאָנאָמישען לעבען, און צוריק אוועקגעגעבען די מאכט צו דער אריסטאָקראטיע און הויך־קאפּיטאל. די סאָציאליסטען, ווייטער, טענה׳ן, אז די גאנצע שולד פאלט אויף די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען געהאָלפען דער מאָנאר־כיע דיקטאטור און היטלעריזם, אבי די רעפּובליק, וואָס די סאָציאליסטען האָבען געהאָלפען בויען, זאָל זיך צופאַלען, כדי די סאָציאליסטען זאָלען פארלירען זייער קאָנטראָל איבער די פאך־פאראיינען און ארבייטער אָרגאניזאציעס.

די טאקטיק פון ביידע פראקציעס, פון ביידע עקסטרעמע פארטייען, וועלכע האָבען ניט געוואָלט איינשטימען אויף וועלכען עס איז קאָמפּראָמיס, זיי זאָלען ביידע אונטער א פאראייניגטען פראָנט, קעמפען געגען דער רעאקציע, האָט פאראורזאכט די גרויסע פארלוסטען פון דעם ארבייטער קלאַס.

4.

דער ווערסאילער פרידענס - אָפּמאַך וואָס האָט רואינירט דייטשלאַנד

די מלחמה האָט געבוירען די דייטשע דעמאָקראַטיע. די פאָלגען פון דער וועלט־מלחמה האָבען זי אָבער באַלד דערשטיקט. די, וועלכע האָבען געשאַפען דעם ווערסאילער פרידענס אָפּמאַך, די עליים, האָבען מיטגעהאָלפען, און פיליכט געווירקט, צו באַזייטיגען די האָהענצאָלערנס; זיי האָבען געהאַט א חלק אין דעם פאַרשווינדען פון דער ווילהעלם דינאַסטיע, אין דעם אַנטלויפען פון קייזער; אַז אין דייטשלאַנד זאָל זיך שאַפען א רעפּובליק. זיי האָבען אָבער די רעפּובליק באַלד צובראָכען. זיי האָבען אַרויפגעלייגט אַזא שווערע לאַסט אויף דער אָרימער, צובראָכענער, ערשט־ניי־געבוירענער דייטשער רעפּובליק, אַז זי זאָל מוזען צוזאַמענברעכען, צופאַלען און צוריק צושמעטערט ווערען.

דער אינערליכער קריזיס פון דייטשלאַנד, זינט דער וועלט־מלחמה, האָט געוויס, אָן וועלכע עס איז אַנדערע אורזאַכען, דעם ענגען צוזאַמענהאַנג מיט די פאָלגען פון דער וועלט־מלחמה, וועלכע האָבען פאַראַליזירט די דייטשע ווירטשאַפט און פאַראָרימט דאָס דייטשע פאָלק. אונברחמנות'דיג האָט מען זי געצוואונגען צו אַזעלכעס, וואָס עס' איז אונמעגליך געווען פאַר דער דייטשער נאַציע, אַז זי זאָל עס קענען נאָכקומען. די פאַר'שכור'טע פון דעם גרויסען נצחון, האָבען זיך ניט גערעכענט מיט די אומשטענדען, מיט דער "מעגליכקייט"; זיי האָבען איינגעצוימט דייטשלאַנד אין איהרע ענגע "דלד אמות", זי זאָל זיך קיין ריהר ניט טאָן, און ניט קענען אַרויסטרעטען פון איהרע ראַמען. דאָס האָט באַדייטעט זייער טאָפּעלער זיעג. דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער זיעג איבער דייטשלאַנד.

אין דער פראַנקרייך - פּרייסישער מלחמה, אין יאָהר 1870, האָט דייטשלאַנד ניט מעהר פאַרנוצט ווי צוועהן טויזענט טאָן אייזען. און אין דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט זי פאַרנוצט פופציג מיליאָן טאָן אייזען אויף מאַשין ביקסען און אַנדערע מלחמה כלים. צום סוף פון דער וועלט־מלחמה איז שוין דער אַלגעמיינער הוב געווען אַרום הונדערט זיבען־און־פערציג מיליארד (1,47,000,000,000) דייטשע מאַרקען, וואָס מען האָט אַנטליהען פאַר די מלחמה צוועקען.

נאָכהער האָט מען נאָך אויף איהר אַרויפגעלייגט די ריזיגע מלחמה רעפּאַראַציעס, אַזעלכע סומען, וואָס דייטשלאַנד איז ניט אומשטאַנד געווען זיי צו צאָלען. די ערשטע אויסצאָהלונגען פון די קאָנטריבוציעס און רעפּאַראַציעס, זענען הויפּטזעכליך געדעקט געוואָרען דורך אינטערנאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַלע הלוואות. די

הלוואות האט דייטשלאנד נאר באקומען דורך פאר׳משכונ׳ען איינינע פון די סאמע וויכטיגסטע קוואלען פון דער נאציאנאלער ווירטשאפט, ווי מלוכה אייזענבאהנען א. א. וו. אט אזעלכע נאציאנאלע ווירטשאפטען זענען איבערגעגאנגען אין פריוואטע הענט, צו גרויסע קאפיטאליסטען, וועלכע האבען זיי איבערגענומען, און געזוכט צו מאכען די גרויסע פראפיטען, וואס האט באדייט מעהר עקספלואטאציע פאר דעם ארבייטער, און גרעסערע שטייערען פאר דעם דורכשניטליכען בירגער. אויך די דייטשע קאפיטאליסטען, גלייך ווי אלע אנדערע קאפיטאליסטען, האבען גאר ניט געוואלט א טראכט געבען צו העלפען דייטשלאנד אויפ׳ן רעכענונג פון זייערע פאר־דינסטען, און ממילא איז דער גאנצער יאך געבליבען אויף דעם ארבייטער און קליינ־בירגערטום. די פאנדען פאר רעפעראציעס צאהלונגען זענען געקומען פון די ברייטע מאסען. מען האט ארויפגעלייגט אויף דעם דייטשען מיטעל־קלאס א שטייער, וואס איז ספעציעל געגאנגען פאר די רעפעראציעס. דער דייטשער ארבייטער האט געמוזט ארונטערלאזען פון זיינע לוין־שכירות פאר רעפעראציע צוועקען. די צאהלונגען זענען געוועזן פונ׳ם זאפט פון די מאסען, און דאס האט זיך געמוזט אפרופען אויפ׳ן לעבען פון פאלק...

דער ווערסאילער אפמאך האט אויך, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט אפגעשניטען די וויכטיגסטע טיילען פון דייטשלאנד — די אייזען און קוילען גע־גענטען — נאך ארויפגעלייגט אויף דייטשלאנד א שווערען יאך פון ריזיגע מלחמה צאהלונגען. די עליים האבען אפילו ניט געוואלט נעהמען אין אכט צי זיי גיבען דייטשלאנד א מעגליכקייט זי זאל זיך קענען אמאל אויסצאהלען פון די ריזיגע חובות.

די זיגרייכע מלוכות האבען געשניטען פאסען פון דער גוסס׳דיגער דייטש־לאנד. זיי האבען געזוכט, ווי ווייט מעגליך, אוועקצונעהמען פון איהר דעם גאנצען נאטור־רייכטום פון ברען און מעטאל מאטעריאלען. זעקס־און־צוואנציג פראצענט פון איהרע שטיין־קוילען האבען פארלוירען איהר קאנטראל; די אייזען פעלדער זענען געווארען רעדוצירט אויף נאהענט צו פינף־און־זיבעציג פראצענט. גלייכצייטיג האבען זיי נאך ארויפגעלייגט אויף איהר די שרעקליכע אונצאלבארע רעפעראציעס.

דער ווערסאילער אפמאך, דאס אוועקנעהמען די בעסטע דיסטריקטען פון דייטשלאנד און עס אוועקגעבען צו די עלייאירטע לענדער, איז געוועזן די באשטע־טיגונג פון יענער מפלה, וואס די זיגער האבען דערלאנגט צו די באזיגטע. א נקמה־אקט פון די נצחונ׳דיגע קאפיטאליסטען געגען די דייטשע קאפיטאליסטען, וועלכע האבען אויך געהאנדעלט געגען זייערע ברידער ווי פרעמדע, דורך אויספרעסען פון זיי מעהר ארבייט, און צאהלען וואס ווייניגער. זיי האבען געטאן גלייך ווי די אנ־דערע, ווי די וועלפישע זיגער, וועלכע האבען זיך ניט גערעכענט מיט קיין אומשטענ־דען, און צובראכען די דייטשע נאציע. און אויך די דאזיגע בורזשואזיע האט א געוויסען חלק אין דעם דורכפאל פון דער דייטשער רעפובליק...

דער ווערסאילער טראקטאט האט אוועקגענומען די באשעפטיגונג פון די דייטשע ארבייטער. דאס האט געבראכט צו מיליאנען ארבייטסלאזע, וועלכע הא־בען ניט געהאט קיין אויסזיכט צו באקומען א וואסערע עס איז באשעפטיגונג.

למשל, אין די קוילען, אייזען, שטאָל־מינען און אין אַנדערע מעטאַל אויסאַר־בייטונג, און אינזשעניריי, זענען אין יאָהר 1882 געווען באַשעפטיגט 1,255,000; אין יאָהר 1907 האָט די צאָל ארבייטער שוין דערגרייכט ביז 3,056,000; און אין יאָהר 1925 האָט זיך די צאָל ארבייטער געמעהרט אויף 4,060,000. אין יאָהר 1882 זענען 19 פּראָצענט פון אַלע ארבייטער אין אַנדערע אינדוסטריעס געווען באַשעפטיגט אין אָט דער שווערער אינדוסטריע. אין 1907 זענען שוין געווען 27 פּראָצענט פון אַלע ארבייטער; און אין 1925 זענען געווען באַשעפטיגט אין אָט די שווערע אינ־דוסטריעס פון די קוילען און אייזען־מינען גאַנצע 33 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער ארבייטער באַשעפטיגונג. בלויז בעמיקער און מעטאַלורגען האָבען אין יאָהר 1882 דערגרייכט די צאָל פון איבער א מיליאָן. און אָט דאָס אלעס איז אוועקגענומען גע־וואָרען פון דייטשלאַנד. דאָס האָט געמיינט דער גרעסטער שאדען פאַר׳ן דייטשען פאָלק. מען האָט אוועקגערויבט דעם היונה־קוואַל פון דעם דייטשען ארבייטער.

אין דער אויסנאַם פון די אויבערשלעזיע געגענדען, זענען די דייטשע קוילען מינען, שטאָל און אייזען און אנדערע כעמישע אינדוסטריעס, געווען קאָנצענטרירט און פאַראייניגט דורך דעם רוהר - סאַאר - לאָטרינגען געביט. די צוקונפט פון דייטשלאַנד, אלס אַן עקאָנאָמישע אינדוסטריעלע מאַכט, איז געווען דורכאויס פאַר־בונדען און אָפּהייננגיג מיט די דערמאָנטע פּלעצער. דער ווערסאַילער אָפּמאַך האָט דאָס אלעס הרוב געמאַכט מיט דעם, וואָס ער האָט צושניטען דעם גאַנצען געגענד. אזוי איז אַלעס געגאַנגען לאַבוד. פון דער דייטשער ארבייט, אין יענע געגענדען, פון איבער דרייסיג יאָהר, איז צו גאָרנישט געוואָרען.

דער רוהר געביט איז געוואָרען פּאַראַליזירט. דאָס האָט שוין געמיינט, אז דאָס האַרץ פון דער דייטשער אינדוסטריע איז געבליבען שטעהן. *) דאָס אינדוס־טריעלע דייטשלאַנד איז אַלע מאָל ארונטערגעזונקען, פאַרנעהמענדיג וואָס אמאָל א קלענער פּלאַץ אין דער וועלט פון אינדוסטריע. דייטשלאַנד האָט פאַר די לעצטע יאָהרען דורכגעמאַכט א שרעקליכען צוריקגאַנג, אין פאַרגלייך, מיט די יאָהרען פון פאַר דעם קריעג.

דער אינצידענט פון וועלט־קריעג איז געווען דער אינסטרומענט צו ברייגגען דעם שרעקליכען קריזיס אינ׳ם עקאָנאָמישען לעבען פון דייטשלאַנד. די עליים האָ־בען געפונען זייער פּונקט פון באַזיגען דייטשלאַנד, ניט בלויז אין דער פּאָליטישער ספערע, נאָר דוקא אָפּגעשוואַכט דעם עקאָנאָמישען באַזיס, און ממילא איז שוין ניט קיין וואונדער, וואָס אין דער צייט פון אלוועלטליכען קריזיס, איז דייטשלאַנד מעהר ווי אַלע אנדערע לענדער, ארייננגעכאַפּט געוואָרען אין באַזונדערע און אייגענארטיגע קלאַמערען פון קריזיס.

---

*) מר. ר. ס. בייקער, אין זיין בוך "וואודרא ווילסאָן און זיין סעטעלמענט" זאָגט צווישען אַנדערעס: — "דאָס איינציגע פון די אטאקירענדע פּונקטען אויף דייטשלאַנד איז געווען דער פאַרגלייך פון סאַאר - טאָל. דאָס איז געווען דאָס ערג־סטע, וואָס האָט געקענט געטאָן ווערען צו צוברעכען דעם דייטשען עקאָנאָמישען באַזיס"...

צו דער זעלבער צייט האָט דייטשלאַנד, אלס א באַזיגטע, אויך פאַרלוירען אַלע איהרע קאָלאָניעס און א גאנצע רייהע גרעניץ געביטען, וואו דייטשלאַנד האָט געהאַט א קאָנטראָל איבער זיי. עס איז צושמעטערט געוואָרען די געוועזענע דייטשע אימפעריע מיט איהרע טעריטאָריעס אין אפריקע און זיד פאַסיפיק, ווי אויך דאַנציג, מעמעל, א טייל פון שלעזוויג, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו דענמאַרק; אויבערשלעזיען און פאמארן געגענד ווי פויזנאַן א. א.

דייטשלאַנד האָט נאָך דער מלחמה פאַרלוירען איהרע מעגליכקייטען צו שאַפען באשעפטיגונג פאַר איהרע פראָפעסיאָנעלע ארבייטער. זי האָט אויך שוין מעהר ניט געקענט צופרידענשטעלען געוויסע עלעמענטען פון קליינבירגערטום, מיט איינטיילען זיי שטעלעס פון אדמיניסטראַטאָרען און אַנדערע אַמטען, וואָס זי האָט זיי געקענט געבען פאַר דער מלחמה.

די אַלע קוואַלען, פון וואַנען די דייטשע מאַסען האָבען געשעפט זייער דער־נעהרונג, זענען אויסגעטריקענט געוואָרען. דאָס האָט פאַראָרימט די באַפעלקערונג. דער פראָצענט ארבייטסלאָזע איז אַלע מאָל געהעכערט געוואָרען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען ארומדרעהען ליידיגגעהער אזעלכע פראָפעסיאָנעלע ארבייטער, ווי אינ־זשענירען, טעכניקער, וועלכע האָבען מעהר ניט געזעהן קיין צוקונפט פאַר זיך. דאָס דייטשע פאָלק האָט אויך געפיהלט, דורך דעם ווערסאַילער טראַקטאַט, א נאַציאָנאַלע באַליידיגונג. און אָט דאָס האָט דערפיהרט צו דעם עקסטרעמען שאָוויניזם אין דער פאָרמע פון היטלעריזם. דאָס האָט געבראַכט צום האַס פון דער רעפובליק, וואָס האָט איינגעשטימט אויף אזעלכע באַליידיגטע האַנדלונגען געגען איהר. די מאַסען האָבען בּיסלאַכווייז פאַרלוירען דעם צוטרוי און גלויבען אין דעם דאָזיגען דעמאָקראַ־טישען רעזשים. און אָט דאָס האָט געפיהרט צו דעם דורכפאַל פון דער דייטשער רעפובליק, וואָס איז אויסגעוואָקסען אויף יענע הורבות פון דער נאָך מלחמה'דיגער דייטשלאַנד.

די סאָציאַליסטען האָבען דאָס געזעהן, און גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אז מען וויל פון דייטשלאַנד אזעלכעס, וואָס זי קען ניט געבען. דער שיידעמאַן קאַבינעט האָט אפילו אין אָנהויב זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען אונטערצושרייבען דעם אָפּ־מאַך און נאָכגעבען אלע פאָדערונגען, וואָס די עליים האָבען ארויסגעשטעלט. זייער לאָגישע טענה איז געווען, אז דאָס וועט פאַראורזאַכען די גרעסטע אומגליקען פאַר דעם דייטשען פאָלק. אין א רעדע אינ'ם מיניסטאָרען קאַבינעט ביים פאַרהאַנדלען די דאָזיגע פראַגע, האָט שיידעמאַן, דער דאַמאָלסטדיגער סאָציאַליסטישער פרעמיער מיניסטער, אויסגעשריען: "דער אָפּמאַך פון אַזאַ פאַראייניגונג איז אזוי אונמעגליך, אז איך קען נאָך ניט רעאַליזירען די וועלט... עס זאָל ניט באריהרען די מיליאָנען און טריליאָנען העלזער פון אַלע לענדער און פארטייען, זיי זאָלען אויסשרייען: אַוועק מיט די אָרגאַניזירטע מערדער"...

דער שיידעמאַן קאַבינעט האָט רעזיגנירט. ווילענדיג אָדער ניט־ווילענדיג האָט דייטשלאַנד געמוזט אַלעס נאָכגעבען וואָס די זיגער האָבען נאָר פאַרלאַנגט.

נ. שמן

5.

דער דורכפאַל פון דער דייטשער רעפּובליק

די לעצטע אַנטוויקלונגען אין דייטשלאַנד — דאָס פאַרכאַפּען די מאַכט פון דעמאָקראַטיע און עס איבערגעבען אין דיקטאַטאָרישע הענט — האָבן מיט רעכט צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם אַרבייטער־קלאַס איבער דער גאַנצער וועלט. מען האָט אָנגעהויבן זוכען און אויסגעפונען די אורזאַכען פון דעם דורכפאַל און באַנקראָט פון דער דייטשער רעפּובליק.

ווי מיר ווייסען, זענען די סאָציאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט געווען זעהר צופרידען מיט דעם פּראָגרעסיווען פאָרטשריט, וואָס האָט זיך געהאַט אַנטוויקעלט אין דייטשלאַנד. זיי זענען געווען צופרידען און זיך אויך באַריהמט מיט דעם, וואָס עס איז געשעהן אין דייטשלאַנד נאָך דעם וועלט קריעג. זיי האָבן שטאָלצירט מיט דער דייטשער רעפּובליק, וואָס האָט אָנגעהאַלטען פערצעהן יאָהר. ביי די סאָציאַליסטען איז די רעפּובליק געווען טייער, שוין דערפאַר אַליין, וואָס זיי האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָלע און גענומען דעם וויכטיגסטען אַנטייל אין איהר גרינדונג.

און דאַדורך האָט די איצטיגע פאַשיזאַציע אין דייטשלאַנד ניט בלויז צו־בראָכען די רעפּובליק, נאָר אויך רואינירט און געבראַכט צום באַנקראָט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געשטיצט די ביז איצטיגע רעגיערונג. — די סאָצ. דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, די שטאַרקסטע פונ׳ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל איז אַריינגעפאַלען אין דער ערגסטער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע.

מען שלאָגט און מען אונטערדריקט; מען פאַרפאָלגט, רעכטע ווי לינקע; סאָציאַל־דעמאָקראַטען ווי קאָמוניסטען, און יעדען איינעם וואָס וויל, און פּרעדיגט, אינטערנאַציאָנאַליזם. מען שלאָגט די גרינדער פון דער וויימאַר קאָנסטיטוציע, און די מיטהעלפער פון דער נאָוועמבער רעוואָלוציע. דאָס דייטשע פאָלק האָט אויסגע־גאָסען זיין ביטערען צאָרן אויף אָט די איינציגע, צוויי לינקע פּאַרטייען. דער פאַשיזם אין דייטשלאַנד דערלאַנגט זיינע אוּנ׳ברחמנות׳דיגע קלעפּ דעם גאַנצען מאַרקסיזם. דער פּראָלעטאַריאַט פוןביידע לאַגערען, פונ׳ם דעמאָקראַטישען, גלייך ווי דער פונ׳ם דיקטאַטאָרישען לאַגער, ווערט פאַרפאָלגט און אונטערדריקט.

עס שטעלט זיך איבער די פראַגע: מיט וואָס ערקלעהרט זיך דער גרויסער ערפאָלג פון דעם דייטשען פאַשיזם? ווארום האָט ער אַזוי טריאומפירט? וועלכע סבות האָבן געבראַכט דערצו?...

אין די פריהערדיגע קאפּיטלאך *) און אויך אין אָנפאנגס פון׳ם איצטיגען קאפּיטעל, האָבען מיר שוין אין אלגעמיינע שטריכען אָפּגעשאצט די באדייטונג פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, און אויך ברייטער ארומגערעדט וועגען די אורזאַכען, וואָס האָבען געטריבען צו דעם דורכפאַל פון דער דייטשער דעמאָקראטיע.

אין איינצעלהייטען קען מיין זיי איינטיילען אויף דעם פאָלגענדען אופן:

א. דער קריזיס אין דייטשלאנד, זינט דער וועלט־מלחמה, וואָס די ווערסאַילער אָפּמאַכען האָבען פאראורזאכט.

ביים אויסברוך פון וועלט־קריעג, איז דייטשלאַנד געווען איינע פון די דריי גרויסע אינדוסטריעלע לענדער. זי איז דאַן געווען שטארק פאראייניגט אין אַן אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער מאַכט. דער ווערסאַילער אָפּמאַך האָט איהר אָבער אין גאַנצען, ווי א שארבען צובראָכען. מיט איהר פארלירען דעם קריעג האָט זי גלייכצייטיג פארלוירען אַן אַכטעל — דאָס בעסטע — פון איהר טעריטאָריע. די דייטשלאַנד פון 1920, איז אין גאנצען אנדערש געוואָרען פון דעם פריהערדיגען, פאר׳מלחמה׳דיגען דייטשלאַנד. זי האָט פארלוירען דרייצעהן פראָצענט פון איהר באַפעלקערונג; דרייצעהן פראָצענט פון איהר איירָאפּייאישער טעריטאָריע; און דרייצעהן פראָצענט פון איהרע פראָדוקטיווע פלעצער.

די געשיכטע פון דייטשלאַנד אין דעם ערשטען יאָהר פון נאָך דער מלחמה, האָט געהאַט צו פארצייכענען צוויי וויכטיגע, גרויסע געשעהענישען, וואָס אונטערשיידען זיך איינע פון דער צווייטער.

דאָס ערשטע איז געווען די רעוואָלוציע, דאָס ארונטערוואַרפען דעם אַלטען מאָנאַרכיסטישען רעזשים, און די סטאַביליזאַציע פון א דעמאָקראטישער רעפּובליק. די צווייטע געשעהעניש — דער אויסגלייך מיט די עליים, וועלכע האָבען געצוואונגען דייטשלאַנד זי זאָל מסכים זיין צום ווערסאַילער אָפּמאַך, וואָס האָט זיך פארצויגען ביז 1924.

אָט די לעצטע, און שפּעטערע געשעהעניש, האָט געווירקט אויף דער דייטשער עקאָנאָמישער קאָנסעקווענץ. די צווייטע געשעהעניש איז שוין געווען די ״תברה בצדה״, וואָס האָט צובראָכען דעם גאַנצען דייטשען ״רייך״; ניט בלויז דעם מאָנאַרכיסטישען, נאָר אויך דעם דעמאָקראטישען רייך. די רעגיערונג, וואָס איז אקארשט געבוירען געוואָרען, און דורך די פאראייניגטע מלוכות, אנערקענט געוואָרען אלס די דייטשע רעגיערונג, איז אויך געוואָרען אָפּהייננגיג פון זיי. די עליים זענען געוואָרען די אפּוטרופּסים פון דייטשלאַנד. דאָס לאַנד איז שוין מעהר ניט אַנערקענט געוואָרען צווישען די מעהר גרויסע מלוכות. דאָס האָט געמיינט, ניט נאָר אן עקאָנאָמישער קריזיס, נאָר פאר די דייטשע מאַסען, האָט עס געהייסען א נאַציאָנאַלע באַליידיגונג. דאָס פאָלק האָט עס ניט געקענט איבערטראָגען. דאָס שטענדיגע גלאָררייכע און

*) וועגען די דריי הויפּט אורזאַכען וואָס האָבען געבראַכט צום היטלעריסטישען נצחון: — נאַציאָנאַלע באַליידיגונג, ווירטשאַפטליכער קריזיס און דאָס צושפּליטערונג פון׳ם פּראָלעטאַריאַט. — זעה קאַפּיטלאך 7 און 8.

מעכטיגע לאנד, איז געוואָרען נאַציאָנאַל באַליידיגט. דער פאַרדרוס איז געווען זעהר גרויס, און האָט ניט געקענט אזוי גיך פאַרלאָשען ווערען. דער פונק האָט אזוי לאַנג געטליעט, ביז עס האָט זיך צופלאַקערט דער שאָוויניזם אין פאָרם פון נאַציאָנאַל סאָציאַליזם און היטלעריזם.

ב. די רעפּעראַציעס וואָס זענען ארויפגעלייגט געוואָרען אויף דייטשלאַנד.

נאָך אין יאָהר 1920 איז דער דאָמינירענדער מאָטיוו פון דער גאַנצער דראַמע געוואָרען די רעפּעראַציעס, וועלכע די עליים האָבען ארויפגעלייגט אויף דייטשלאַנד, א סומע פון 132 מיליארד מארק. (33 מיליארד דאָלאר. — נ. ש.)

דייטשלאַנד האָט אָבער ניט פאַרמאָגט, און איז ניט אומשטאַנד געווען צו צאָהלען אזעלכע סומען. אין יולי, 1922, איז די דייטשע רעגירונג געצוואונגען געווען צו בעטען א מאַראַטאָריום אויף איהר חוב. איהר פאָדערונג איז ניט נאָכגעגעבען געוואָרען, און אויף א דראַסטישען אופן האָט מען מיט גוואַלד־מיטלען זי געצוואונגען צו באַצאָהלען איהר יעהרליכען קאָנטריבוציע ־ אָפּצאָהל.

דאָס האָט באַלד געבראַכט צו דער אינפלאַציע. דאָס דייטשע געלט האָט בסדר אָנגעהויבען פאַלען. דער דייטשער מארק, וועלכער פלעגט פריהער ווערט זיין נאָהענט צו 25 סענט, איז געפאַלען צו 493 פאַר א דאָלאר. שפּעטער ארונטער געזונקען צו 8000 און מעהרער פאַר א דאָלאר, ביז דער דייטשער מארק האָט אין גאַנצען פאַרלוירען זיין ווערט. עס איז דאַן געווען א בהלה, א וואולקאַנישער אויסברוך, אין וועלכען עס איז פאַרשוואונדען געוואָרען די אַלע קאַפּיטאַלע אָפּשפּאָרונגען. דער קלאַס, וועלכער האָט ווייניג וואָס פאַרלוירען און געמאַכט גרויסע פאַרדינסטען און פּראָפיטען פון דער אינפלאַציע, איז געווען דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס. די גרויסע אינדוסטריאַליסטען האָבען אין יענער צייט אָנגעשאָטען קאַסטענס מיט געלט. זיי האָבען דאַן געהאַט די מעגליכקייט אויסצונוצען די בעסטע געלעגענהייט פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען.

די גרופּע וואָס האָט מעהרסטענס געליטען פון אינפלאַציע איז געווען דער מיטעל־קלאַס. דער ארבייטער, אלס אַן אָרגאַניזירטער מענש, האָט ניט געקענט אזוי פיעל ליידען. ער האָט געהאַט ווער עס זאָל נאָך עפּעס זאָרגען פאַר איהם. זיי, די ארבייטער, זענען באַלד ארויס אין סטרייק, האָט מען זיי געמוזט העכערען זייערע שכירות. דער מיטעל־קלאַס האָט אָבער גאָרניט געהאַט קיין עצה זיך צו ראַטעווען. עס האָבען זעהר פיעל געליטען די, וועלכע זענען געזעסען אויף שטענדיגע פּענסיעס, און די אינטעליגענציע, וואָס האָט געארבייט אין ביוראָס און אַנדערע פּראָפעסיעס.

מיליאָנען מענשען פון דעם מיטעל־קלאַס האָבען איבער דער אינפלאַציע פאַרלוירען אַלץ וואָס זיי האָבען נאָר פאַרמאָגט. געשעפטסלייט, קליינהענדלער האָבען דורך דער אינפלאַציע פאַרלוירען זייערע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע מארקען און געמוזט פאַרלאָזען זייערע געשעפטען. זיי זענען אין גאַנצען רואינירט געוואָרען, ניט געפינענדיג קיין מיטעל צו פאַרדינען אויף א לעבען צו מאַכען. און מען דאַרף שוין

אַליין פאַרשטעהן, אַז די גאַנצע שולד איז אַרויפגעוואָרפען געוואָרען אויף דער רעגיערונג, וואָס האָט דערלאָזט צו דעם און אויך אויף די סאָציאַליסטען, וועלכע זענען געוועזען די גרינדער פון דער רעפּובליק און ביז דער לעצטער מינוט, געוועזען פאַרטראָטען אין דער רעגיערונג.

די דייטשע מאַסען האָבען אָנגעהויבען זוכען אַן "אויסלייזער"; און אַזוי אַרום איז דער היטלעריזם אויסגעוואָקסען, דורך זיינע דעמאַגאָגישע אילוזיעס. עס איז געוואָרען אַ מאַסען פּסיכישע ערשיינונג, פון וועלכער מען האָט זיך ניט געקענט אויסהיטען. דער סאָציאַלער קריזיס און די באַזונדערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, האָבען געפיהרט דערצו, אַז די רעאַקציע זאָל אויסנוצען די אומצופרידענקייט פון די מאַסען. דאָס פאַרצווייפלונג און נידערשלאָגענקייט פון דער באַפעלקערונג, פאַר איהרע אייגענע אינטערעסען.

היטלעריזם איז אויסגעוואָקסען אויף אָט דעם באָדען. אַ פּראָדוקט פון אַ מאַסען ראַדיקאַליזאַציע, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע דעמאַגאָגען האָבען אריבערגעפיהרט אויף די רעאַקציאָנערישע קאַנאַלען. דער טאָפּעלער קריזיס — דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער, וואָס איז געקומען נאָך דער וועלט־מלחמה, איז געוועזען דער ערשטער קוואַל, פון וואַנען דער דייטשער פאַשיזם האָט געשעפּט.

ג. די נאַציאָנאַלע באַליידיגונג.

דער פונדאַמענט פון דער היטלער באַוועגונג איז — אַן צווייפעל — דאָס קליינבירגערטום. פאַשיזם איז אַ קליינבירגערליכע באַוועגונג, וועלכע פאַרמאָגען דעם הויפּט אינסטרומענט — דעם טראַדיציאָנאַלען שאָוויניזם. זיי זענען די, וועלכע ווילען צוריק אויפבויען דעם אַלטען דייטשען נאַציאָנאַליזם און די אַלטע אָרדנונג. דייטשלאַנד זאָל ווייטער זיין "איבער אַלעס". אין אַ קריזיס צייט, געוועהנליך, ווערט פאַרשאַרפּט, און עס דערוועקט זיך אָט די אַלטע געדאַנקען. דאָס קליינבירגערטום הויבט אָן האַסען די רעפּובליק, די דעמאָקראַטיע, און דעם גאַנצען מאָדערניזם.

די דייטשע מאַסען האָט זיך געדוכט, אַז דער קריזיס איז געקומען צוליעב דעם, וואָס דייטשלאַנד האָט אָפּגעשאַפט די מאָנאַרכיע, פאַרלוירען איהרע נאַציאָנאַלע העלדען. דער דייטשער מיטעל־קלאַס איז געוועזען צוטיילט אין פּאַסיפיסטען, מאָנאַרכיסטען און סאָציאַליסטען. אין דייטשלאַנד האָבען זיך נאָך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען געהאָפט, אַז עס זאָל נאָך אַמאָל הערשען דער מאָנאַרכיסטישער רעזשים, וואָס וועט ראַטעווען די דייטשע נאַציע. עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז זיי זענען געבליבען ווי "שאָף אָן אַ פּאַסטוך". און אָט די אינסטרוקטיווע רעאַקציע פון האָפען אויף אַ דערלייזער, איז געוואָקסען זעהר שנעל. און אַז היטלער איז געקומען זיי אויסלייזען, האָבען זיי אַלע געבויגען די קעפּ פאַר איהם.

דער פאַשיזם האָט אָבער אויך אַריינגעצויגען אין זיינע רייהען אַ היבשע צאָל אַרבייטער. די נאַצ. סאָציאַליסטען פאַרמאָגען שוין היינט צו טאָג גאַנצע אַר־

בייטער אָפּטיילונגען. און אויך דאָס איז געקומען ווי א נאַטירליכע זאַך. דורך דער דעמאַגאָגיע פון אָט דעם כלומר'שטען ראַדיקאַליזם, איז זיי געלונגען איבער־צורעדען א געוויסע צאָל פּאַרצווייפעלטע ארבייטסלאָזע, וועלכע האָבען אויך דער־זעהן אין'ם היטלעריזם א דערלייזונג. די מאַסען ארבייטסלאָזע, וואָס האָבען זיך שטאַרק געמעהרט אין די לעצטע יאָהרען, האָבען געהאַסט די עקזיסטירענדע רע־גיערונג; די רעגיערונג, וואָס איז שולדיג אין אַלע אומגליקען. זיי האָבען אויך אויסגעלאָזט זייער כעס און צאָרן אויף די אַלע אנטיילנעהמער אין דער רעגיערונג. זיי האָבען געהאַסט די סאָצ. דעמאָקראַטיע, ניט אונטערשיידענדיג אפילו אויף וועמען עס פאַלט די שולד; צי די סאָציאַליסטען האָבען גאָר געקענט עפּעס טאָן; צי זיי זענען ניט געווען מאַכטלאָז צו העלפען די אָרימע מאַסען. דער קריזיס האָט זיי אין גאַנצען דעמאָראַליזירט. דעם פאַשיזם, אלס א נייע אָרגאַניזאַציע, איז גע־לונגען זיי איינצורעדען, אז מען מיינט נאָר פאַר זייער טובה וועגען, און אז מען וועט שאַפען פאַר זיי א דייטשען גן עדן...

ד. די צושפּליטערונג פון'ם פּראָלעטאַריאַט.

פּיעל שולדיג אין דעם וואוקס פון היטלעריזם, איז אויך די טאַקטיק פוןביידע אינטערנאַציאָנאַלען. אָט זיי "ביידע" זענען שולדיג אין דעם, וואָס די אר־בייטער ווערען אזוי טעראָריזירט. זיי זענען שולדיג אין דעם, וואָס דער ארבייטער קלאַס איז אזוי פּאַראַליזירט, און קען ניט געבען קיין ווידערשטאַנד דער רעאַקציע. זיי זענען שולדיג אין דעם, וואָס די פאַשיסטישע אַטאַקע אויף דער פעסטונג פון דער דייטשער דעמאָקראַטיע זאָל זיך ענדיגען מיט א פולשטענדיגען נצחון, און זי זאָל איבערנעהמען דעם גאַנצען מלוכה אַפּאַראַט. — ביידע זענען שולדיג אין דעם, פאַרוואָס מען האָט ניט געפיהרט די אָרימע מאַסען אין'ם וועג פון סאָציאַליזם.

די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ארבייטער זיצען דערווייל פּאַראַלי־זירט און קענען ניט ארויסגעהן אין שלאַכטפעלד צו קעמפען געגען דעם ביטערען שונא, דעם פאַשיזם. זיי שווייגען, סיי די סאָצ. דעמאָקראַטען, און סיי די קאָמוניס־טען, וועלכע האָבען זיך אויך גערעכענט קרוב זעקס מיליאָן. עס שטעהט פאַר אונז דער כמעט אומפאַרשטענדליכער פאַקט, וואָס צוועלף מיליאָן דייטשע מאַרק־סיסטען האָבען געלאָזט אָנטאָן אויף זיך די שווערסטע שקלאַפען־קייטען אויף זייערע הענט, און דעם שענדליכען שקלאַפען־יאָך אויף זייערע נאַקענס, פון וועלכע זיי וועלען זיכער גאָרניט אזוי גרינג, זיך קענען באַפרייען.

די צושפּאַלטונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָט אָפּגעשוואַכט זיין כוח צו קענען שטעלען א ווידערשטאַנד דער רעאַקציע. די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען גע־גוואַלדעוועט געגען די שיידעמאַנס, סעווערינגס, נאָסקעס א. א. די סאָציאַליסטען, וועלכע זענען געווען אייזערנע מענשען בנוגע די לינקע רעוואָלוציאָנערען, מיט וועל־כען מען האָט אמאָל די טורמעס אָנגעפילט. סעווערינג האָט אפילו פאַרבאָטען אין 1919 דעם "רויטען פראָנט". — אָט דאָס צושפּאַלטונג האָט געפיהרט צו די גרויסע אומגליקען...

די סאָציאַליסטען וואַרפען אַרויף די גאַנצע שולד אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די "רעכטע", אינ'ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל, וואַרפען אַרויף די הויפּט שולד פאַר דער מפּלה, אויף דער צושפּאַלטונג פון דער אַרבייטערשאַפט אין צוויי לאַגערען, און די הויפּט שולד פאַר דער צושפּאַלטונג — אויף די קאָמוניסטען. זיי האָבען עס געעפּענט דעם זעלבסטמערדערישען ברודער־קאַמף אין די רייהען פון דעם אַרבייטער קלאַס. זיי האָבען עס געצוואונגען די מאַס. דעמאָקראַטען זיי זאָלען זיך ווענדען צו די רעאַקציאָנערישע קרייזען, וועלכע האָבען שפּעטער איבערגענומען די מאַכט.

די קאָמוניסטען, ווייטער, וואַרפען אַרויף די גאַנצע שולד אויף דער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטישער האַנדלונג, און אויפ'ן צווייטען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס פּראָפּאַגאַנדירט דעמאָקראַטיע. דעמאָקראַטיע, אינ'ם בוכשטעבליכען זין פון וואָרט — לערנען זיי — גיט די מעגליכקייט דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זי זאָל זיך קענען באַפעסטיגען, זי זאָל זיך צוריק קאָלאָסאַל צוּוואַקסען און איינפיהרען די רעאַקציע. די דייטשע דעמאָקראַטיע האָט געגעבען די געלעגענהייט דער בורזשואַזיע, אַז זי זאָל ווייטער ווערען דער אַפּוטרופּוס איבער דעם אַרבייטער קלאַס. דער סאָציאַל־רעפאָרמיזם — ווי זיי רופען עס, אָט דאָס פרייזיגען פון קלאַסען־מיטאַר־בייטערשאַפט — האָט געבראַכט צו דעם איצטיגען צושטאַנד אין דייטשלאַנד. דאָס האָט געבראַכט צום פאַשיזם — אַ רינג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. באַ־קעמפען דעם פאַשיזם, לויט זייער מיינונג, איז נאָר מעגליך דורך דעם לענינסטישען וועג — דורכ'ן וועג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וואָס זאָל קעמפען געגען דער קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור.

דער אמת איז, אַז ביידע, די לינקע מיט די רעכטע, זענען שולדיג אין דעם, וואָס די אַרבייטער ווערען איצט אין דייטשלאַנד אַזוי פיעל טעראָריזירט, און קיינער קען זיי ניט העלפען. די טאַקטיק, די האַנדלונג פון די סאָציאַליסטען און קאָמו־ניסטען, האָבען געבראַכט צו אַזאַ לאַגע אין דער אַרבייטער וועלט, זיי זאָלען מוזען שווייגען און ניט קענען אַרויסגעהן אין קאַמף געגען דער פאַרפוילטער רעאַקציע:

1. דער גרויסער טעות וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען מצד די סאָציאַל־דעמאָקראַטען מיט דעם, וואָס זיי האָבען שטענדיג געשטימט אויף קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע און רעאַקציאָנערע פּאַרטייען. זיי האָבען זיך גענאַרט מיט דעם, וואָס זיי האָבען געמיינט, אַז דעם פּאַרלאַמענט מוז מען האַלטען פאַר דעם איינציגען פּלאַץ, וואו עס זאָל געפיהרט ווערען דער פּאָליטישער קאַמף, און אַז פון דאָרט טאָר מען ניט אַרויסטרעטען, אפילו אונטער די ערגסטע אומשטענדען. זיי האָבען פּשוט פאַרזעהן, אַז פאַרקעהרט, מיט דעם, וואָס זיי וועלען "בלויז זיצען", שוואַכען זיי אָפּ אָט דעם קאַמף צווישען די קלאַסען, צווישען פּראָלעטאַריער און קאַפּיטאַ־ליסט, און זיי פאַרשטאַרקען דעם פאַשיסטישען פראָנט. זיי האָבען פאַרגעסען, אַז דאָס קליינבירגערטום, די רואינירטע פּויערים, וועלכע וועלען ניט זיין צופרידען מיט דער רעגיערונג, וואָס העלפט זיי גאָרניט, וועלען אויך ווערען די פאַרביסענע

שונאים פון סאָציאַליזם, וואָס שטיצט די רעגירונג, און דאָס וועט העלפן און געבן מוט דעם היטלעריזם צו פאַרשפּרייטן זיינע אידייען, און באאיינפלוסן די פּאַראָרימטע מאַסן.

2. די סאָציאַל - דעמאָקראַטן האָבן זיך געשטיצט אויף דעם ליבעראַליזם, וואָס די ווייַמאַר קאָנסטיטוציע האָט פּראָקלאַמירט, מיינענדיג, אַז דער ליבעראַליזם אין דייטשלאַנד איז אַן עקזיסטירענדע זאַך. פאַרגעסענדיג דערביי, אַז דער דייטשער ליבעראַליזם איז שוין דאַן געווען אַן אויסגעשפּילטער און ניט ווירקענדער — שוין געהאַלטן ביים גסיסה צושטאַנד.

3. דאָס אומגליק איז אויך באַשטאַנען אין דעם, וואָס די סאָציאַל - דעמאָקראַטן האָבן זיך ווייניג וואָס אָפּגעגעבן מיט דעם סאָציאַלן איבערבוי פון דייטשלאַנד, און אפילו ווייניג וואָס אויפגעטאָן פאַר דעם דייטשן אַרבייטער. דאָס איינציגע וואָס עס איז יאָ געטאָן געוואָרן, און פאַר וועלכעס עס קומט זיי קרעדיט, איז דאָס סאָציאַלע פאַרזיכערונגס סיסטעם, די אַסעקוראַציע פון דעם אַרבייטער. אויך דאָס רעאַליזירן און באַשטימען דעם אַכט-שטונדיגן אַרבייטס-טאָג. דאָס אַליין האָט אָבער נאָך אַלץ ניט געקענט צופרידנשטעלן די ברייטע מאַסן, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם צוטרוי צו דער רעפּובליק.

4. די סאָציאַליסטן זענען געווען צופיעל דעמאָקראַטיש. זיי זענען געווען זיידענע מענשן, אין שייכות צו די פאַרמעגליכע קלאַסן, און אפילו צו די יונקערס. זעהענדיג ווי די קאָנטר-רעוואָלוציע וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און מען דאַרף איהר אין גאַנצן דערשטיקן, האָבן זיי געלאָזט פראַנק-און-פריי די קאָנטר-רעוואָלוציע, די היטלער שטורם-אָפּטיילונגען, זיך צו מאָביליזירן אין קאַזאַרמעס.

5. די רייבונגען אין דעם אַרבייטער קלאַס זעלבסט, פאַר וועלכער מען קען הויפּטזעכליך באַשולדיגן די קאָמוניסטן. זיי האָבן עס צום ערשטן אָנגעהויבן פיהרען דעם קאַמף אין דער אַרבייטער וועלט. זיי זענען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן צושפּאַלטן די אַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער סאָץ. געזעלשאַפט, מיט דעם גרינדען דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

6. מען קען ניט אָפּלייקענען, אַז די דייטשע קאָמוניסטן האָבן דירעקט און אומדירעקט געשטיצט דעם אויפשוואונג פון די היטלעריסטישע כוחות. דירעקט — דורך דער קריטיק פון דער דעמאָקראַטיע, דורך דער פאַרהערליכונג פון דער דיקטאַטור, דורך דעם קאַמף אַנטקעגן דעם פאַסיפיזם, פאַר וועלכן די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט זיך אַזוי ענערגיש און טריי געשלאָגן. די קאָמוניסטן האָבן אפילו געהאַט דעם משוגעת צו ערקלעהרען די אַרבייטער, אַז פאַר זיי איז אַלץ איינס ווער עס רעגירט אין דייטשלאַנד, צי אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג, אָדער אַ פאַשיסטישער רעגירונג. זיי האָבן אויך אויסגעטראַכט אויף די סאָציאַל - דעמאָקראַטן, אַז זיי זענען אויך ניט מעהר ווי סאָציאַל - פאַשיסטן. אומדירעקט האָבן

די קאָמוניסטען געהאָלפען היטלער׳ן דורך דעם ביטערען קאַמף אנטקעגען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס זיי האָבען זי באַטראַכט פאַר אַן ערגערען שונא, איידער דעם פאַשיזם. דורך זייער וואַהל־טאַקטיק, האָבען זיי געהאָלפען אין פּיעלע פּלעצער דורכגעהן אַ רעאַקציאָנערען קאַנדידאַט. און אויב די שוואַכקייט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון די געווערקשאַפטען, האָט אויך ווי ווייט מעגליך פאַרלייכטערט די ארבייט פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, און אויסגעלייגט דעם וועג פאַר היטלער׳ן, האָט די פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אומדירעקט פּיעל געהאָלפען אין דער צוגרייטונג פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע.

דאָס איז דער ביטערער אמת, פאַקטען וואָס שטעכען צופּיעל די אויגען. יעדער אביעקטיווער היסטאָריקער, וואָס וועט זוכען דעם "דין וחשבון", וועט ניט קענען פאַרמאַכען די אויגען אויף אַלע יענע פאַקטען פון דעם קאָמוניסטישען אויפפיהר אין דעם דייטשען לעבען. זייער קאָלאָסאַלען באַדייט, וואָס האָט געהאָלפען צוברעכען דעם דייטשען פּראָלעטאַריאַט, וועט בלייבען איינגעקריצט אין זכרון פון יענע צעהנליגע טויזענטער אָפּשאַצער פון דער דייטשער לאַגע. אין אָט דעם פּונקט האָבען די אָנהענגער פון דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל אַ שטאַרקען באַשולדיגונגס־אַקט אנטקעגען דעם קאָמוניזם.

די אָפּאָזיציעס פוןביידע אינטערנאַציאָנאַלען איז אַלע מאָל מעהר פאַרשטאַרקט געוואָרען. די ריכטונגען אין דער מאַרקסיסטישער טעאָריע האָט זיך וואָס אַמאָל געמעהרט. דער ארבייטער קלאַס איז צוטיילט געווען, אויסגענוצט זיינע קאַמפּס־פעהיגקייטען אין די אייגענע רייהען אנשטאַט געגען דעם אויסערליכען שונא, און דאָס האָט געגעבען מאַכט די רעאַקציאָנערען זיי זאָלען איהם קענען באַזיגען.

דייטשלאַנד האָט ביז׳ן היטלעריזם געהאַט די שטאַרקסטע ארבייטער פאַראיינען, פון וועלכע די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען קאָנטראָלירט די גרעסטע צאָל, אזוי למשל, איז די סאָציאַליסטישע "אַלגעמיינע געווערקשאַפטסבונד" געווען די גרעסטע, פאַרמאָגענדיג ביי 4,700,000 מיטגלידער — 85 פּראָצענט פון די אַלגעמיינע פאַך־פאַראיינען. אָט אַזאַ אָרגאַניזירטע מאַכט איז איצט ניט אומשטאַנד צו געבען אַ טויט־קלאַפּ דעם היטלעריזם, וועהרענד פאַר די אַנדערע איז אָט אזא בנין אזוי לייכט חרוב צו מאַכען, ווייל די ארבייטער זענען שוואַך, מאַכטלאָז, צו שטעלען אַ ווידערשטאַנד דער רעאַקציע, דעם היטלער שאַנטאַזש. שטילשווייגענד מוזען זיי צונעהמען אַלע קלעפּ, וואָס מען דערלאַנגט זיי. פאַרוואָס? ווייל אין די לעצטע פערצעהן יאָהר איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען זייערע רעוואָלוציאָנערע מעטאָדען, זיי זענען געוואָרען שוואַכלינגע, מוטלאָזע, און זיך ניט צוגעגרייט צו דעם אנטשיידענעם קאַמף, וואָס האָט געקענט אַ ליאַדע טאָג אויסברעכען. דורך די פערצעהן יאָהר האָבען זיי אויפגעגעבען זייער סטראַטעגיק, מיינענדיג, אַז דער קאַמף פון די ארבייטער געגען קאַפּיטאַל איז שוין אַ פאַרענדיגטער, אַז דורך דער בלויזער עוואָלוציע וועט מען שוין דערלעבען צום ארבייטער זיעג.

קאפיטעל 11

די טראגעדיע פון דייטשלאנד

זונטאג דעם 5־טען מערץ, 1933, האט היטלער איינגענומען דייטשלאנד. ווי מען האט עס פאראויס זיך געקענט פארשטעלען, זאל היטלער ווערען דיקטאטאר, און ממילא איז עס ניט געווען קיין אנטוישונג, ווען דער רייכסטאג האט אזוי געטאן, און איבערגעגעבען די גאנצע מאכט צו היטלער׳ן.

אין יענעם זונטאג, אין דעם טאג, ווען עס איז פארגעקומען די לאנדטאג וואהלען, האט טאקע די ווינער ״ארבייטער צייטונג״ אפגעדרוקט א לייט־ארטיקעל, אונטער׳ן נאמען: ״דייטשלאנד׳ס לעצטע וואהלען״ — א הספד אויף דער דייטשער פרייהייט און רעפובליק. די ״ארבייטער צייטונג״ האט שוין פאראויסגעזעהן דאס אפשטארבען פון דער רעפובליק. זי האט גוט באטראכט דעם טערא אין דייטשלאנד, און געזעהן היטלער׳ס זיעג. דער הספד ווערט פארענדיגט מיט פאלגענדע לאגיש־ברילאנטענע ווערטער: ״ביים ווינגעלע פון דער דייטשער דעמאקראטיע האבען זיך די דייטשע ארבייטער געשפאלטען; ביי איהר ״קבר״, מוזען זיי זיך ווידער פאראייניגען״.

פערצעהן יאהר האט דייטשלאנד געהאט א קאנסטיטוציע, וואס האט געגע־בען פרייהייט צו אלע שיכטען און קלאסען. נאך דער נאוועמבער רעוואלוציע פון 1918, האט דייטשלאנד אנגעהויבען אטעמען צוביסלאך, אנגעהויבען געווינען סימ־פאטיע ביי דער ציוויליזירטער וועלט. די זון האט אנגעהויבען שיינען אויף די דייטשען.

אין וויימאר, אין דער טראדיציאנעלער פריי־שטאדט, אין דער אטמאס־פערע פון דער פרייסישער קולטור, פון פילאזאפען און פאעטען, אין דער שטאדט, וואו עס איז אויפגעשטעלט געווארען געטהע׳ס מאנומענט — האט פרידריך עבערט, צוזאמען מיט דער קאאליציע און צושטימונג פון אנדערע פארטייען, געלייגט דעם פונדאמענט פון דער דייטשער רעפובליק.

ווי א חלום זענען פארבייגעלאפען אט די יעניגע טעג, ווען מען האט צופויקט און טרומייטערט די פרייהייט פון דייטשען פאלק, ווען מען האט געזונגען ״לאנג לעבען דער רעפובליק״. א פארנעבעלטער הימעל האט איצט ווידער באדעקט דייטש־לאנד. פאטסדאם, די שטאדט פון די דייטשע מיליטאריסטען, די שטאדט פון דער דייטשער מאנארכיע, האט ווידער אויפגעלעבט. דער איצטיגער רייכסטאג אין פאטסדאם האט אוועקגענומען די פרייהייט פון דעם דייטשען פאלק, און זיי איבער־געגעבען אין דיקטאטארישע הענט...

און עס לויפען דורך טעג, וואָכען און מאָנאַטען, און ער, דער פינסטערער היטלער, זיצט נאָך אַלץ אויפ'ן זאָטעל, רייטענדיג אויף דעם דייטשען פאָלק. ער איז נאָך אַלץ דער "רוכב על גבי בחמה" — אויף די אונבאוואוסטזיניגע דייטשע מאסען, וועלכע לאָזען זיך "פארפיהרען" פון אזעלכע אוואנטוריסטען.

עס געהט אוועק א שטיקעל צייט, און מיר פארגעסען אין דער טרויעריג־שרעקליכער טראגעדיע. מיר שלינגען אין זיך אריין די אַלע ווערטער, וואָס ווילען, און דאַרפען, זיך ארויסרעדען. מען וויל זיך גאָרניט דערמאָנען אין דער רעאקציע, וואָס הערשט, אינ'ם ציוויליזירטען לאַנד. מען וויל גאָרניט אָנהויבען אנאַליזירען, און מאַכען א סך־הכל פון דעם פריהערדיגען און איצטיגען דייטשלאַנד. עס דאַכט זיך אַלץ, אז מיט דעם ניט איבער'חזר'ן די געשעהענישען, וועט אונז לייכטער זיין אויפ'ן הארצען; אזוי ארום וועט אונזער צער ניט זיין אזוי גרויס.... דאָס מעסטעל ווערט אָבער איבערפולט, דאָס הארץ געהט איבער, און ביסלאַכווייז קנייטשען זיך ארויס אייניגע ווערטער.

דער באָאָבאַכטער, וועלכער קוקט זיך צו און פאַסט אויף די איצטיגע לאַגע אין מערב אייראָפּע; דער אביעקטיווער באָאָבאַכטער — מעג ער אפילו שטעהן הינטער די קוליסען — און באטראכט אָט דעם עפעקט, און דאָס פינסטערניש אינ'ם צענטראַל פון אייראָפּע — אין יענעם שטיקעל אייראָפּע, וואָס האָט זיך גערעכענט סיי פאַר דעם הארץ, און סיי פאַר דעם מוח פון אייראָפּע, קען עס גאָרניט באגרייפען, קען עס גאָרניט פאַרשטעהן, ווי אזוי דאָס האָט געקענט פּאסירען, אז אָט אין די גרעניצען און אַטמאָספערע פון אזעלכע גרויסע גייסטער, ווי שילער און געטהע, זאָל דאָרט גאָר הערשען אזא טעראָר. אז אויף יענער ערד זאָל פארגאָסען ווערען אונ־שולדיג בלוט, דאָרט זאָל מען פאַגראָמירען ניט נאָר די דייטשע פרייהייט, נאָר אויך די דייטשע קולטור און וויסענשאַפט...

די גאַנצע וועלט איז נאָך אַלץ אין שפּאַנונג. א צושראָקענע, א צוטומעלטע, שטעהט די וועלט פאַר דייטשלאַנד, און קען ניט פארשטעהן: וואָס איז געשעהן? ווי קען עס געמאָלט זיין, אז דאָס געבילדעטע דייטשלאַנד זאָל פלוצלונג אראָפּזינקען צו אזא ווילדקייט?...

"דייטשע קולטור" — איז ניט נאָר אזא טיטולירטער און האָנאָרייבלער נאָמען; עס איז א ריכטיג צוגעפּאַסטער נאָמען, מיט וועלכען נאָר דייטשלאַנד איז אמאָל געקרוינט געוואָרען. די דייטשע טערמינאָלאָגיע פארמאָגט אפילו אַן אַנדער וואָרט, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר דעם ענגערען זין פון וואָרט קולטור. אנשטאַט קולטור אין אַנדערע שפּראַכען, באנוצט מען זיך אויך אין דער דייטשער שפּראַך מיט דעם וואָרט "בילדונג", וואָס מיינט דאָס זעלבע, ווי דער אויסדרוק קולטור אין אַנדערע שפּראַכען. "קולטור" האָט ביים דייטש עפּעס א נייע דעפיניציע, א ברייטערע פאַרשטעלונג; אָט דאָס, וואָס מיר רופען "ציוויליזאַציע" — אנשטאַט צו שרייבען די היסטאָריע פון ציוויליזאַציע, שרייבט דער דייטש (און אויך מיר אידען) מיט זיין שאַרפזיניגען אויסדרוק — קולטור געשיכטע.

און גיט אומזיסט האָט מען דייטשלאַנד געקרוינט מיט אזא שעהנעם נאָמען; דייטשלאַנד האָט באמת א גאַר גרויסע קאָנטריבוציע בייגעשטייערט צו דער וועלט קולטור. זעהר א וויכטיג חלק האָט זי בייגעשטייערט צו דער רענעסאַנס און אויפֿ־לעבונגס־עפּאָכע. אין אלע הינזיכטען, און אויף יעדען געביט פון רעליגיע, ביז וויסענשאַפט, פאַרנעהמט זי א חשוב'ן פּלאַץ אין דער וועלט אויסשטעלונג. דייטש־לאַנד האָט זיך מיט וואָס פאַרצושטעלען. זי קען גאַרניט פאַרשעהמט ווערען, מיט איהרע גרויסע פילאָזאָפען, פּאָעטען און ליטעראַטען. זי האָט זיך גאַרניט צו שעהמען מיט אזעלכע מענשען ווי לייבניץ, קאַנט, פיכטע, העגעל א. א. מיט זייערע וואונ־דערבאַרע סיסטעמען פון דענקען, מיט זייערע פּאָזיטיווע, שאַפונגען, און מיט זייערע אָנצייגענדע וועגען פאַר דעם מענש — די גלייכע ליניע אין וועלכער ער זאָל געהן.

דעם גרעסטען קרעדיט האָבען זיך פאַרדינט די דייטשע פילאָזאָפען מיט זייער שאַפען נייע וועגען אין דער פילאָזאָפיע.

די דייטשע פילאָזאָפען האָבען פּראָדוצירט דעם מעטאַפיזם. א נייע מעטאָדע און סיסטעם אין דער פילאָזאָפיע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם אבסטראַקטען איבער־בליק איבער דעם גאַנצען מענשליכען פעלד. זיי האָבען אויך געשאַפען די ראָמאַנ־טישע פילאָזאָפיע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אינ'ם אכצעהנטען יאָהרהונדערט. דער דייטשער זשעני האָט געהאַט זיין קלאָהרען וועלט־אנשויאונג — זיין ליניע און וויזיע, און זיי האָבען עס געלייגט דעם פונדאַמענט פון אָט דער מעטאַפיזישער און ראָמאַנטישער פילאָזאָפיע, וואָס האָט אריינגעבראַכט פיעל לעבען און דערפרי־שונג אין דער פילאָזאָפיע.

די דייטשע קלאַסיקער, אָבוואָהל זיי זענען שוין געקומען שפּעטער, נאָך דעם גרויסען ענגלישען שעקספּיער און אַנדערע פראַנצויזישע קלאַסיקער, האָבען זיי דאָך איבערראַשט די וועלט מיט זייערע קינסטליכע אומשטערבליכע ווערק. געטהע ווערט נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג פאַררעכענט אלס איינער פון די גרעסטע פיר־פינף פּאָעטען, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז פאַרמאָגט. ער ווערט ביז'ן היינטיגען טאָג פאַר־רעכענט אלס דער זיידע, דער גרינדער פון רעאַליזם אין דער ליטעראַטור. און וואָס איז מיט די אַנדערע? לעסינג, שילער א. א., וועלכע האָבען מיט זייערע ווערק, מיט זייער גייסטיגער שאַפונג, מיט זייער טרוים נאָך פרייהייט געמאַכט אן איבער־קעהרעניש אין דער ליטעראַרישער וועלט. נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג רעכענט מען זייערע ווערק אלס די בעסטע, און פאַרנעהמען דעם אויבענאָן אין דער ליטעראַטור־געשיכטע.

דייטשלאַנד איז באמת געווען די אטענין — די געטין פון חכמה און קונסט אינ'ם לעצטען יאָהרהונדערט, מיט איהרע שטראַלען האָט זי באלויכטען די גאַנצע וועלט.

אָבער, ווי אזוי זעהט אויס דאָס איצטיגע דייטשלאַנד? ווי אזוי זעהט אויס דאָס דייטשלאַנד, וואָס ווערט געפיהרט פון אזעלכע באַרבאַרישע און אונציוויליזירטע פיהרער? וואָס פאַר א ווערט האָט איצט די דייטשע קולטור?...

דייטשלאנד ! — די היים פון לעסינג, קאנט, געטהע, די היים פאר אידעאַ־ליזם און אינטעלעקטואלע פרייהייט, איז געוואָרען א בלוט־באַד, האָט ארויסגעוויזען דעם אמת'ן חיה'שען געשטאַלט.

דייטשלאַנד ! — דאָס לאַנד, וואו דער סאָציאַליזם, וואו מאַרקס, דער גרינ־דער פון סאָציאַליזם איז געבוירען געוואָרען, וואו דער סאָציאַליזם האָט שוין גע־האַט דערגרייכט זיין העכסטע שטופע אין אנטוויקלונגס־פּראָצעס, פון 50—60 יאָהר ארבייט, זאָל מען עס איצט קענען אזוי מערדעריליך אונטערדריקען ? !

אין דייטשלאַנד ווערען געפּייניגט איהרע בעסטע קינדער. טויזענטער מענ־שען, אידען און ניט־אידען, קאָמוניסטען, סאָציאַליסטען און סתם ליבעראַלען, ווערען געפּייניגט אויף דעם שוידערליכסטען אופן, זיצען אין דער פינסטערניש און טיפ־קייט פון די טורמעס און תפיסות.

דאָס דייטשע פאָלק לעבט איצט איבער א געזעלשאפטליכע צורודערונג. די לופט איז איצט פול מיט שנאה און האַס. דער קלאַסען־קאמף האָט דערגרייכט זיין העכסטע שטופע, דאָס פאָלק איז צוטיילט אין פארשיידענע טיילען, און האָבען ניט קיין אויסוועג.

דאָס דייטשע פאָלק לעבט איצט דורך די קריטישסטע מאָמענטען אין זיין געשיכטע. דאָס דייטשע פאָלק האָט פארלוירען זיין קאָנטראָל, אריינגעפאַלען אין דעמאַגאָגישע הענט און זיך געלאָזט פארנאַרען פון "אבסורדע משיחים".

דאָס קולטורעלע פאָלק, וואָס האָט שטענדיג געזוכט "פּאַרנונפטיגקייט" און געלעבט מיט "לאָגיק" ; דאָס פאָלק פון "דיינקער און פּאָעטען", האָט פארלוירען זיין באוואוסטזיין, און זיך געלאָזט פארפיהרען פון אזעלכע פאַלשע פיהרער. איז עס ניט א מערקווירדיגע ערשיינונג ?...

וואו זענען די אַמאָליגע אפּטימיסטען, וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין איבערצייגען און איינרעדען, אז די מענשהייט ווערט פּאַרטנגעשריטענער, פּראָגרעס געווינט און זיגט.... ניין ! זיי האָבען געמאַכט דעם גרעסטען טעות. מיר האַלטען נאָך גאַנץ ווייט, אוועק פון פּראָגרעס. דערווייל זיגט די רעאַקציע, און דער ריק־ווערטס טריאומפירט — פינסטערקייט האָט באַדעקט דעם אייראָפּייאישען קאָנ־טינענט.

די דייטשע קולטור איז געוואָרען פארטונקעלט. די איצטיגע פיהרער האָבען זי איבערגעדעקט מיט אזא אבאזשור, וואָס פארשטעלט איהר גאַנצע ליכט — די ליכט, וואָס האָט אמאָל געשיינט פאַר דער גאַנצער וועלט.. די דייטשע קולטור איז רואינירט געוואָרען. די דייטשע קולטור און וויסענשאַפט ליגט איצט א צוטראָ־טענע, א דערשלאָגענע, און א דערשטיקטע.

די דייטשע וויסענשאַפט איז איצט געפּענטעט, און זי קען זיך שוין מעהר ניט פריי אנטוויקלען. מען לאָזט זי שוין מעהר ניט זיין אוניווערסאַליש. אין דעם איצטיגען דייטשלאַנד ווערט אַלץ געשאַפען אין דעם אגרעסיווען, אמביציאָנישען גייסט, וואָס זאָל דינען געטריי דעם היטלעריזם און זיינע גיפטיגע אידייען. דער לעהרער און דער שילער, דער פּראָפעסאָר אין אוניווערזיטעט, אלע מוזען דינען

געטריי דעם היטלעריזם. דאָס דייטשע פאָלק האָט זיך געלאָזט פאַרנאַרען, און היט אבליגאַטאָריש די באַפעהלען פון נאַציזם, וואָס לערנט זיי, אז פאַטריאָטיזם מיינט פאַרניכטונג פון אלעם, וואָס געהערט צו דער צווייטער נאַציע; פון אלעם וואָס באַלאַנגט צו דעם פרעמדען, און ווער איז דען ניט קיין פרעמדער? לויט דער היטלעריסטישער טעאָריע, איז יעדער איינער, וועלכער פאָלגט ניט אויס אלע געבאָטען פון היטלעריזם — א פרעמדער, א ניט-געוואונשענער, וועמען מען דאַרף פאַרניכטען.

עס ווערט ממש ביטער אויפ'ן הארצען, ווען מען טרעט אריבער איבער די דייטשע גרעניצען; ווען מען שפּרייזט אויף דער ערד, וואו עס ליגען יענע געניאַלע דיינקער און קינסטלער, וועלכע האָבען מיט זייער ליכט פון קונסט די וועלט באַלויכטען. ווי טרויעריג ווערט דאָן, ווען מען שפּרייזט אויף די קברים פון די גרויסע גייסטער, וועלכע האָבען זייער גאַנץ לעבען אוועקגעגעבען צו דער מענשהייט, געקעמפט פאַר גערעכטיגקייט, פאַר דעם אמת, פאַר דער ערוואַכונג און אויפלעבונג פון דער גאַנצער וועלט בכלל, און פון דייטשלאַנד בפרט. מיטגעהאָלפען מיט אלע זייערע כוחות פאַר דעם וויסענשאַפטליכען פראָגרעס, און געגעבען די ערשטע סיגנאַלען פאַר דער מאָדערנער, וויסענשאַפטליכער אנטדעקונג און ערפינדונג.

די דייטשע פאָליטיק האָט באַנקראָטירט. די דייטשע שטאַטסמאַנשאַפט האָט געהאַט דעם גרעסטען דורכפאַל, געליטען די גרעסטע נידערלאַגע, שוין דערפאַר אליין, וואָס זיי האָבען דערלאָזט צו אזעלכע גרוילליכע רעזולטאַטען אין דעם לאַנד, וואו עס האָבען געלעבט די גאָר גרויסע אוניווערסאלע גייסטער.

די בעסטע כאַראַקטעריזאַציע, וואָס קען דאָ געניצט ווערען איז אָט דאָס, וואָס היינריך מאַן האָט אמאָל כאַראַקטעריזירט דעם דייטש, אז דייטשלאַנד איז ניט קיין "גרויסע נאַציאָן", נאָר זי פאַרמאָגט "גרויסע מענשען. אָט דאָס לערנען אונז די לעצטע געשעהענישען, אז אָבוואָהל דייטשלאַנד איז דאָס לאַנד פון פילאָזאָפען, וויסענשאַפטלייט... איז עס אָבער אויך דאָס לאַנד פון שיקאַנסטווא. דאָס דייטשע פאָלק, די דייטשע מאַסען, זענען גאָרניט העכער פון וועלכע עס איז אנדערע פעלקער.

* * *

פאַר דעם באַאָבאַכטער איז עס געבליבען א רעטעניש — אַן אונדערקלערבאַרע רעטעניש אָט די פּאַסירונגען אין דייטשלאַנד. עס איז א מערקווירדיגע ערשיינונג, אָט די לעצטע געשעהענישען אין דעם לאַנד, וואו איהרע קלאַסיקער האָבען זיך מעהר גערעכענט פאַר אוניווערסאַלע קינסטלער און ניט געווען קיין גאָר הייסע פאַטריאָטען; דאָס פאָלק, וועמענס גייסטיגע וועג-ווייזער זענען ניט געווען אזוי ענג צוגעקניפּט מיט דער נאַציע און פאַטריאָטישקייט — זאָל זיך גאָרניט געווען אָפּלערנען פון די פיהרער; זאָל גאָרנישט געווען ירש'ענען פון די גייסטיגע אוצרות. זיך אין גאַנצען צו לאָזען פאַרנאַרען פון אזעלכע קליינקעפּיגע פיהרער, וועלכע וואָלטען זיך גיכער צוגעפּאַסט צו דער מיטעלאַלטערליכער, אָדער טעאָר-

טאַנישער עפּאָכע, איידער צו דעם איצטיגען יאָהרהונדערט, נאָך דער גרויסער רענע־סאַנס און אויפבליהונגס־עפּאָכע.

די קלאַסישע פּעריאָדע אין דער דייטשער ליטעראטור רעכענט זיך נאָר די יאָהרען, ווען עס האָט זיך אנטוויקעלט דער אינדיווידואליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם.

לעסינג, דער ליבהאָבער פון דער דייטשער קולטור, וועלכער האָט מעהר ווי אנדערע געארבייט פאר א ריינעם דייטשען טעאַטער און שפּראַך, האָט געהאַלטען אלע מענשען פאר גאָט׳ס קינדער. אלע מענשען האָט ער געהאַלטען פאר בירגער פון גאָט׳ס שטאַט — די ערד. דער מענש האָט איהם אינטערעסירט ניט נאָר אלס מיטגליד פון וועלכען שטאַט עס זאָל ניט זיין, נאָר אלס איינפאַכער אינדיווידו־עלער מענש.

שילער, ווי באַקאַנט, איז אין זיין יוגענט געווען א רעוואָלוציאָנער. ער האָט זיך גערעכענט פאר א רעפּובליקאנער, וואָס האָט דאן געמיינט — קאָסמאָפּאָליטיקער און אלוועלטליכער.

געטהע איז געווים ניט געווען קיין צו גרויסער אָנהענגער פון פּאַטריאָטיזם. ביי איהם האָט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק קיין גרויסע ווירדע ניט געהאַט. נאַציאָנאַלע פּאָליטיק איז נאָר געשאַפען געוואָרען פאר דעם אפּארטוניזם פון די ביליגע שטאַטס־לייט — האָט ער אמאָל געזאָגט. און וואָס איז מיט דעם גרויסען העגעל, האָט ער ניט געזוכט די פרייהייט ?... דער כאַראַקטער שטריך פון דער דייטשער פילאָזאָפיע ווערט זעהר גוט געשילדערט אינ׳ם בוך: ״לעבענס אנשויאונגען דער גראָסעסטען דענקער״ פונ׳ם בארימטען דייטשען פילאָזאָף עוקען, וואו עס ווערט ברייט ארומ־גערעדט וועגען העגעל׳ן. *)

דער דייטשער פילאָזאָף, אפילו דער, וועלכער האָט זיך שוין יאָ אינטערע־סירט מיט דעם נאַציאָנאַליזם, איז אָבער, אָן צווייפעל, קיינמאָל ניט געווען דער פּאַטריאָט אינ׳ם בוכשטעבליכען היטלעריסטישען זין. דער דייטשער פילאָזאָף האָט שטענדיג געזוכט אומאָפּהיינגיגע פרייהייט פון ארויסזאָגען זיין מיינונג און דענקען. ״איך פרעג זיך ניט, פון וואָס דו ביזט פריי, נאָר וואָס ביזטו פריי״ — האָט ניטשע געזאָגט.

נאָך מעהר מערקווירדיגער איז דאָ דער פאַל, אז אין דעם לאַנד, וואו עס איז געלייגט געוואָרען דער פונדאמענט, דער גרונדשטיין פון סאָציאַליזם, אין דעם לאַנד, וואו עס איז געבוירען געוואָרען דער טיפסטער אנאליטישער פאָרשער פון דעם מאַטעריאַליזם, דער גרויסער דענקער פון דער געזעלשאַפט, קאַרל מאַרקס — דער גרעסטער אידייען ארגאַניזאַטאָר אינ׳ם פריהערדיגען יאָהרהונדערט, דער מענש, וועלכער האָט געשאַפען די ״ביבעל״ פון סאָציאַליזם, וואָס האָט נושא־חן געווען ביי די גרעסטע מאָדערנע דענקער און סאָציאָלאָגען, דער, וועלכער האָט דער ערשטער געמאַכט פאר א וויסענשאַפט די לעהרע וועגען געזעלשאַפטליכער אנטוויקלונג, און האָט אין זיין ״קאַפּיטאַל״ לאָגיש און דיאַלעקטיש פעסטגעשטעלט דעם גאַנג פון

---

*) Euken: Lebensanschaungen der Grosesten Denker, s. 369

אַט דער אַנטוויקלונג, דער אונדערמידליכער קעמפּער פאַר'ן וואוילזיין פון דער גאַנצער מענשהייט — און איצט ווערט זיינע ווערק דאָרט פאַרבאָטען און פאַר־ניכטעט. זיינע אָנהענגער און נאָכפאָלגער שמאַכטען אין די קאַטאָרגעס, טורמעס, און מען באַהאַנדעלט זיי ווי די נידעריגסטע מענשען...

דער סאָציאַליזם ווערט אין דייטשלאַנד געפּייניגט מעהר ווי אירגענד אַנ־דערשוואו. מען באַהאַנדעלט דעם מאַרקסיסט מיט די ערגסטע ענוים. סאָציאַליסטישע ווערק ווערען פאַרברענט אויף די שייטערהויפען. מען פאַרניכטעט דאָס שעהנסטע און בעסטע, וואָס איז דורך דער צייט געשאַפען געוואָרען.

מען האָט זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלען, אַז אין דעם לאַנד, וואו איהרע גרעסטע פּאָעטען זענען אויך געווען סאָציאַליסטיש געשטימט, זאָל קענען פאָרקומען אַזאַ איבערקעהרעניש.

געטהע, למשל, האָט אין איינעם פון זיינע געשאַפענע דיאַלאָגען, אויסגע־דריקט די אידייע פון סאָציאַליזם. דעם אָריגינאַלען זין פון ווירטשאַפט, האָט ער ארויסגעבראַכט אין די פאָלגענדע שורות:

לעהרער: — פון וועמען האָט דיין פאָטער גענומען זיין פאַרמעגען?
שילער: — פון מיין זיידען.
לעהרער: — און פון וועמען האָט דיין זיידע גענומען זיין פאַרמעגען?
שילער: — פון מיין עלטער־זיידען.
לעהרער: — און פון וועמען האָט דיין עלטער־זיידע גענומען זיין פאַר־מעגען?
שילער: — ער האָט עס גע'גנב'עט.

דער גרויסער דיכטער היינע האָט אין איינינע ציילען פון זיין ליעד: "דייטש־לאַנד, א ווינטער מערכען" ארויסגעבראַכט די גאַנצע פילאָזאָפיע פון סאָציאַליזם.

און אַט דאָרט, וואו דער סאָציאַליזם האָט באַקומען אַזוי פיעל אָנהענגער, ווערט איצט געפּייניגט יעדער איינער, וואָס ווערט נאָר פאַרדעכטיגט אלס ראַדיקאַ־לער, אָדער סאָציאַליסטישער אָנהענגער.

אמת, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז שוין אין ביסמאַרק'ס צייטען גע־רודפ'ט געוואָרען פון דער רעגיערונג. דער בלוטיגער ביסמאַרק האָט דוקא געוואָלט זעהן איהר אונטערגאַנג. איצט אָבער איז די לאַגע פיעל טרויעריגער ווי פריהער. איצט, נאָך איהר גאָלדענער עפּאָכע, נאָך אַזעלכע גוטע יאָהרען, וואָס דער סאָציאַ־ליזם האָט דורכגעמאַכט, שפּילענדיג אַזאַ גרויסע און באַדייטענדע ראָלע אינ'ם דייטשען פּאָליטישען און סאָציאַלען לעבען, איז אָנגעקומען א כוואַליע, וואָס וויל דעם סאָציאַליזם אין גאַנצען ארונטערשווענקען. היטלעריזם איז א מאַסען באַוועג־גונג. די באַרבאַרען איז געלונגען אריינצוציהען אין זייערע רייהען דעם פּשוט'ן, דורכשניטליכען מענש. זיי, די היטלעריסטען, איז געלונגען צו פאַראינטערעסירען דעם ביז איצטיגען נייטראַלען מענש, וועלכער האָט זיך שטענדיג דערווייטערט פון וועלכע עס איז עקסטרעמען, און איהם אריינגעשלעפּט אין זייער קאַזאַרמע.

מיר האָבען דערלעבט צו ניטשע'ס "איבער מענש". אין געגענזאץ צו דעם "מבחר האנושי", צו דעם געניאַלען הויכען מענש, האָט פרידריך ניטשע אויפגע־בויט און צוזאַמענגעשטעלט אַן איבער מענש, אַן אנדער סאָרט "אדם המעלה", וואָס מיט זיין "ווילען צו מאַכט", איז ער פריי אין זיינע האַנדלונגען, פון אַלע געזעצען.

די נביאות איז מקוים געוואָרען. דער חלום איז רעאַליזירט געוואָרען. עס איז אויפגעשטאַנען דער דאָזיגער אדם המעלה, היטלער, וועלכער איז אַן אָפּשפּיג־לונג פון'ם רוצח צעזאַר באָרדזשיא, און יענע קליינע נאַאיווע מענשעלאַך לויפען איהם נאָך און פאַרגעטערען איהם.

די טאָפּעלע רעאַקציע, די פּאָליטישע און סאָציאַלע רעאַקציע, וועט פאַר־צייכענט ווערען אינ'ם מענשליכען בוך. דער היסטאָריקער וועט עס פאַרצייכענען אין דעם שווארצען קאַפּיטעל פון דער דייטשער געשיכטע. אַן אייביגער פלעק וועט בלייבען אויף דעם דייטשען פאָלק. — אָט דאָס איז די טראַגעדיע פון דייטשלאַנד.

קאפיטעל 12

די אויסזיכטען פון דייטשלאנד — היטלער׳ס מפלה מוז קומען

די גאנצע וועלט איז איצט פאראינטערעסירט אין דעם שיקזאל פון דעם דייטשען פאלק און אין דער היטלער פראגע. צי וועט היטלער׳ן טאקע געלינגען צו רעאליזירען זיינע פוסטע חלומות פון א "דריטען רייך"? צי היטלער וועט ערפילען זיינע צוזאגען וועגען שאפען ארבייט פאר די אכט מיליאן ארבייטסלאזע אין דייטשלאנד? און פון וואנען?...

די אויגען פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט זענען געווענדעט אויף דייטשלאנד — דער צענטר פון אייראפע. דער טעראר און דער בלוטיגער בירגער־קריעג אין דייטשלאנד, איז פון די געשעהענישען, וועלכע האבען די וויכטיגסטע און היסטארישע באדייטונג. זיי קענען האבען דעם סאמע דירעקטען איינפלוס אויף דעם גאנג פון דער גאנצער וועלט. אן דעם רעזולטאט פון די לעצטע געשעהענישען, איז אין א גרויסער מאס אפהענגיג ניט נאר די צוקונפט פון דער דייטשער רעפובליק און דייטשע אידען, נאר דער פרידען פון גאנץ אייראפע.

די פאזע פון א "פאראייניגונג צווישען דייטשלאנד און עסטרייך" ווערט איצט אפען דיסקוטירט אין פארשיידענע פאליטישע קרייזען. דאס וואלט דאך שוין געמיינט א פארגרעסערטע דייטשע אימפעריע, אויף וועלכער די אנדערע פעלקער קענען ניט איינשטימען, און קענען ניט נאכגעבען, ווי מיר וועלען שוין די פראגע באהאנדלען אין די קומענדע קאפיטלאך.

עס איז איצט די בעסטע צייט פאר דעם פעסעמיסט. די שרעק פון היטלעריזם, דער גרויסער זיעג פון דער רעאקציע האט געווירקט אז מען זאל אויסלאכען דעם אפטימיסט, וועלכער וועט אנזאגען די בשורה פון דעם באנקראט פון דעם פאשיזם, מען זאל איהם האלטען פאר א פאנאטיקער, וועלכער זעהט גארניט די פאקטישעווירקליכקייט.

עס איז טאקע אמת, אז מיר קענען פאראויס גארניט זאגען קיין נביאות. עס קען אמאל טרעפען, אז היטלער׳ן זאל זיך איינגעבען אנצוגעהן מיט דער רע־גיערונג; אז היטלער׳ן זאל געלינגען דורכצופיהרען זיין פראגראם. מיר מעגען אבער ארויסזאגען אונזער מיינונג, באטראכטענדיג די שווערינקייטען וואס לאזען ניט אויספיהרען היטלער׳ן זיין פראגראם, די שטיינער, וואס ליגען אויף דעם וועג, וואס לאזען ניט קומען צו דעם ענד־ציעל פון דעם היטלעריזם.

היטלער איז ניט מעהר ווי א טרוס — א פייגלינג, וואס האט זיך געכאפט צו דער העכסטער שטופע, צו די הויכע פענסטער, ניט איבערקלעהרענדיג אפילו, צי עס וועט זיך איהם איינגעבען. היטלער איז א טרוימער, א מענש, וועלכער האט געהאט גרויסע אמביציעס זיך צו דערהויבען צו דעם העכסטען אמט אין דעם לאנד, וואו ער איז ניט געבוירען געווארען — דאס האט פעסטגעשטעלט דער פאקט, ווען ער האט, אין יאהר 1923, געמאכט דעם פארזוך צו פארכאפען דייטשלאנד און ווערען קאנצלער, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם, וואס די מאסען זענען נאך דאן ניט געווען מיט איהם.

אין זיין פראגראם פארזיכערט היטלער אפצושאפען דעם ווערסאילער סיס־טעם, צו פארגרעסערען די דייטשע אימפעריע, פאר'ן וואוילזיין פונ'ם דייטשען פאלק. דאס איז אבער נאר שעהנע רייד, וועלכע מען קען זיי ניט אזוי גיך דורכפיהרען. היטלער קען נאך ניט אזוי שנעל פארקאטשען די ארבעל, ארויסטרעטען אין מלחמה, צו פארווירקליכען זיין "גרויסע נאציאנאלע" אויפגאבע. היטלער פאכעט מיט דער שווערד; ער סטראשעט מיט מלחמה; ער האט אבער גענוג מורא ארויסצוטרעטען אין מלחמה. מיר מעגען נאך צווייפלען אין זיין זיעג. דער היטלעריסטישער לאזונג "זיעגרייך וועלען מיר פראנקרייך שלאגען", איז נאך גאנץ ווייט פון פאר־ווירקליקונג.

היטלער וואלט, נעבאך, געוואלט מאכען דעם "אנשלוס" מיט עסטרייך, אבער וואס וועט מוסאליני, זיין "רבי", זאגען צו דעם. דאן, ווען ער וועט זעהן, אז די גרעניצען פון טיראל זענען אין געפאהר. *)

ער האט צוגעזאגט זיינע רעוואלוציאנערע ארבייטער צו נאציאנאליזירען די גרויסע געלט רעזערוען, עקאנאמיש צו העלפען די קליינבירגערליכע עלעמענטען, צו מאכען א פשרה צווישען דער פעאדאל - קאפיטאליסטישער רעאקציע און פאשיזם. עס איז אבער נאך א גרויסע פראגע, צי דער שלום־בית וועט האבען א האפט.

מוסאליני'ן איז טאקע געלונגען בייצוקומען די שוואכע איטאליענישע בור־זשואזיע, וועלכע האט זיך אפגעזאגט פון דער פאליטישער מאכט, כדי איינצוהאלטען די יסודות פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג. צי דאס וועט זיך היטלער'ן איינ־געבען אין דער אינדוסטריעלער דייטשלאנד, איז נאך א גרויסע פראגע. מוסאליני איז געקומען פאר דער רעלאטיווער סטאביליזאציע פון קאפיטאל. דער איטאליעני־שער קאפיטאל האט געקענט געפינען רעסורסען אויף צו ווארפען די מאסען ברעק־לאך, און אמעריקאנער קאפיטאל האט איהם נאך דאן געקענט שטיצען מיט הונ־דערטער מיליאנען.

גאנץ אנדערש איז אבער אין די איצטיגע יאהרען פון דעם גרעסטען קאפי־טאליסטישען קריזיס. די דייטשע בורזשואזיע רייסט זיך ארום צווישען זיך פאר די לעצטע שטיקלאך רויב. אמעריקא קען שוין ניט שטיצען היטלער'ן, הגם זי איז פאראינטערעסירט, אז היטלער זאל רעגירען, אויס מורא, טאמער וועלען די קאמו־

*) זעה ווייטער, דריטער טייל, קאפיטעל 15.

ניסטען איבערנעהמען די מאכט, פאר וועמען די אמעריקאנער קאפיטאליסטען ״שרע־קען זיך נאך אלץ.

אמעריקא איז פאראינטערעסירט אין דער לאגע פון דייטשלאנד ניט נאר ווי אלע אנדערע אייראפייאישע מלוכות, וועלכע אינטערעסירען זיך אין די פאלי־טישע, סאציאל־עקאנאמישע ענדערונגען; אמעריקא האט נאך א גרעסערען אינטע־רעס. דאס איז צוליעב א זייטיגער זאך, צוליעב א פשוט׳ער געלט פראגע.

ארום פיר ביליאן דאלאר האט אמעריקא שטעקען אין דייטשלאנד, א סומע, וואס באטרעפט איין פראצענט פון דעם אלגעמיינעם נאציאנאלען פארמעגען — די גרעסטע סומע, מעהר וויפיעל אמעריקא האט אריינגעלייגט אין וועלכע עס איז אנדערע לענדער. אכט־און־דרייסיג פראצענט פון אלע אנדערע אויסלענדישע אינ־וועסטמענטען אין דייטשלאנד באלאנגט צו פריוואטע אמעריקאנער קאפיטאליסטען. איינע פון די גרעסטע אויטאמאביל פאבריקען אין רוסעלשיין אם־מאין באלאנגט צו אמעריקאנער קאפיטאליסטען, און ממילא, מיינענדיג, אז טאמער היטלער זאל דורכ־פאלען, וועלען די קאמוניסטען איבערנעהמען די מאכט, ווילען זיי שוין גלייכער שטיצען היטלער׳ן. די פראגע איז אבער מיט וואס? — היינט איז דאך ניט די אמאליגע צייטען, ווען מען האט זיך געווארפען מיט געלט, איטליכער איז געאיינגט און שוואך, זיך נאך מעהרער אריינצולייגען אין דעם קראנקען בעט...

היטלער איז ניט דער שטאטסמאן, דער דיפלאמאט, וועלכער זאל קענען דורכפיהרען זיינע פארשפרעכונגען. ער קען געבען רעגירונגס פאסטענס צו עטליכע הונדערט טויזענט סאלדאטען און אפיצערען; ער קען אבער ניט באפרידיגען די פיעלע מיליאנען פארצווייפעלטע, וואס קוקען אויף איהם, ווי אויף א משיח, וואס וועט ברענגען גוטע צייטען. ער האט זיי געקענט צוציהען נאר דאן, ווען ער איז געווען אין דער אפאזיציע; ער האט געקענט אויפרייצען די מאסען דאן, ווען ער האט יענעם קריטיקירט. גאנץ אנדערש איז איצט, ווען ער איז שוין אין מאכט און דארף עפעס אויפטאן מעהר ווי ״רייד״. מיט זיינע בלויזע גערונגענע סאלדא־טען אין די ״ברוינע העמדלאך״, וועט ער די מאכט ניט קענען ארויפצווינגען אויף דעם דייטשען פאלק. ״עסענוואורג קען מען ניט עסען אזוי הייס, ווי ער ווערט גע־קאכט״ — איז פאראן א דייטשיש שפריכווארט — היטלער, אלס דער הויפט פון דער דייטשער קיך, דארף דאס גאנץ גוט וויסען.

די היטלעריסטישע פיהרער, וועלכע דענקען מיליטעריש, זוכען ניט אריינצור־דרינגען טיפער אין לעבען, זיי ווילען נאר מיט גוואלד־מיטלען, געוויסענלאז און גרוזאם, דורכפיהרען אלץ וואס זיי דארפען האבען פאר זייערע אייגענע נוצען. די מאסען באמערקען נאך ניט די שעדליכקייט — די רעזולטאטען פון אזא עקאנאמי־שער פאליטיק, וואס וועט פאראורזאכען א גרויסען חורבן אין אינלענדישער און אויסלענדישער פאליטיק.

די נאצים טרעטען ארויס אלס רעוואלוציאנערען, זיי ווילען ענדערען אלצ־דינג אין לעבען. זיי פארשטעהען אבער נישט, ניט די קאפיטאליסטישע ווירטשאפט,

און ניט די סאָציאַליסטישע פּאָלגען. זייער קליינבירגערליכער באַגריף קען פיהרען צו כאַאָס, צו פאַרקריפּלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, אָבער ניט צו דער בויאונג פון סאָציאַליזם, און ממילא קען זיך גאָר דער קריזיס נאָך מעהר פאַר־גרעסערען. מען דאַרף אויך וויסען, אַז די טאַקטיק פון דער היטלעריסטישער דיק־טאַטור און איהר וועלט־פּאָליטיק, מאַכט א טיפע אומרוהיגקייט, אומזיכערהייט אינ'ם לעבען פון דייטשען פּאָלק, און פון די שכנות'דיגע לענדער, וואָס וועט געוויס האָבען א שעדליכע ווירקונג אויפ'ן עקאָנאָמישען לעבען. און דאָס וועט שוין ארויס־רופען א געגנערשאַפט צווישען די מאַסען, וועלכע וועלען אויפשטעהן פון זייער לאַנגען שלאָף און זיך ניט אומקוקען, וואו האַלטען עפּעס אין דער וועלט.

די היטלער רעגיערונג וועט אָנהאַלטען איהר טעראָר, און ניט לאָזען ארויס־רעדען קיין וואָרט, אָבער ווי לאַנג קען דאָס אזוי אָנהאַלטען?... א דעספּאָטישע רעגיערונג קען עקזיסטירען נאָר דאַן, ווען דאָס עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לעבען פליסט זיך שטיל און רוהיג, ווען די רעגיערונג געהט אין די אַלטע אויסגעטראָטענע וועגען; אנדערש איז אָבער, ווען דער דעספּאָט טרעט ארויס אלס א רעוואָלוציאָנער וואָס וויל באַשאַפען עפּעס נייעס. היטלער איז טאַקע פאַרגעטערט, ער איז דער הייליגסטער, דער משיח פון דער צייט. מיר האָבען אָבער שוין געזעהן גענוג צו־פּאָלענע משיחים.

די היטלער באַוועגונג האָט שוין ניט איינמאָל ארויסגעוויזען סמנים פון פאַנאַנדערפאַלונג, א דאַנק דעם, וואָס זי איז צונויפגעשטוקעוועט פון פאַרשיידענע שיכטען און עלעמענטען. די היטלער רעגיערונג — א רעגיערונג פון בירגער־קריעג, קען די ארבייטער ניט געבען ניט קיין ברויט, און ניט קיין ארבייט. מיט'ן אויסראָ־טען דעם מאַרקסיזם אליין קען מען נאָך קיין לאַנד ניט זאַט מאַכען. מיט דעם קען מען נאָך אַלץ נישט שפּייזען די מיליאָנען ארבייטסלאָזע, וועלכע וואַרטען אויף אר־בייט און ברויט. מיט דעם אַליין קען מען נאָך קיין פּאָלק ניט באַנייען און ניט באַפרייען.

"די דייטשען — האָט ניטשע געזאָגט — האָבען נאָך ניט דעם היינט; זיי לעבען נאָך אויף דעם טאָג, פון פאַרנעכטען, און אויף דעם טאָג פון נאָך מאָרגען". קיינמאָל האָט זיך דאָס טראַגיש־אמת'דיג וואָרט זיך ניט אזוי צוגעפּאַסט ווי איצט אין דעם איצטיגען כאַאָס.

די נאַצים און זייערע נאָכפאָלגער לעבען נאָך אַלץ מיט דעם בטחון אין היטלער'ן, אַז ער וועט באַווייזען מופתים; קיין היינט האָבען זיי דערוויל ניט. דער היינט איז זעהר טרויעריג, און מען מוז זיך נאָר טרייסטען מיט באַרויבען אידען און שיסען קאָמוניסטען. מיר מעגען אָבער נאָך גענוג צווייפלען אין די היטלערים־טישע צוזאָגען. מען וועט נאָך ניט הייסען קיין סקעפּטיקער מיט דעם, וואָס מיר וועלען זאָגען, אַז היטלער וועט נאָך ניט ארויסשלעפּען דייטשלאַנד פון דער טיפער בלאָטע. און ניט אזוי לייכט וועט עס איהם געלינגען אונטערצודריקען דאָס דייטשע פּאָלק, ווי עס האָבען געטאָן אַנדערע דיקטאַטאָרען אין אַנדערע לענדער.

היטלער באַרימט זיך, אַז ער האָט שוין באַקעמפּט דעם מאַרקסיזם, ער האָט איינגעשפּאַרט אין די קאָנצענטראַציאָנס - לאַגערן די פירהרער פון די קאָמוניסטען און סאָציאַליסטען. ער האָט פאַרטריבען אין גלות אריין אַלע זיינע שטערער; דער אמת איז אָבער, אַז אונטער דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע וועט צוגעגרייט ווערן דער וועג פון דער מאַרקסיסטישער רעוואָלוציע.

דייטשלאַנד איז ניט איטאַליע! דאָס דייטשע פאָלק, ספּעציעל דער דייטשער ארבייטער - קלאַס, איז אויף א העכערן, אינטעליגענטערן שטאַנדפּונקט. דער פּראָלעטאַריאַט אין דייטשלאַנד שטעלט מיט זיך פאָר די מעהרהייט פון דער באַפעל-קערונג. זיין פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַטאָרישקייט איז פּאַרהעלטניס-מעסיג גרויס. זיבעציג יאָהר פון סאָציאַליסטישע ארבייט האָט דאָך געשאַפן פעסטע טראַדיציעס פון פּראָלעטאַרישען קאַמף, און עס איז שווער שלום צו מאַכען מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס אַלץ זאָל אָפּגעווישט ווערען; אַז דער פאַשיזם זאָל גאָר ניט באַגעגענען קיין ווידערשטאַנד פון'ם דייטשען פּראָלעטאַריאַט.

דאָס איטאַליענישע פאָלק לאָזט זיך בעסער ארויספירהרען ביי דער נאָז, איידער די דייטשען. די היטלעריסטישע מעטאָדען וועלען גאָר ברענגען דערצו, אַז די סאָציאַליסטען זאָלען אָנשטריינגען אַלע זייערע כוחות און צוריק פאַרשפּרייטען דעם קאַמפּסלוסטיגען מאַרקסיזם, וואָס איז שוין געווען אביסעל איינגעשלאָפען זינט די וועלט מלחמה. די גוואַלדטאַטען, די אכזריות'דיגקייט פון די היטלער באַנ-דעס, וועלען ניט קענען אָפּשוואַכען און אונטערדריקען דעם מאַרקסיזם. דאָס מאַכט אומפאַרמיידליך דעם אנטשיידענעם קאַמף געגען דעם פאַשיזם. דאָס וועט ברייגנען דערצו, אַז די סאָציאַליסטען זאָלען מוזען ארויסטרעטען אין אַן אָפענעם קאַמף געגען דער רעאַקציע. די דייטשע באַפעלקערונג האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אזוי טיעף געבויגען אונטער'ן בייטש פון איהרע אונטערדריקער, ווי זי טוט עם איצט, און פאַרשטעהט זיך, אַז ביי יעדער געלעגענהייט וועט זי פון זיך ארונ-טערוואַרפען דעם שווערען עול.

דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט איז שוין לאַנג צוריק געשטויסען געוואָרען אויף דער פאַרטיידיגונגס פּאָזיציעס. איצט האַנדעלט זיך שוין וועגען דער פולשטענדיגער פאַרניכטונגס - ארמיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אָט דאָס וועט שוין ברייגנען צו א פאַראייניגונג פון פּראָלעטאַרישען פראָנט, פון אַלע ריכטונגען. אונטער איין-און-איינציגער פאָן, וועט מוזען געפיהרט ווערען דער קאַמף געגען דעם אלוועלטליכען פאַשיזם. דער צושפּאַלטענער ארבייטער - קלאַס וועט דאָס איינזעהן און מאַכען אַן ענדע צו זיין ביז איצטיגער טאַקטיק פון ברודער-קריעג. די צוקונפטיגע ארביי-טער באַוועגונג וועט שוין מעהר קיין משונה'דיגע טעות'ן ניט איבער'חזר'ן. די אייזערנע סאָציאַליסטישע פיהרער וועלען שוין אַלעס פאָראויסזעהן, אַז דער שוץ פון דער רעוואָלוציע זאָל ניט איבערגעגעבען ווערען צו קאָנטער-רעוואָלוציאָנערען...

דאָס צושפּליטערונג אין די רייהען פון די ארבייטער, האָט אָפּגעשוואַכט זיין קאַמפּפעהיגקייט, פאַרקלענערט זיין צוציהונגס-קראַפט ביים מיטעלשטאַנד און אינ-

טעליגענץ. איצט וועט מוזען געענדערט ווערען אָט די טאַקטיק. אלע וועלען זיך שוין פאראייניגען און ארויסשטעלען אן אוואנגארד וואָס זאָל צושמעטערען די רעאקציע, און פּאָליטישען שאנטאַזש...

דריטער טייל

אנדערע פאשיזמען, אין קלענערע לענדער

קאפיטל 13

די מיליטערישע דיקטאטור אין פוילען, אין פארם פון דער פאשיסטישער רעאקציע

צו רעדען וועגען פאשיסטישער געפאהר, וואס עקזיסטירט אין פוילען, אונטער דער דיקטאטור פון פילסודסקי, איז איבעריג. עס איז אלעמען באקאנט וויפיעל דעמאקראטיע און פרייהייט עס איז נאך איבערגעבליבען אין פוילען; ווי אזוי די מיליטערישע דיקטאטור באנוצט זיך מיט די ערגסטע אכזריות'דיגע מיטלען געגען די ראדיקאלע עלעמענטען, ווי אזוי עס ווערען אונטערדריקט די סאציאליסטען און קאמוניסטען, וועלכע שמאכטען אין די געפענגענישען, אין די קרימינאלען, פאר דער מינדעסטער סאציאליסטישער אקטיוויטעט. מיט איין ווארט — פוילען איז א שחט-הויז פאר די יעניגע, וועלכע קעמפען געגען דער רעאקציע, פאר די יעניגע, וועלכע ווילען ראדיקאל איבערבויען דעם גאנצען סאציאלען און פאליטישען סטרוקטור פונ'ם היינטיגען פוילען.

ניטא קיין פרייהייט. דאס פרייע ווארט ווערט אונטערדריקט. טאג-טעגליך ווערט די דעמאקראטיע אלץ שוואכער און שוואכער, און איהר פלאץ פארנעהמט די רעאקציע, די דיקטאטור אן א וואסער ווידערשטאנד.

די אנטי-דעמאקראטישע כוואליע איז גענוג שטארק. די אפאזיציאנעלע פארטייען פארמאגען ניט גענוג קראפט זיך אנטקעגענצושטעלען. דער פוילישער סיים האט שוין אפילו אנגענומען א רעפארם געזעץ פון דער קאנסטיטוציע, וואס שוואכט אפ דעם פארלאמענט, ענדערט אין גאנצען דעם באזיס פון איהר פארפאסונג. די הויפט מאכט געהט איבער אין די הענט פון דער עקזעקוטיווע, וואס זאל קאנטראלירען דעם גאנצען שטאט. די מאטיווען פון אט דער ענדערונג זענען גאנץ פשוט'ע און איינפאכע. די דיקטאטור אין פוילען — דארף מען וויסען, האלט זיך אויף דער פערזאן פון פילסודסקי: אויף זיין מאראלישער מאכט, פון זיין פערזענליכקייט און פרעסטיזש. פילסודסקי איז דער סימבאל, דער אידאל פון פוילען, א לעגענדארישע בילד, א העלד, אונטער וועמען עס שטעהט דאס גאנצע מיליטער. דער אלטער פעלדמארשאל איז אבער שוין אויף דער עלטער, און דערצו שוין א קראנקער מענש. קיין שטעל-פארטרעטער, א מענש, וועלכער זאל רעספעקטירט ווערען, ווי פילסודסקי, איז דערוויילע נאך ניטא. ווער זשע וועט זיין דער פיהרער

נאך איהם ? די אינערליכע און אויסערליכע לאגע אין פוילען איז אומזיכער און כאאטיש. דער עקאנאמישער קריזיס איז זעהר גרויס, פוילען ווערט צוקוועטשט צווישען איהרע ארומיגע שונאים, מערסטענס שרעקט זי זיך פאר דייטשלאנד, וועלכע וויל פון איהר אפשניידען די בעסטע שטיקער טעריטאריע... און אט די אלע אורזא־כען האבען געבראכט דערצו, אז פוילען זאל נאך מעהרער פארשטארקען די דיקטאטור.

מיר מוזען אבער אויך דא אויפמערקזאם מאכען, אז ווען ניט פילסודסקי, וואלט אפשר אין פוילען היינט צו טאג געהערשט נאך א גרעסערע רעאקציע. די ענדעקעס וואלטען געווארען די רעגירער איבער פוילען. פוילען וואלט זיך אומגע־קערט צו דעם אלטען פעאדאלען סיסטעם. די פריצים וואלטען געהאט די גאנצע מאכט, און ווי טרויעריג וואלט דאן געווען די לאגע אין פוילען...

פאר אידען איז עס געווים א חסד, וואס באטש פילסודסקי, א מענש מיט רעוואלוציאנערער פארגאנגענהייט, און ניט קיין עפענטליכער ענדעקישער אנטי־סעמיט, איז דער דיקטאטאר איבער פוילען. אין פוילען איז דער אנטיסעמיטיזם שוין אן אלטע זאך. פאגראמען פון צווישעטע סטודענטען, כוליגאנישע אנפאלען אויף אידען איז שוין א "וואכענגאנג". מען איז שוין צוגעוואוינט צו אזעלכעס. עס איז שוין געווארען א רגילות, און מעהר וואונדער וואלט שוין געווען, ווען אזעל־כעס פאסירט שוין מעהר ניט. די ווילדע בארבארישע מעשים אין דייטשלאנד האָ־בען אבער נאך מעהר ערמוטיגט און געשטארקט די אנטיסעמיטען אין פוילען. די אקאדעמישע יוגענט, די אינטעליגענץ האלט אין איין העצען געגען אידען. מען באיקאטירט דעם איד ווי וויוט מעגליך. די גייסטיגע פיהרער פון דעם אנטיסעמיטיזם אין דער פוילישער געזעלשאפט שרייען שוין עפענטליך אין פוילישען סיים (פאר־לאמענט), אז פוילען איז פארפלייצט מיט אידען. די אידען האבען פארכאפט די ווירטשאפט, די ארבייט א. ד. גל. מעגליך, אז אויך די סאנאציע, (פילסודסקי פארטיי) וואלט איינגעשטימט מיט זיי אויף אזעלכע קאמפראמיסען פון ערלויבען פאגראמען אויף אידען, ווי אין יענע נאך מלחמה'דיגע דמאווסקי־טעג ווען ניט יאזעף פילסודסקי, וועלכער שטעהט אין דער שפיצע פון דער רעגיערונג, און וויל ניט ער־לויבען אזעלכעס זאל פאסירען אונטער זיין רעזשים.

* * *

פון וואנען האט זיך גענומען דער פוילישער פאשיזם ? וואס זענען די אורזא־כען, וואס האבען געפיהרט צו דער רעאקציע ? און אויף וועלכען באדען האט זיך דער פאשיזם אזוי פארפעסטיגט ?....

כדי מיר זאלען זיך גוט אריענטירען וועגען אט די אלע פראגען, מוזען מיר זיך אביסעל בעסער צוקוקען צו דעם בוי פון דער פוילישער מלוכה, און געזעלשאפט בכלל; צו דעם פוילען, פון פאר דעם קריעג און נאך דעם קריעג.

די זעהר גרויסע אנטוויקלונג און שנעלער וואוקס פון פרייסען און רוסלאנד האט געפיהרט צום אונטערגאנג פונ'ם אמאליגען זיד־מזרח אייראפייאישען פוילען,

וואָס האָט פאַרנומען אַ שטח פון באַלטישען ביז דעם שוואַרצען ים. מעהר ווי הונדערט יאָהר איז פּוילען געווען צוטיילט צווישען די רוסען, וועלכע האָבען צוגענומען דעם גרעסטען טייל פון פּוילען; פּרייסען, דעם מערב זייט; און עסטרייך, דעם גאַליציאַנער געגענט.

פּוילען איז צוטיילט אין פיר טיילען: 1) דער דרום־זייט ביי די קאַרפּאַטען־בערג וואָס איז באַוואַקסען מיט געדיכטע גרויסע וועלדער. 2) די טאָלען, ארום יענע גרויסע קארפּאטען בערג, פון וועלכע עס פאַלען און ציהען זיך ארויס די גרויסע טייכען, די ווייכסעל און דער דניעסטער. דער דאָזיגער געגענט איז מערסטענס פאַרפּלייצט, אין פריהלינג פון די צוגאַנגענע און צולאָזענע שנייען פון די בערג, און אין זומער, פון די רעגענס. אין דעם דאָזיגען געגענט געפינט זיך, חוץ אַנדערע געוועהנליכע פּראָדוקטען, אויך אַ מינעראלען רייכטום, פון גרויסע קוילען־פעלדער. אין דער באַסין פון דער אויבער־ווייכסעל, צווישען קראקוי און טארנא, געפינען זיך די גרויסע זאַלץ־מינען. ביי דער זיד־אָסט, ניט ווייט פון'ם דניעסטער, געפינט זיך די אויל־גרובען. מעטאַל אינדוסטריעס זענען אממייסטענס אַנטוויקעלט געוואָרען אין אויבער־שלעזיע. 3) צענטראל פּוילען פאַרמאָגט די איינפאַכע אגריקולטורעלע פּראָדוקטען, מעהרסטענטייל פון קאָרן, ווייץ א. א. וו. און אויך די גרעסטע טעקסטיל אינדוסטריעס, וואָס געפינען זיך אין לאָדז און אין דער לאדזשער אומגעגענט. 4) דער ווייכסעל "קארידאָר", דער וועג און צופיהר צום באַלטישען ים, איז נויטיג פאַר פּוילען, פאַר איהר אימפּאָרט און עקספּאָרט, און בכלל פאַר אינטערנאַציאָנאלע פאַרקערונג.

אָט די אלע פיר טיילען זענען ענג פאַרבונדען צווישען זיך. איינס איז אָפּהענגיג אינ'ם צווייטען. אַ דאַנק דעם, וואָס יעדע טעריטאָריע ברייגנט ספּעציפישע נוצען, און דאדורך, ווען עס האָט זיך נאָר גערעדט וועגען דער באפרייאונג פון פּוילען ביי יעדער געלעגענהייט, ווען די פראַגע איז פאָרגעבראַכט געוואָרען וועגען פּוילענ'ס זעלבסטשטענדיגקייט, האָט עס געמיינט גלייכצייטיג, די פאראייניגונג פון אַלע פּוילישע געגענטען. אלע טיילען זאָלען ווערען קאָנצענטרירט און צוזאַמענגעבונדען אין איין־איינציגער מדינה.

דורך דער צייט, וואָס פּוילען איז געווען צוטיילט אונטער פרעמדע מלוכות, אינ'ם גאַנצען 18־טען יאָהרהונדערט, האָבען די פּאָליאַקען געמאַכט איינִיגע פאַרזוכען צו געווינען איהר זעלבסטשטענדיגקייט. אין יאָהר 1830, האָט טאדעאוש קאשטשושקא רעוואָלטירט אין וויעלקא־פּאָלסקא (גרוים פּוילען), געגען דער צאַריסטישער הערשאַפט. ער איז אָבער דורכגעפאַלען מיט דער גרעסטער נידערלאגע. און נאַכהער איז פאָרגעקומען דער גרויסער העלדישער קאמף אין יאָהר 1863, וואָס האָט שוין געבראַכט פיעל־וויינִיגע רעזולטאַטען. *) רוסלאנד איז ניט געלונגען צו רוסי־

*) מיט דעם לעצטען הערואָישען קאמף איז ענג פאַרבונדען דער נאָמען פון אדאם מיצקעוויטש, פּוילענ'ס גרעסטער פּאָעט, דער ספּירִיטואלער קעניג פון דעם מאָדערנעם פּוילען, וועלכער איז נאַכהער פאַרשיקט געוואָרען אין געפענגניש פאר זיין קאמף, פאר דער באפרייאונג פון פּוילען. — נ. ש.

פּיצירען גרויס־פּוילען, ווי דייטשלאַנד און עסטרייך האָבען געטאָן. זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט אויסוואָרצלען דעם פּוילישען פּאַטריאָטיזם. דער פּאַטריאָטישער סלאָגאַן פון יאַן סאָביעסקי (1674 - 1696) "לאָזט א פּאָליאַק רעגירען איבער פּוילען", האָט טיעף געווירקט אויף דער פּוילישער נשמה. זיי האָבען שטענדיג געגלויבט אין יאָזעף וויביצקי'ס לידעל "יעשטשע פּאָלסקא ניע זגינעלא"... *) און דורך דער גאַנצער צייט, געקעמפּט פאַר זייער עמאַנציפּאַציע, און זעלבסט־שטענדיגקייט.

זינט 1863 איז דער קאַמף פאַר אינדעפּענדענץ געוואָרען אַן אַקאַדעמישע אַספּיראַציע. אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער, מעכטיגער און גרעסער. נאָך פינף יאָהר פאַר דער וועלט־מלחמה האָט דער ענדעקישער פיהרער, ר. דמאָווסקי, געשריבען פאָלגענדעס: "די פּעריאָדע פון אינסורעקציע (געגנערשאַפט צו דער רוסישער רעגיערונג), די פּעריאָדע פון קאַמף פאַר אינדעפּענדענץ איז פאַרענדיגט. די פּוילישע פראַגע איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע פראַגע, וואָס האָט פאַר איהר אָביעקט די רע־קאָנסטיטוציע פון א פּוילישען שטאַט, ניט נאָר פאַר די פּוילישע מאַסען. **)

אין דער צייט ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין 1905, און די אייזערנע צאַריסטישע רעגיערונג איז אביסעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען, אין פּוילען ווי אין רוסלאַנד, איז געבוירען געוואָרען צוויי פּוילישע פּאָליטישע פּאַרטייען, פון צוויי עקסטרעמען.

די דאָזיגע פּאַרטייען, אָבוואָהל אידעאָלאָגיש זענען זיי ווייט געווען איינע פון דער צווייטער, אין דער צייט, ווען די ערשטע איז געווען א ריינע ארבייטער פּאַרטיי, איז די צווייטע געווען א ריין בורזשואזע פּאַרטיי, האָבען זיי דאָך געשטימט אין זייער קאַמף פאַר פּוילען'ס באַפרייאונג, און אין קאַמף געגען דעם צאַריזם.

מיט דער אנטשטעהונג פון אָט די צוויי פּאַרטייען, זענען צוויי מענשען, וועלכע זענען געשטאַנען אין דער שפּיצע פון אָט די באַוועגונגען, באַריהמט געוואָרען אין פּוילען. זיי זענען די פּאָפּולערע פּערזענליכקייטען: יאָזעף פּילסודסקי, איצט דיקטאַטאָר, דער הויפּט פון די אַמאָליגע רעוואָלוציאָנערען, און ראָמאַן דמוואָסקי, דער פיהרער פון די נאַציאָנאַל - דעמאָקראַטען, וועלכער האָט פאַרטראָטען פּוילען אין דער רוסישער דומא.

ביז'ן יאָהר 1905, האָבען פּוילישע סאָציאַליסטען קאָאָפּערירט מיט די רוסישע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען געקעמפּט פאַר דעם דעמאָקראַטישען סאָציאַליזם. פּילסודסקי האָט פאָרמירט א לינקערע גרופּע סאָציאַליסטען, וואָס זאָל טראָגען א נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. דאָס איז געווען די נייע "פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי" (פּ. פּ. ס.) ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט די אידעע פון א נאַציאָנאַלען קאַמף געגען רוסלאַנד און געגען קאַפּיטאַליזם. די נייע אָרגאַניזאַציע האָט אפילו באַלד פּראָקלאַמירט א גענעראַל סטרייק און אָנגעשטריינגט אַלע כוחות צו געווינען דאָס פּויערטום פאַר

*) פּוילען איז נאָך ניט פאַרלוירען

) Roman Dmowski, La Question **Polonaise, Paris 1909.

זייער באַוועגונג די דאָזיגע פּאַרזוכען זענען זיי ניט געלונגען. זיי זענען דורכגע־פאַלען מיט דעם סטרייק צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען ניט געהאַט גענוג פאָנדען צו קענען אָנהאַלטען אַ גענעראַל סטרייק, און אויך דעם פּויערטום האָבען זיי לכתחילה ניט געקענט באַאיינפלוסען. די צוריקגעשטאַנענע פּויערים האָבען זיך דערשראָקען פאַר אָט די רעוואָלוציאָנערען.

די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (ענדעקעס) — אַ בורזשואַזע פּאַרטיי מיט אַנטיסעמיטישע אידעען, האָט באַלד פאַרנומען דעם דאָמינירענדען פּלאַץ. זיי האָבען זיך פאַראייניגט מיט אַן אַנדער בורזשואַזער גרופּע, רעאַליסטען, וועלכע האָבען רעפּרעזענטירט די גרויסע ערד־באַזיצער, די פּריצים און די שטאָדט קאַפּי־טאַליסטען, וועמעס פּראָגראַם איז געווען, צו פאַרלאַנגען פון רוסלאַנד אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמישע רעכט, און צו האַסען דעם איד. זיי איז געלונגען צו געווינען אַ פּריי פעלד אין דעם פּאַראַליזירטען רוסלאַנד. אין די וואַהלען צו דער ערשטער דומא, האָבען זיי געוואונען אַלע פּלעצער. קיין איינער פון די פּוילישע סאָציאַליס־טען האָט ניט פאַרנומען קיין פּלאַץ. ראָמאַן דמאָווסקי, זייער פיהרער, האָט זיך דאַן באַוויזען אַלס אַנטי־דייטשלאַנד און פּראָ־רוסלאַנד. דער דאָזיגער אָפּאָרטוניסט האָט זיך גאָרניט געשעהמט צו זיין איין טאָג פאַר רוסלאַנד, פאַר פראַנקרייך געגען דייטשלאַנד, און אויף דעם צווייטען טאָג, פּונקט פאַרקערט. קיין זאַך האָט איהם ניט געשטערט, פון אויסצופיהרען זיינע פּלענער.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען מיט דעם רעוואָלוציאָנערען פּילסודסקי, וועמען די רוסישע רעגירונג האָט דעפּאָרטירט פון פּוילען, דערוויסענדיג זיך פון זיינע פּלענער צו אָרגאַניזירען אין גרויס פּוילען אַ לעגיאָנען אָפּטיילונג, צו־צוגרייטען דעם אויפשטאַנד געגען דעם צאַריסטישען רוסלאַנד.

פּילסודסקי, זעהענדיג, אַז אין דעם רוסישען פּוילען קען ער גאָרניט אויפטאָן. די פּאָליאַקען האָבען זינט דעם לעצטען אויפשטאַנד, אין 1863, פאַרלוירען די אידעע פון באַנוצען מיליטערישע אַקציע, זיי האָבען אָנגעהויבען באַנוצען שלום׳דיגע מעטאָדען, און ממילא האָבען פּילסודסקי׳ס רעוואָלוציאָנערע אויפמינטערונג, גאָר־ניט געווירקט אויף זיי.

איז פּילסודסקי אַריבער קיין גאַליציע צום עסטרייכישען טייל פון פּוילען, אפשר וועט ער דאָרטען עפּעס אויפטאָן, צו אָרגאַניזירען אַ געוויסע יוגענט־אַרמיי, וואָס זאָל קעמפען פאַר דער באַפרייאונג און פאַראייניגונג פון פּוילען. פאַר דעם קריעג אָבער, האָט ער גאָרנישט געקענט געפינען, קיין שטיצע פאַר זיין פּראָיעקט. זיין פּראָפּאַגאַנדע פון שאַפען סעקרעטנע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, האָט קוים געפונען אַן עכאָ ביי דער גאַליציאַנער־פּוילישער יוגענט. די עסטרייכישע רעגיע־רונג האָט ערלויבט אַזעלכע מיליטערישע איבונגען אין די לעצטע יאָהרען פון פאַר דעם קריעג, מיינענדיג, זיי אויסצונוצען אין וועלכער עס איז מלחמה מיט רוסלאַנד. די פיהרער פון די דאָזיגע מיליטערישע אָפּטיילונגען האָבען מעהרסטענס אַגיטירט געגען רוסלאַנד, די שטאַרקסטע און דעספּאָטישע מאַכט אין פּוילען, פאַרגעסענדיג

דערביי, אז אויך עסטרייך איז א גאנץ שטאַרקע אימפּעריע, און וועט אויך ניט וועלען באַפרייען פּוילען.

ווען די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכען, איז ביי יעדען פּאָליאַק קלאָהר געווען, אז עס איז געקומען די היסטאָרישע געלעגענהייט, וואָס זאָל דינען די פּוילישע אינטערעסען: דער פּוילישער פּראָבלעם, וועט געווים קאַפּויר שווימען ביי דער שלום־קאָנפערענץ, גלייך ווי ער איז ארויפגעשוואומען מיט הונדערט יאָהר צוריק, ביים קאָנגרעס אין וויען. עס איז געווען קלאָהר, אז די שטימע פון פּוילען וועט מוזען געהערט ווערען, אז די פּוילישע נאַציע וועט ערשיינען אויף דער סצענע פון אינטערנאַציאָנאַלען קאַמף, און אז איהרע טענות וועלען געהערט ווערען, און ברייננגען די געהעריגע רעזולטאַטען.

פּוילען האָט זיך אָבער דאַן געפונען אין א זעהר שווערער פּאַרלעגענהייט. איהרעביידע היסטאָרישע שונאים — דייטשלאַנד און רוסלאַנד, זענען ארוים אין קריעג איינער געגען צווייטען. אויף וועלכער זייט זאָל זיך אָבער פּוילען שטעלען? פראַנקרייך און גרויס־בריטאַניע האָבען זיך געשטעלט אויף דער רוסישער זייט. פראַנקרייך, וואָס איז שטענדיג געווען די ארויסהעלפערין, די הויפּט פּאַרטיידי־גערין פון פּוילען אין'ם ערשטען העלפט פון דעם ניינצענטען יאָהרהונדערט, איז דאָך אָבער אין די לעצטע צייטען געוואָרען פּאַראייניגט מיט'ן צאַריסטישען רוסלאַנד, און ממילא וואָלט דאָך ניט פראַנקרייך, און אודאי ניט ענגלאַנד, אין דעם מאָמענט, ווען רוסלאַנד העלפט זיי אין זייער קאַמף געגען דייטשלאַנד — זיך אָנגענומען פאַר פּוילען צו פאָדערען איהר באַפרייאונג, אין דער צייט, ווען דריי פינפטלען באַ־לאַנגען צו רוסלאַנד. *)

די מלחמה האָט אָבער גלייכצייטיג געגעבען פּילסודסקי'ן די געלעגענהייט צו אָרגאַניזירען גרויסע מיליטערישע לעגיאָנען, וועלכע זאָלען זיין גרייט איבערצו־נעהמען די מאַכט פון די דריי אונטערדריקער און אוזורפּאַטאָרען. דאַן איז געווען די גינסטיגע צייט, אז פּילסודסקי זאָל ווערען דער העלד פון גאַנץ פּוילען, ניט נאָר פון א גרופּע סאָציאַליסטען און ראַדיקאַלען.

באַלד, אין דעם ערשטען מאָמענט פון דער מלחמה, איז פאַררופען געוואָרען א קאָנפערענץ אין וויען, אויף וועלכער אַלע פּאַרטייען פון פּוילען זענען געווען פאַר־טראָטען. עס איז געגרינדעט געוואָרען א "הויך נאַציאָנאַלער קאָמיטעט" פון אַלע פּוילישע פּאַרטייען, וואָס זאָל זיך שטעלען אין דינסט פאַר פּוילען'ס באַפרייאונג. פּילסודסקי האָט אָרגאַניזירט דעם צענטראַלען ראַט און אָנגעהויבען צו ווערען אַקטיוו מיט מאָביליזאַציע און צוגרייטונג פאַר דעם פּוילישען מיליטער, זיי זאָלען זיין געגוג שטאַרק איבערצונעהמען פּוילען ווען די צייט וועט נאָר גינסטיג זיין.

די עסטרייכישע רעגיערונג האָט איהם געהאָלפען און איהם געמאַכט פאַר דעם גענעראַל פון דער פּוילישער ארמיי, וואָס האָט זיך אין אָנפאַנגס, אין די ער־שטע צוויי יאָהר, געדאַרפט זיך שלאָגען מיט זייערע ברידער פון קאָנגרעס פּוילען.

*) זעה: Roman Dyboski, Outline of Polish History, London 1925, p. 254

עס איז געווען דער טראגישסטער מאמענט אין דער פוילישער געשיכטע, וואס איין ברודער האט געשלאגען דעם צווייטען, א דאנק די פרעמדע מעכטע.

צי פוילען האט בכלל פראפיטירט פון אט דעם פילסודסקי'ס אויפטו פון ארבייטען צוזאמען מיט עסטרייך, איז ניט דא דער פלאץ צו רעדען וועגען דעם. ווי מיר ווייסען, האבען זיך די פאליאקען פיעל בעסערס זיך פארגעשטעלט, ווי עסטרייך האט געהאנדעלט געגען זיי אין דער צייט פון קריעג.

געוגוג צו דערמאנען דאס אין 1916, ווען די רוסען זענען באזיעגט געווארען אין פוילען. די דייטשען און עסטרייכער האבען פארכאפט ווארשא, לאדז און צענטראל פוילען. דער פוילישער פראבלעם איז א אריין אין א נייער פאזע, צוריק פאראייניגט געווארען אונטער די צענטראלע אימפעריעס, וועלכע האבען גאנץ גוט פארשטאנען, אז עס מוז עפעס געטאן ווערען פאר פוילען. דאן איז פראקלאמירט געווארען דער "צוויי־קייזער מאניפעסט", פון ווילהעלם דעם צווייטען און פראנץ יוזעף (פראקלאמירט געווארען דעם 5־טען נאוועמבער, 1916), וואס האט ערקלערט פוילען אלס א זעלבסטשטענדיג לאנד. דער דאזיגער מאניפעסט האט אבער ווייטער צוטיילט פוילען, דערקלעהרענדיג, אז דאס איז נאר געזאגט געווארען בנוגע גרויס־פוילען, גאליציע און אויבערשלעזיע — דייטשע פוילען איז אויף ווייטער געבליבען אויף די זעלבע באדינגונגען ווי פריהער, צו זיין אפהענגיג אין עסטרייך־דייטשלאנד, און אפילו גרויס־פוילען איז נאך אויך געשטאנען אונטער זייער קאנטראל.

די איינציגע ווערטפולע זאך, וואס פוילען האט געהאט צו פארצייכענען, איז געווען אט דאס, וואס פילסודסקי איז געווארען דער קריעגס מיניסטער. אזוי ארום האט ער געהאט א געלעגענהייט צו פארוואנדלען די פוילישע ארמיי אין א שטריינג ארגאניזירטע נאציאנאלע ארמיי, וואס האט איהם פיעל געהאלפען אין זיין מלחמה מיט די באלשעוויקעס. אין די מלחמה יאהרען האבען פילסודסקי, קארפאנטי א. א. אינערליך ארגאניזירט די פוילישע נאציע; דמאווסקי איז ארומגעפאהרען צווישען די מערב־אייראפייאישע מלוכות, פראפאגאנדירען וועגען דער באפרייאונג פון פוילען. דמאווסקי האט אפילו גע'חלומ'ט פון צוזאמענשטעלען א גאנצע פוילישע אימפעריע, אריינגעהמענדיג ליטא, ווייס־רוסלאנד און אוקראינע... און פאדערעווסקי, דער קינסטלער אין מוזיק, איז געווארען א פאליטיקער, און געווירקט אויף פרעזידענט ווילסאן, ער זאל פאדערען די באפרייאונג און גלייכבארעכטיגונג פון פוילען

ווען די רעוואלוציע האט אויסגעבראכען אין רוסלאנד האט די קערענסקי רעגירונג, אין א רעקרעט דעם 30־טען מערץ, 1917 אנערקענט געוויסע אונאפהענגיגקייטען פון פוילען, אונטער געוויסע באדינגונגען, וואס זאל פארבינדען פוילען מיט רוסלאנד, אויף וועלכע פוילישע פיהרער האבען מסכים געווען. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל, וואס דער מארגענשטערען האט אנגעהויבען שיינען איבער דעם פוילישען האריזאנט, נאך א פינסטערניש פון אריבער הונדערט יאהר.

נאַכהער, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, איז פּוילענ׳ס האָפנונג פאַרשטאַרקט און מעהר געזיכערט געוואָרען. די גאַנצע בורזשואַזיע האָט זיך דערשראָקען פאַר אָט דעם נייעם רעזשים, מורא׳האָבענדיג, אז זיי זאָלען ניט זיגען איבעראַל, און אומעטום אריינדרינגען. זיי אַלע האָבען קודם־כל געפּאָדערט די באפרייאונג פון פּוילען, כדי צו פארקלענערען די באָלשעוויסטישע מאַכט. זיי האָבען גענומען צואיילען אָט די זעלבסטשטענדיגקייט פון פּוילען. פּרעזידענט ווילסאָן האָט אין זיינע פּונקטען, פּאַרלאַנגט די באפרייאונג פון פּוילען. דאָס זעלבע האָבען נאָכגעטאָן די איבריגע מלוכות, וועלכע האָבען געוואָלט רואינירען דעם סאָוועטען פארבאַנד, אזוי גוט ווי זיי האָבען געוואָלט איינהאַלטען דייטשלאַנד׳ס "דראַנג נאָך אָסטען". *)

אין יאָהר 1918 האָט פּוילען פּראָמירט איהר אייגענע זעלבסטשטענדיגע רעגיערונג, אָבוואָהל פּוילען איז נאָך ניט געווען פאַראייניגט. אין 1919 איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די פּוילישע רעפּובליק, וואָס איז גוטגעהייסען געוואָרען פון אַלע פעלקער. און אין דעם ערשטען קאַבינעט, טראָץ דעם, וואָס פּאַדערעווסקי און דמאָווסקי, די קאָנסערוואַטאָרען, האָבען געשפּילט א גוואַלדיגע ראָלע, איז דאָך פּילסודסקי געווען דער הויפּט אָנפיהרער, און דאדורך האָט די ערשטע רעגיערונג אויסגעזעהן ווי א ראַדיקאַלע.

באַלד אָבער, נאָך דער פּראָקלאַמאַציע פון דער פּוילישער רעפּובליק, איז אנטשטאַנען גוואַלדיגע שוועריגקייטען אין איהר באפרייאונג. דאָס ערגסטע איז געווען מיט באשטימען איהרע גרעניצען. פּוילען האָט, ווי ווייט מעגליך, געוואָלט פּאַרגרעסערען איהרע גרעניצען. די ארומיגע שכנים, ליטע און אוקראַינע, האָבען געקעמפּט געגען דעם, און ניט געלאָזט אוועקרייבען פון זיך זייער טעריטאָריע. פּוילען האָט געקעמפּט געגען די טשעכען פאַר די קוילען־מינען, און מיט דייטשלאַנד און עסטרייך, וועלכע מען האָט געמוזט צווינגען נאָכצוגעבען די פּאָדערונגען.

דעם גרעסטען שונא האָבען זיי געזעהן אין דעם סאָוועטען פאַרבאַנד. אויב מיט אַנדערע האָט פּוילען געקענט אויסקומען מיט פּאַרהאַנדלונגען און אויסגלייכונגען מצד די "עליים", איז גאַנץ אַנדערש געווען מיט די באָלשעוויקעס. די באָלשעוויקעס האָבען געפּרואווט אָנגרייפען פּוילען, און פּילסודסקי האָט אָנגעהויבען זיין מאַרש אויף קיעוו (1919—1920). די באַפעלקערונג האָט זיך דאַן געפונען אונטער די שרעקליכסטע באַדינגונגען. דאָס גאַנצע לאַנד איז רואינירט געוואָרען.

*) זשאָרזש קלעמאַנסאָ האָט אין יאָהר 1920 זיך אָפען מודה געווען אין דעם, אז זיי האָבען געשאַפען פּוילען כדי צו פאַרקלענערען, די סאָוועטישע מאַכט. אז די פּוילישע מלוכה וועט זיין די שטעכיגע דראָט וואַנט, וועלכע וועט אָפּצוימען דעם וועג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס איז געווען די אמת׳ע כוונה פון דער בורזשואַזיע אין איהר באַציהונג צו דער ניי־געגרינדעטער פּוילישער מלוכה. פאַר די טובות וואָס זיי האָבען געטאָן דעם פּוילישען פאָלק, האָבען זיי פאַרלאַנגט, אז די פּוילישע פאָלקס־מאַסען זאָלען אָפּגעבען מיט בלוט, און קעמפען געגען די באָלשעוויקעס.

פארשיידענע קראנקהייטען האבען זיך פארשפרייט. די ליידען פון פוילישען פאלק זענען געווען שרעקליך.

פוילען האט זיך דאן גענוג פארשולדיגט מיט קאלאסאלע מלוכה חובות, פון וועלכע פוילען קען נאך אלץ ניט פטור ווערען. די זיגרייכע קאאליציע האט איהר איינגעשלייערט מאסען פון די שוין איבערגעבליבענע, ניט נויטיגע, און נים טויג־בארע אמוניציע און קריגס־מכשירים, פארוואס מען האט גערעכענט גאנץ הויכע פרייזען.

עס דארף דא אויך באטאנט ווערען, אז די ראלע פונ׳ם שטעביגען דראט האבען די הערשענדע קלאסען פון פוילען גאנץ ערנסט גענומען אויף זיך, נים אזוי צוליעב זייער אפהענגיגקייט פון דער קאאליציע, ווי צוליעב זייערע אייגענע אינ־טערעסען: די אייגענע פריצים, רייכע סוחרים און קאפיטאליסטען האבען איבער־גענומען די ממשלה איבער דעם באנייטען אויפגעשטאנענעם פוילען, מים דעם צוועק צו פארפעסטיגען זייערע סאציאלע פאזיציעס דורך דער פאליטישער מאכט, וואס איז זיי אזוי אומגעריכטערהייט אריינגעפאלען אין די הענט.

די דאזיגע אויפגאבע איז אבער לכתחילה ניט געווען קיין לייכטע: מען דארף דאך וויסען, אז די אויפגעלעבטע פוילען, וואס איז אויפגעשטאנען תחית המתים א דאנק די רעוואלוציעס, אין דער צייט, ווען די ברייטסטע פאלקס־מאסען, אין די שכנות׳דיגע לענדער, ווי רוסלאנד, דייטשלאנד און עסטרייך, האבען גע־שטורעמט און צושמעטערט די אלע רעאקציע, איז גאר ניט געווען אזוי לייכט צו באשאפען אין פוילען א שפאגעל נייע מלוכה, וועמעס סאציאלער אינהאלט זאל טראגען אן אויסגעשפראכענעם רעאקציאנער־פעאדאלען כאראקטער. די פוילישע רעאקציע האט דאריבער אנגעווענדעט די באקאנטע מעטאדע פון א לעקעכעל מיט א בייטש; די דעמאקראטישע קאנסטיטוציע האט געשפילט די ראלע פון א לעקעכעל, וואס זאל בארוהיגען די מאסען, אבער הינטער דער דעמאקראטיע האט מען באלד געשאפען א מיליטערישע מלוכה, וואס זאל צונעהמען דאס ביסעלע פרייהייט, וואס איז אין אנפאנגס געגעבען געווארען. און ווי מען האט פאראויס געקענט זעהן, זאל אין גיכען אין פוילען געשאפען ווערען א דיקטאטארישע מלוכה, וואס זאל צור־נעהמען די רעשטלאך פון דער דעמאקראטיע. אזוי ארום איז פוילען פון דער ערשטער מינוט אן געווען א פאליצייאישע מלוכה. *)

נאך דער רוסישער רעוואלוציע, ווען אין רוסלאנד זענען פארגעקומען די גרויסע אגראר־רעפארם, דאס פאנאנדערטיילונג פון דער פריצישער ערד, צווישען די פויערים, האבען אלע פויערים פון די לענדער, וואס האבען פריהער באלאנגט צו רוסלאנד, פארלאנגט די זעלבע רעפארמען אין לאטוויע, עסטאניע און ליטע, האט די מלוכה זיך געאיילט דורכצופיהרען די אגראר־רעפארם ביי זיך, ווייל זיי האבען אין דעם געזעהן א מיטעל ווי אזוי צו פארפעסטיגען זייער נאציאנאל־מלוכה׳שע

*) זעה א פוילישער (ישראל ליכטענשטיין) וואס לערנען אונז די פאגראמען אין פוילען? "צוקונפט", מערץ, 1933. ז. ז. 137 - 138.

זעלבסטשטענדיגקייט — די פּריצים זענען ס'רוב געווען פרעמדע: דייטשע באַראָנען, אָדער רוסישע גענעראַלען.

פּוילען האָט אויך צוגעזאָגט אין איהר קאָנסטיטוציע, אזא רעפאָרמע, אָבער געבליבען ביים צוזאָג. ווארים אין פּוילען, איז אויף געוויסע גרויסע שטחים, דאָס פארהעלטניש א פארקערטע: די פּריצים זענען די "פּאָליאַקען" און די פּויערים — אוקראַינער און ווייס־רוסען. אויף אַזאַ אופן איז דער נאַציאָנאַלער אינטערעס צו־זאַמענגעפאַלען מיט דעם פּריצישען קלאַסען אינטערעס. אזוי ווי מען האָט ניט געקענט אָפּשוואַכען, חלילה, די "פּוילישקייט" פון דער ערד, אָפּנעמענדיג ביי די "אייגענע" פּריצים, און עס אוועקשיינקען צו "פרעמדע", האָט מען שוין בכלל די אגראַר רעפאָרם באַגראָבען, אפילו אויף די געביטען, וועלכע זענען עטנאָגראַפיש ריין פּוילישע.

א דאַנק דעם דאָזיגען אומשטאַנד געפינען זיך, אין פּוילען מיליאָנען ערד־לאָזע פּויערים, בעת ווען פּוילען פארמאָגט אויך א מעכטיגען, כאָטש צאָלמעסיג קליינעם קלאַס פּריצים, וואָס יעדער איינער פון זיי פארמאָגט צענדליגע טויזענטער מאָרגעס לאַנד. פאר דעם קריעג, האָט זיך דאָס רוסיש־פּוילישע פּויערטום גע־רעכענט 57.6 פּראָצענט. היינט צעהלט זיך שוין די דאָרפישע באַפעלקערונג 65 פּראָצענט און ממילא איז די אָרימקייט פונ'ם פּויער דער מקור פון דלות, פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, פון דעם מיטעל־קלאַס, און פון דעם ארבייטער. אָט די פארהעלטנישען פון דער פּוילישער קריטישער סיטואַציע און געגענזאַץ צווישען די פּריצים און פּויערטום, האָט געבראַכט דעם פּאַשיזם, וואָס איז געקומען אלס אויס־דרוק פון די אינערליכע און אויסערליכע געגענזאַצען, ווי מיר וועלען עס ברייטער ארומרעדען.

עס זענען געקומען די שרעקליכע אינפלאַציע יאָהרען פון 1924—1925 און אין אָנהויב 1926, ווען מענשען האָבען פארלוירען זייער גאַנץ פארמעגען. אין לאַנד האָט געהערשט א כאָאָס, אָן א קאָנטראָל... פונ'ם 25־טען יולי ביז'ן 31־טען דעצ. 1925, אין בלויז פינף מאָנאַטען, איז די זלאָטע ארונטערגעפאַלען אויף 64.4% פון איהר דורכשניטליכען ווערט. (דעם 16־טען דעצעמבער האָט מען געצאָהלט 10.50 זלאָטעס פאר א דאָלאַר). אין יאַנואַר, 1926, איז די וואַליוטע פון דער זלאָטע שוין געווען פיעל שעהנער (7.10 פאר א דאָלאַר) אונטער וויטוסע'ס שווארצע גיעלדע, איז אָבער די זלאָטע נאָך מעהר געפאַלען אויף 11 זלאָטעס פאר 1 דאָלאַר. מענשען האָבען פארלוירען זייער גאַנצע ווירטשאַפט. גאַנץ פּוילען האָט זיך געטרייסעלט. יעדער איינער האָט געוואָלט די סטאַביליזאַציע פון דער זלאָטע.

אין יענע אינפלאַציע יאָהרען איז אויך געווען די גרויסע דעפיציטען אין די רעגיערונגס בודזשעטען. די גראַבסקי־רעגיערונג האָט פאראָרימט די באַפעלקערונג מיט שטייערן אויסערגעוועהנליכע הויכע שטייערן, און דאָך האָט ער ניט געקענט אויסגלייכען זיין בודזשעט א דאַנק זיינע גרויסע אוננוצבאַרע אויסגאַבען. אָט, למשל, אין יאָהר 1925 האָט ער אויסגעגעבען בלויז אויף מיליטער 689.0 מיליאָן

זלאָטעס, פון וועלכע דער פינאַנץ־מיניסטער נאָך איהם, יערזשים דזשעכאָווסקי, האָט געמאַכט א רעדוקציע אויף 554.1 מילינן זלאָטעס (ווייניגער מיט 134.9 מיליאָן זלאָטעס).

אָט די דאָזיגע הו־הא יאָהרען האָבען געשאַפען דעם באָדען פאַר דעם פאשיזם. די טענדענץ פון דער מאי־איבערקעהרעניש. דאָס גאַנצע פאָלק האָט געוואָלט א פיהרער, א מייסטער, וועלכער זאָל קאָנטראָלירען דאָס גאַנצע לאַנד.

אונטער מאַרשאַל פּילסודסקי, און זיין סאַנאַציע רעזשים, איז פריהער פאַר אַלץ איינגעפיהרט געוואָרען די סטאַביליזאַציע פון דער זלאָטע (9 זלאָטעס פאַר 1 דאָלאַר). די קאַניוקטור פון קוילען, תבואה און אַנדערע פּראָדוקטען, איז געשטעלט געוואָרען אויף א בעסערען באַזיס. די רעגיערונגס באַנקען זענען געשטעלט געוואָרען אונטער דער שטרייננגער רעגיערונגס־קאָנטראָל. נאָך דער מאַי־איבערקערעניש (1926), האָט פּוילען שוין געקראָגען גרויסע הלואות פון פּריוואַטע און רעגיערונגס באַנקען. אונטער פּילסודסקי'ס רעזשים איז ניט נאָר דער בודזשעט אויסגעגליכען געוואָרען, נאָר עס איז נאָך געווען א העכערונג פון דער איינגאַמע איבער דער אויסגאַבע. ווי סטעפאַן סטאַרזשינסקי גיט איבער אין ציפערען, זאָל דער ריוח געווען זיין א סומע פון 53.6 מיליאָן זלאָטעס. *)

1926	1925	1924	אלגעמיינער באַטרעף
אין מיליאָנען זלאָטעס			
1895.2	1576.1	1349.7	איינגאַמע — — — — — —
1841.6	1801.4	1539.1	אויסגאַבע — — — — — —
———	225.3	189.4	דעפיציט — — — — — — — —
53.6	———	———	העכערונג — — — — — —

אין די ערשטע יאָהרען נאָך דער מאַי־איבערקעהרעניש האָט מען געמיינט, אז די ניי־אויפגעשטאַנענע מלוכה וועט שוין איצט געפינען א פונדאַמענט פאַר איהר עקזיסטענץ. קאַזשימיערזש באַרטעל, ערשטער פּרעמיער־מיניסטער אין דער פּילסודסקי רעגיערונג פון נאָך דער איבערקערעניש, האָט זיך ערגעץ וואו אויסגעדריקט, אז "די מאַי־איבערקעהרעניש איז ניט בלויז געווען א פּאָליטישע און מאָראַלישע איבערקעהרעניש, נאָר אויך אַן עקאָנאָמישע איבערקעהרעניש". דער פּילסודסקי רעזשים האָט אין אָנפאַנגס נושא־חן געווען ביי די מאַסען, ווי שענדיג זיין קאַריערע,

*) Stefan Starzynski, Rok 1926, W Zyciu Gospodarczem Polski, Warszawa, 1927, str. 7,

א געוועזענער סאָציאַליסט, האָט מען געמיינט, אַז ער וועט מאַכן ראַדיקאַלע רע־פאָרמען, אום אַרויסצוראַטעווען דאָס לאַנד פון איהר זומפּ. דאָס פּויערטום, דער מיטעל־קלאַס און אַ געוויסער טייל פון דעם אַרבייטער־קלאַס האָבען פיעל אַבט און האָפנונג געלייגט אויף איהם — דער "פאָטער" פון דעם איצטיגען פּוילען, וועלכער האָט אונטער זיך דאָס גאַנצע פּוילישע מיליטער, און וועמען עס איז געלונגען צו געווינען דעם גרעסטען צוטרוי ביים פּוילישען פאָלק.

פּילסודסקי האָט פיעל צוגעזאָגט, און זיך פאַרפּליכטעט אויסצופיהרען, ער האָט אָבער זיינע פאַרשפּרעכענס ניט ערפילט. פון זיינע רעפאָרמען איז גאָרנישט געוואָרען, און פּוילען לעבט ווייטער אין אַ שרעקליכען קריזיס. פּוילען ליידט מעהר ווי אירגענד אַנדער לאַנד. פּילסודסקי האָט אין יאָהר 1926 — נאָכדעם ווען ער האָט דורכגעפיהרט זיין מיליטערישע איבערקעהרעניש — דערקלעהרט, אַז ער האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אָן רעוואָלוציאָנערע קאָנסעקווענצען, אַז זיין איינציגער צוועק איז צו שאַפען אַ רעגיערונג, וועלכע זאָל שטעהן העכער איבער אַלע פּאַרטייען און קלאַסען; אָבער ער האָט ניט אַזוי געהאַנדעלט, און זיך ניט געשטעלט אין דינסט פון די פאָלקס־מאַסען, וועלכע האָבען פאַרלאַנגט אָן אַגראַר־רעפאָרם. פאַר־קערט, ער האָט גאָר שלום געמאַכט מיט׳ן גרויס־קאַפּיטאַל, און אונטערגעקויפט די גרויסע ערד־מאַגנאַטען, די ראַדזיווילס, זאַמאָיסקים און אַנדערע. דער פּרייז, פאַר וועלכער ער האָט געקויפט, איז געווען דאָס באַגראָבעניש פון דער אַגראַר־רעפאָרם.

פּילסודסקי׳ס דיקטאַטור איז נאָר גילטיג פאַר דער אויסערליכער פּאָליטיק, צו זיין פעסט אָרגאַניזירט געגען דעם פרעמדען שונא. די אינערליכע לאַגע האָט ער אָבער גאָרנישט פאַרבעסערט. די שרעקליכע נויט איז אַלעמען באַקאַנט. די רע־גיערונג האָט קיין מיטעל ווי אַזוי צו לייזען אָט דעם שווערען פּראָבלעם, אויב זי זאָל ניט מאַכען קיין רעפאָרמען אינ׳ם אינערליכען לעבען פון פּוילען.

פּילסודסקי האָט צובראָכען דעם פּוילישען סאָציאַליזם, ער האָט פאַרראַטען זיין פּאַרטיי, פאַרשיקט אין די געפענגענישען די בעסטע און איידעלסטע טיפּען, וועלכע האָבען געקעמפט פאַר דעם וואוילזיין פון דער מענשהייט בכלל, און פאַר פּוילען בפרט. טויזענטער קאָמוניסטען און ראַדיקאַלען שמאַכטען איצט אין די פּוילישע תפיסות, אונטער די שרעקליכסטע באַדינגונגען. ניטאָ קיין פרייהייט. אַלעס ווערט שטרייננג צענזורירט. קיינער האָט קיין רעכט ניט, חוץ די, וועלכע בויגען זיך אונטער דער דיקטאַטור.

מיר האָבען סימפּאַטיע מיט פּוילען, מיר גלויבען אין פּוילען׳ס זעלבסט־שטענדיגקייט און אומאָפּהענגיגקייט; אָבער נאָר דאַן, ווען אין פּוילען זעלבסט זאָל די פרייהייט ניט זיין באַשריינקט. דאַן, ווען אין פּוילען זעלבסט זאָלען די בירגער זיין צופרידען. דער באַזיס פון דער פּוילישער מדינה; דאָס זיכערקייט און עקזיס־טענץ פון פּוילען איז אָפּהענגיג אין פּוילען׳ס סאָציאַלען סטרוקטור. פּוילען מוז

איבערבויען איהר סאָציאַלע אָרדנונג, איינפיהרען ראַדיקאַלע רעפאָרמען, וואָס זאָלען צופרידענשטעלען די גאַנצע באַפעלקערונג.

פוילען! — וועט ניט זיין פארלוירען!
דאַן ווען איטליכער וועט פארזאָרגט ווערען,
ווען די בירגער וועלען רעגירען,
און פרייהייט פאר אלעמען וועט געגעבען ווערען . . .

קאַפּיטעל 14

די פאַשיסטישע כוואַליע איבער די באַלטישע לענדער

1.

אויב נאָך פאַר דעם היטלער רעזשים, איז די געפאַהר פון פאַשיזם אין די באַלטישע לענדער געווען גענוג גרויס, איז די געפאַהר פאַרגרעסערט געוואָרען נאָך דעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. עס האָט געהאַט א באַדייטענדען אָפּקלאַנג אין דעם אינערליכען לעבען פון די שכנות'דיגע באַלטישע מלוכות: ליטע, לאַטוויע, עסטלאַנד, פינלאַנד.

די לאַגע האָט זיך דאָרט אזוי ראַדיקאַל געענדערט; עס איז פאָרגעקומען אזאַ גוואַלדיגע איבערקערעניש, אין זייער פּאָליטישען מצב, אז דער פאַשיזם שטאַרקט זיין אָפּאָזיציע, און פּרעטענדירט צו פאַרכאַפּען די מאַכט. ער דראָהעט אויסצוראָטען דעם ביז־איצטיגען רעפּובליקאַניש־דעמאָקראַטישען מלוכה־סדר פון אָט די לענדער.

פאַר דער דעמאָקראַטיע, אין די דערמאָנטע לענדער, בלייבט איבער צו פיהרען איהר אנטשיידענעם קאַמף אויף טויט און אויף לעבען. זי איז אָבער צו שוואַך, אין איהר קאַמף, מיט דער רעאַקציע, און וויער זוייסט צי דער לעצטער וועט ניט זיגען אין דעם גרענגעל צווישען פאַשיזם און דעמאָקראַטיע, ווי ער האָט געזיגט אין אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער. די שטימונג איז א געדריקטע. דאָס פאָלק שרעקט זיך, די ראַדיקאַלע עלעמענטען פון אָט די קליינע מלוכות, גרייטען זיך אין א ליאַדע טאָג דורכצומאַכען דאָס זעלבע, וואָס זייערע פריינט האָבען לעצטענס דורכגעמאַכט אין אַנדערע אייראָפּייאישע מלוכות. און בפרט די אידישע באַפעלקערונג, איז זעהר איבערשראָקען, וויסענדיג וואָס זי האָט צו דערוואַרטען אין פאַל פון פאַשיסטישען נצחון — די אנטיסעמיטישע שאָוויניסטישע קרייזען, זאָלען אויפהויבען דעם קאָפּ.

אָנגעהויבען האָט עס זיך אין צפון־אייראָפּא, אין דער קליינער, אָבער זעהר גייסטיג אנטוויקעלטער און ציוויליזירטער מלוכה — פינלאַנד. עס האָט זיך דאָרט געשאַפען א פאַשיסטישע באַוועגונג, אין דער פאָרמע פון דער "לאַפּויער" פאָלקס אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געפונען די גרעסטע סימפּאַטיע און די שטאַרקסטע אונטערשטיצונג אין די ברייטע בורזשואַזע־קרייזען. די "לאַפּאַ"־לייט האָבען באַקו־

מען דעם איינפלוס אויף דער גאנצער מלוכה'שער טעטיגקייט אין פינלאנד, און שטעהען אין קאנטאקט מיט דער נאציאנאל־סאציאליסטישער פארטיי אין דייטש־לאנד. די פאשיסטען האבען א מחנה אנהענגער און א שטארקע מיליטערישע ארגא־ניזאציע, ספעציעל אין דער ארמיי, צווישען די העכערע גענעראלען און אפיצערען, מיט וועלכע זיי גרייטען זיך צו איבערצונעהמען די מאכט אין זייערע הענט.

און אויב פריהער האט די רעגיערונג די סאציאל־דעמאקראטען געקענט שטע־לען א געגען־קראפט, א ווידערשטאנד די רעאקציע, איז שוין גאנץ אנדערש נאך דעם היטלעריסטישען נצחון, וואו מיר שטעהען ממש ערב א פאשיסטישער רעאקציע.

רײדענדיג וועגען פינלאנד, וועלען מיר געבען א קורצען עטנאגראפישען איבערבליק, אין איהר אנטוויקלונג, אונטער דעם צאריסטישען רוסלאנד.

די פינלענדער זענען פון אזיאטישע אפשטאמונג, און נאך ביז'ן היינטיגען טאג זענען זיבען־אכטעל פון דער פינלענדישער באפעלקערונג אמת'ע פינער פון אזיאטישען אריגינאליטעט. פינלאנד אבער, וואס איז איינגענומען געווארען פון איהרע שכנים: שוועדען און רוסלאנד, איז אויך פון זיי באאיינפלוסט געווארען.

שוין גאר אין די ערשטע יאהרען, מיט טויזענט יאהר צוריק, זענען דארט געווען די סקאנדינאוויער, ביי וועלכע שוועדען האט עס פארכאפט און עס געהאלטען ביז צו דעם אנפאנג פונ'ם נײנצענטען יאהרהונדערט. אין די ענדערונגען פון נאך די נאפאלעאנישע מלחמות, איז פינלאנד איבערגעגאנגען צו רוסלאנד.

רוסלאנד האט אבער קיינמאל ניט געזעהן אריינצודרינגען אין פינלאנד מיט א פראפארציאנעלער רוסישער באפעלקערונג צו באאיינפלוסען די איינוואוינער מיט דער רוסישער קולטור, ליטעראטור און רעליגיע, ווי די שוועדען האבען געטאן. פינלאנד, וואס פארמאגט א באפעלקערונג פון ניט מעהר ווי א דריי מיליאן, האט צווישען זיך איין אכטעל (500,000) שוועדען, וועלכע האבען אויף אזוי פיעל גע־ווירקט אויף דעם פינלענדער, אז זיין גאנצע לעהרע און קולטור זאל זיין שוועדיש. די שפראך פון די מעהר געלערנטע, איז שוועדיש. דער אוניווערזיטעט אין העל־זינגפארס האט אנערקענט דריי אפיציעלע שפראכען: פיניש, שוועדיש און לאטיין. זיי פארמאגען ניט מעהר ווי א צוזאמענגעקליבענעם פאלקלאר ביכעל "קאלעוואלא", וואס איז ערשינען אין 1835, און שילדערט פאעטיש די אמאליגע ערשטע פינלענ־דער און זייערע העלדען. וויטער איז אלץ אין שוועדיש.

די פינלענדער האבען תמיד געהאסט רוסלאנד, און געזוכט מיטלען ווי אזוי עמאנציפירט צו ווערען, ניט צו זיין אפהענגיג פון רוסלאנד. זיי האבען געהאסט דעם צאריזם, און די רוסישע אויטאקראטיע, וועלכע זיי האבען געהאלטען פאר די גרעסטע שונאים.

זייער בענאמענאלע ערשיינונג האט זיך אנגעהויבען מיט די פאליטישע פארטייען, וואס זענען געגרינדעט געווארען אין ענדע פונ'ם לעצטען יאהרהונדערט, פון וועלכע די סאציאליסטען האבען געשפילט א גרויסע ראלע. טראץ זייער פאר־שפעטיגונג אין ארגאניזירונג ערשט אין 1903; מיט דעם שנעלען וואוקס פון דער

אינדוסטריע, איז אָבער די ארבייטער פּארטיי אזוי שנעל אנטוויקעלט געוואָרען, אז ביי דער רוסישער רעוואָלוציע, אין 1905, האָבען זיי געשפּילט א באדייטענדע ראָלע, און געקומען אין באריהרונג מיט די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער אין רוסלאַנד זעלבסט. זיי האָבען דאַן אויך אויסגענוצט די געלעגענהייט צו באַקומען זייער רעכט און אינדעפּענדענטישקייט.

די ראדיקאַלע עלעמענטען האָבען אין זייער קאַמף, פאר דעם ארבייטער־קלאַס, אויך געקעמפט פאר דער באפרייאונג פון דער גאנצער נאַציע. נאָך דער רוסיש־יאפּאנישער מלחמה (1905—1906) זענען די פינלענדישע סאָציאַליסטען געוואָרען טעטיג, און א גענעראַל סטרייק איז גערופען געוואָרען אויסדריקענדיג זייער געגנער־שאַפט צום צאַריזם, און צום גובערנאַטאָר באָריקאָוו, וועלכער האָט געפּרואווט זיין מיסיאָנערישע רוסיפיקאַציע אין פינלאַנד, וועלכער האָט געפאָדערט, אז די רוסישע שפּראך זאָל גערעדט ווערען אין אַלע אָפיציעלע רעגיערונגס קרייזען, אין די שולען, אין אוניווערזיטעט און אין דער ארמיי.

די סאָציאַליסטישע פּארטיי האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען. די סאָציאַ־ליסטען איז געלונגען צו אָרגאַניזירען א באַוואוסטזיניגען ארבייטער־קלאַס, ניט רעכענענדיג זיך מיט דער געגנערשאַפט פון דער בורזשואזיע. סטרייק נאָך סטרייק איז פּראָקלאַמירט געוואָרען, ביז די רוסישע רעגיערונג איז געווען געצוואונגען צו ערלויבען א קאָנסטיטוציאָנעלען פּארלאַמענט אין פינלאַנד, וואָס זאָל באשטעהן פון 200 דעפּוטאַטען. אין די ערשטע וואהלען, אין 1907, האָבען די ארבייטער געהאַט 80 דעפּוטאַטען. דער וועג פאַר'ן ארבייטער־קלאַס איז אזוי ארום, ביסלאכווייז געעפענט געוואָרען. טראָץ דעם, וואָס פינלאַנד איז נאָך אַלץ אָפּהענגיג געווען אין דער רוסישער דומא, האָט אָבער דער פּארלאַמענט געשאַפען א פרייע פעלד פאר דעם פינלענדישען סאָציאַליזם. די אגיטאַציע געגען דער אריסטאָקראַטיע און קאַפּיטאַ־ליסטען האָט טיעף אריינגעדרונגען אין די הערצער פון די טויזענטער פינלענדער, און ביי די וואהלען אין 1916, האָבען די סאָציאַליסטען שוין געהאַט א מעהרהייט פון 103 סאָציאַליסטישע רעפּרעזענטאַטען אינ'ם פּארלאַמענט.

פינלאַנד האָט אויך געהאַט צו פארצייכענען איהר גוואלדיגען פאָרטשריט אין דעם סאָציאַלען לעבען. זי האָט פּראָגרעסירט מיט דעם איבערגאַנג פון א אגרי־קולטור צו אינדוסטריאַליזם. מיט'ן פולען שוואונג האָט זי דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע פון אנטוויקלונג.

נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, אין 1917, ווען די קערענסקי רעגיערונג איז געקומען צו דער מאַכט, האָט די בורזשואזיע, געוועהנליך, געוואָלט אויסנוצען די געלעגענהייט צו דערשטיקען די רעוואָלוציע אין פינלאַנד, מיט דעם אויסרייד, אז זיי ווילען זיך באפרייען און דערווייטערען זיך פון רוסלאַנד. אז זיי מיינען נאָר די נאַציאָנאַלע אינטערעסען. די סאָציאַליסטען אָבער, האָבען בעסער געוואָלט אר־בייטען אויף ווייטער צוזאַמען מיט די רוסישע מענשעוויקעס. זיי האָבען בעסער געוואָלט שטעהן אין ענגען קאָנטאַקט מיט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען. די

קערענסקי רעגיערונג האָט אפילו געוואָלט איינאָרדנען א סעפעראַטע אָפּגעזונדערטע כאַציאַליסטישע אָרדנונג אין פינלאנד, וועלכע זאָל קאָאָפערירען מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָט גאנץ גוט געקענט צופרידענשטעלען דאָס פינלענדישע פאָלק.

ווען די קערענסקי רעגיערונג איז אָבער געפאַלען און איהר פלאַץ האָבען פארכאַפּט די באָלשעוויקעס, א כאַאָטישער צושטאַנד, א טעראָר האָט געהערשט אין דער גאַנצער רוסישער אימפעריע, אָט דאַן, האָט די פינלענדישע בורזשואזיע געפונען די גינסטיגע צייט זיך ארויסצוראַטעווען פון דעם סאָוועטען פארבאַנד. דער סענאַט אין העלזינגפארס האָט געשיקט אַן אולטימאַטום צו דער באָלשעוויסטישער רעגיערונג זי זאָל אנערקענען די אונאפהענגיגקייט פון פינלאַנד.

די באָלשעוויקעס האָבען אפילו אין אָנהויב געענטפערט אין א נעגאטיוועז טאָן. זיי האָבען אָבער ניט לאַנג געוואַרט און ארייגעשיקט קיין פינלאַנד זייער רויטע גווארדיע צו פארכאַפּען פינלאַנד. ביים לענינגראדער קאָנגרעס (1917), האָט לענין, צווישען אנדערעס געזאָגט: — "זאָל די ניט ווערטפולע בורזשואזיע זיך צוטיילען און זיך ארייכאַפּען איהרע גרעניצען. דער ארבייטער־קלאַס אין אלע לענדער, און נאַציאָנען, קען זיך ניט לאָזען צוטיילען. מיר זענען דערפאַר, פאַר פארכאַפּען פינלאנד".

אין פינלאַנד איז דאַן געווען א בירגער קריעג. די רויטע ארמיי, מיט זייערע מאַשין ביקסען האָבען געקעמפּט געגען דער ווייסער גווארדיע, און זיי באַזיגט. פון אָקטאָבער ביז יאנואר, 1918, האָט שוין דאָס רויטע מיליטער געהאַט פארכאַפּט במעט גאַנץ פינלאַנד. זיי האָבען פארכאַפּט די שטעדטלאך ארום דעם דניעפּער, אָזערע לאדאָגע, און אויך דעם גאָלף ביי דער באָטניע פון דער נאָרד ביז דער זיד.

דעם 27־טען יאנואר, 1918, האָט דער "ארבייטער עקזעקוטיוו קאָמיטעט" ארויסגעשיקט א ווארימען רעוואָלוציאָנערען מאַניפעסט, וואָס האָט ערקלעהרט, אז "די שטונדע פון דער גרויסער רעוואָלוציע האָט שוין אָנגעקלאַפּט פאר דעם פינלענדישען ארבייטער־קלאַס", און אפעלירט מען זאָל זיי קומען צו הילף. די שוואַכע רעגיערונג איז זיך צופאַלען, און די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען האָבען געליטען א נידערלאַגע. עס איז שוין דאַן אפילו אויסגעארבייט געוואָרען דער גאַנצער פלאַן וועגען די קאָמיסאַרען און צענטראַל רעגיערונג, גלייך ווי אין רוסלאַנד. אלס פרעזידענט פון דער רעפובליק איז באַשטימט געוואָרען קולערוואָ מאַנער.

פינלאנד האָט זיך געווענדעט קיין דייטשלאַנד און שוועדען, וועמעס אינטערווענציע האָט געשטערט דער רעוואָלוציע, און אין איינינע פלעצער אפילו באַקעמפּט די רויטע ארמיי. דער שלום אָפּמאַך אין ברעסט־ליטאָווסק האָט ערקלעהרט פינלאַנד אלס אַן אומאָפּהענגיגע מלוכה. די קאָמוניסטישע פּראָלעטאַרישע רעגיערונג האָט געמוזט מאַכען פלאַץ פאר דער דעמאָקראטישער, האלב־בורזשואזער רעפובליק. פון דאַן אָן הויבט זיך אָן דאָס נייע קאַפּיטעל פון דעם באַפרייטען פינלאַנד.

דאָס קאַלטע פינלאַנד איז אלע מאָל געוואָרען מעהר רעאַקציאָנער, מעהר שאָוויניסטיש — די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבען זיגען. דער פאַשיזם אין

פינלאַנד האָט געפונען זיין באָדען אין דער געגענזאַץ צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, וואָס האָט געמיינט דער געגענזאַץ צווישען פינלאַנד און ראַטען-פאַרבאַנד.

2.

מיר שפּרייזען אריבער איבער דעם באַלטישען ים, אויף וועמעס ברעגען עס ליגען די דריי קליינע מלוכות: עסטלאַנד, לאַטוויע, ליטא, און מיר זעהען ווי די דעמאָקראַטיע געהט דאָרט באַרג אראָפּ, און דער פאַשיזם האַלט אין איין זיגען.

אין עסטאָניע איז שוין איינגעפירט געוואָרען די דיקטאַטור. די אָרטיגע דיקטאַטור איז איינגעפיהרט געוואָרען שנעל, אָן טאַראַראַם. די צייטונגען, די קאָרעס-פּאָנדענטען האָבען געשוויגען, ווייל זי איז א צו-קליינע מדינה; צו אומבאַדייטענד מען זאָל זיך מיט איהר רעכענען. מען זאָל זיך פאַראינטערעסירען מיט איהר. ארום און ארום פאַרנעמען די דאָזיגע באַלטישע שטאַטען א שטח פון 73,045 קוואַדראַטנע מיילען, מיט א באַפעלקערונג אין גאַנצען אריבער זעקס מיליאָן.

די פאַשיסטישע ריכטונג אין עסטאָניע ווערט פאַרטראָטען דורך דעם "פאַר-באַנד פון די דעמאָביליזירטע", וואָס האָבען א גרויסען אנטייל גענומען אין עסט-לאַנד'ס באַפרייאונג-מלחמה. זיי האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט די "באַפרייער" — די נאָכפאָלגער פון היטלער'ן. דער קריזיס איז גינסטיג געווען פאַר זייער אר-בייט, און די צושפּליטערטקייט פון די אַנדערע פאַרטייען האָט אָפּגעשוואַכט דעם אָנגריף. די רעגירונג איז צו שוואַך געגען דער שטאַרקער אקטיווער פּאָפּולערער אָרגאַניזאַציע פון די "באַפרייער".

עהנליך צו עסטלאַנד איז דער מצב אין לאַטוויע. אויך דאָרט איז די דע-מאָקראַטיע אין גרויס געפאַר. הינטער די לאַטווישע פאַשיסטען שטעהען די איינפלוס-רייכע פינאַנציעלע גרופּען, וועלכע שטיצען זיי. די סאָציאַל-דעמאָקראַטען האָבען שוין איינינגע מאָל געפאָדערט מען זאָל ליקווידירען די פאַשיסטיש-היטלעריסטישע אָרגאַניזאַציע. מען וואַרפט אָבער כסדר צוריק זייער פּראָיעקט. פאַרקערט די רע-גיערונג זעלבסט העלפט דעם פאַשיזם און ערמוטיגט איהם. די רעגיערונג האָט אפילו פאַרבאָטען צו קריטיקירען דעם היטלעריזם און פאַשיזם.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטען גרייטען אפילו צו א גענעראַל סטרייק. דאָס איז זייער איינציגער וועג, זייער לעצטער כלי-זיין; זיי זענען אָבער ניט זיכער מיט'ן דערפאָלג. דאָס איז די טרויעריגע לאַגע אין לאַטוויע. נאָך פופצעהן יאָהר רוהיג לעבען אונטער'ן שוץ פון דעמאָקראַטיע, וואַקעלט זיך אלעס אין שאָטען פון רעאַקציע און מען איז ניט זיכער מיט דעם מאָרגען.

דאָס זעלבע איז אויך מיט ליטע, וואו דער פאַשיזם האָט טיעף איינגעדרונ-גען. עס הערשט דאָרט דער אכזריות'דיגער פאַשיזם פון א ריין מיליטערישער דיק-טאַטור . . .

דער דאָזיגער פאַשיזם פון דעם באַלטיק איז א ריינע קאָפּיע פון היטלעריזם, ביי וועלכען דער אנטיסעמיטיזם איז דער עיקר. שוין פריהער האָבען געבושעוועט אין

די לענדער בלערליי שאוויניסטיש־פאשיסטישע אָרגאניזאציעס. זיי האָבען אבער קיין באדייטונג ניט געהאט. איצט אָבער זענען זיי זיך קאָלאסאל צוואוואקסען, און האָבען א גרויסע השפעה אויף די מאסען. אין פאל די פאשיסטען זאָלען קומען צו דער מאכט, זענען אויך די אידען אין די באלטישע לענדער אויסגעשטעלט אויף גאָט'ס בארעט. זייער לאגע איז א געפערליכע. די אנטיסעמיטען וועלען ארויס־טרעטען אין עפענטליכע פאָגראָמען אויף אידען.

די אורזאכען, וואָס טרייבען די לענדער צום פאשיזם, איז צוליעב דער ניט זיכערקייט, און ניט באפעסטיגקייט פון אָט די קליינע מלוכות. מיט דער דיקטאַ־טאָרישער מאכט, מיינען זיי, וועט זיי געלינגען אָפצוהאלטען זייער אומאָפּהענגיגקייט.

די דאָזיגע קליינע מלוכות, וואָס זענען פאָרמירט געוואָרען אין 1918, האָ־בען פיעל, זעהר פיעל דורכגעמאכט, ביז מען האָט שוין אָנגעצייכענט זייערע גרע־ניצען און באפעלקערונג. זיי האָבען זיך שטענדיג געפונען נאציאָנאל באליידיגט. איטליכער האָט זיי אונטערדריקט.

עסטלאנד און פינלאנד, פארמאָגענדיג די זעלבע שפראך און טראדיציעס, זענען מגולגל געוואָרען, פון צייט צו צייט, אונטער פארשיידענע גרויס־מעכטע. פריהער האָט שוועדען רעגירט איבער די עסטאָניער, נאכהער די דייטשע "באלטישע באראָנען", און לסוף זענען די עסטאָניער אונטערגעפאלען אונטער דער רוסישער אימפעריע, וואָס האָט זיי געוואָלט רוסיפיצירען, און זיי אין גאנצען באהערשען.

דאָס זעלבע איז אויך מיט לעטלאנד און ליטא. די לעטען און ליטווינער, שטאמען פון דער זעלבער ראסע — פון דער נאָרדישער ראסע די דיינעס (ליטווישע און לעטישע פאָלקס לידער), וועלבע זענען פארוואָרצעלט אין דער וויי־טער פאר־גאנגענהייט, פיהרט אונז צו דער וויג פון דער מענשליכער קולטור, צום אלט־אינדישען הייסען־לאנד. עס איז אויך פארבליבען אין זיי א גוזמא שרשים און ווער־טער, פון דער אור־אלטער סאנסקריטישער שפראך, וואָס איז זעהר וויכטיג פאר די פילאָלאָגען, פאר דער שפראך־פאָרשונג און לענדער וואנדערונג.

א סך דיינעס־וואריאנטען שטאמען פון טויזענטער יאָהרען צוריק, בעת זיי האָבען ארויסגעוואנדערט פון אזיע. אין זיי איז איינגעהיט פון דעם אור־אלטען אזיא־טישען סאנסקריט. (די עלטסטע אינדא־אייראָפּייאישע שפראך).

די מיטאלאָגישע דיינעס זענען פון זעלבען אָפּשטאם. די עהנליכע ליטוויש־לעטישע דיינעס טעקסטען, פיהרען אונז צו דער צייט, ווען די לעטען און די ליטווי־נער זענען נאָך געווען איין ניט־צוטיילט פאָלק, און זייערע שפראכען האָבען זיך נאָך ניט געהאט צושיידט. *)

אלס אָפּגעזונדערטע פעלקער, קענען מיר די לעטען און די ליטווינער, פון דרייצעהנטען יאָהרהונדערט. פון דאמאָלסט אָן האָבען זיי געלעבט אָפּגעזונדערט, צייטענווייז אונטער אנדערע הערשער, ביידע ווערען פארקנעכט, און צוגעשמידט

*) זעה, אוריה קאַצענעלענבאָגען "דיינעס" (ארויסגעגעבען פון דער אידישער קולטור געזעלשאפט, טאָראָנטאָר צווייג, 1930) ז. ז. 5, 225 - 226.

צום דאָרף און צום פּריץ. די ליטווינער האָבען געשמאַכט אונטער'ן יאָך פון די פּוילישע פּריצים, און די לעטען — אונטער'ן יאָך פון די דייטשע באַראָנען.

קוים האָבען זיך די לעטען נאָר געהאַט באַוויזען אויף דער היסטאָרישער אַרענע, הויבט זיך שוין אָן די קאָלאָניזירונג פון די דייטשע ריטער. אונטער די דייטשע טעאָטאָנישע אָרדענס בלייבען זיי ביז'ן 16־טען יאָהרהונדערט. *) זיי פאַלען דערנאָך אַרונטער אונטער דער פּוילישער הערשאַפט ביז'ן 1795טען יאָהר. ביי דער צוטיילונג פון פּוילען געהען די לעטען, צוגלייך מיט די ליטווינער, אַריבער צו רוסלאַנד.

דער נייער באַלעבאָס האָט געמאַכט פּאַרזוכען צו רוסיפיצירען דאָס גאַנצע לאַנד. זיי האָבען אפילו געהאָלפען די לעטען מיט הלואות, כדי זיי זאָלען קענען אָפּקויפען דעם באָדען, וואָס האָט באַלאַנגט צו די באַלטישע דייטשע באַראָנען.

ליטא, ווייטער, האָט באַלאַנגט צו פּוילישע גרויספירשטען. דער ליטווין איז אין גאַנצען געווען פּאַרקויפט צו פּוילישע פּריצים. דער ליטווישער גרויספירשט, יאַגעלאָ האָט אין יאָהר 1386 התונה געהאַט מיט דער פּוילישער טראָן־יורש'טע, יאַדוויגע, און געוואָרען דער הערשער פון פּוילען און ליטע. דאָס האָט געבראַכט, אַז פּוילען זאָל באַהערשען די קליינע ליטע. פּוילען האָט באַהערשט ליטא מיט שפּראַך און שריפט, קולטור און לעבענסשטייגער.

אויף הונדערטער יאָהרען איז ליטע באַאיינפלוסט געוואָרען פון פּוילען, און אפילו נאָך דער צווייטער צוטיילונג פון פּוילען (1795), ווען ליטע איז צו־געטיילט געוואָרען צו רוסלאַנד, איז נאָך אַלץ דער ליטווישער פּויער פּאַרבליבען דער לייב־קנעכט פון פּוילישען פּריץ. די פּוילישע שפּראַך האָט ביסלאַכווייז פּאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער אַלטער ליטווישער שפּראַך. די שולען, דער אוניווערזיטעט, די

*) וועגען דער קנעכטשאַפט פון לעטישען פּאָלק צו די דייטשע באַראָנען, זעה:
Ralph Butler, The New Eastern Europe, p. 37; J. F. Unstead, Europe of Today, p. 218.

ציטירענדיג א לעטישע פּאָלקס־ליד: —

א, אָרימער דייטשער גאַסט!
וואָס ווילסטו אין אונזער כאַטקע?
אין הויף קענסטו ניט זיין,
ווייל דאָרט איז ווינט און רעגען,
אין הויז קענסטו ניט שטעהן,
ווייל דאָרט שטיקט דער רויך.
הער! איך וועל דיר ראַטען!
געה צום גיהנום־אַפּרונט,
וואו דער טייוועל מאַכט זיין פייער,
דאָרט קיין רעגען, קיין רויך, דייטש!

וואָס דריקט אויס דעם האַס צו די דייטשע באַראָנען, וועלכע האָבען זיי געהאַלטען פאַר לעבעדיגע שקלאַפען. זעה אויך אין א. קאַצענעלענבאָגען'ס איינלייטונג צו זיין געלונגענעם "דיינעס" - איבערזעצונג, ז. ז. 228 — 233 דאָס "אין יעטווידער שפּאַרונקע פון דער לעטישער דיינע, זעהט זיך אַרויס די צוגעדריקטקייט פון פּאָלק", און אין וואָסערע אומשטענדען זיי האָבען זיך געפונען

ציימונגען, אלעס אין דער פוילישער שפראך, אויך די רעליגיע, איז געוואָרען א קאמוילישע, גלייך ווי אין פוילען. *)

רוסלאנד האָט אפילו געוואָלט אָפטיילען ליטע פון פוילען; די פוילישע פיר־שטען האָבען אָבער רעוואָלטירט געגען די רוסען און רואינירט דאָס גאנצע לאַנד. די באַפעלקערונג האָט געליטען הונגער און דחקות. אייניגע זענען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזען זייער היימאט און זוכען ערגעץ אנדערש זיך צו באַזעצען.

די דאָזיגע קליינע מלוכות ביים באלטישען ים, זענען זעהר וויכטיג געווען פאר רוסלאנד. ריגע איז דאָך פאר דער מלחמה געווען דער הויפט פּאָרט פון רוס־לאַנד. דורך ריגע איז דורכגעפיהרט געוואָרען דער עקספּאָרט פון פלאַקס און לעבע־דיגע סחורות. רעוועל פון עסטאָניע, איז געווען דער רוסישער האַפען, דורך וועלכען מען האָט עקספּאָרטירט תבואות א. א. ליטע איז דאָך ביי מעמעל, וואָס האָט אויך געבראכט פיעל נוצען דער רוסישע אימפּעריע.

נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען די רוסישע אימפּעריע איז זיך צופאלען האָבען די ליטווינער אויך געפאָדערט זייער אומאָפּהענגיגקייט און זעלבסטשטענדיגקייט. די נאַציאָנאַליסטען, וועלכע האָבען פאַרבאָרגענערהייט געזונגען זייער "דיינע", און ניט געוואָלט זיך אונטערוואַרפען אונזער זייערע אונטערדריקער, האָבען פאַר־לאַנגט זייער באַפרייאונג, ניט קוקענדיג אויף זייער געגנערשאַפט פון זייערע ארומיגע שונאים, וועלכע האָבען זיי געוואָלט איינשלינגען.

מיט דער הילף פון דער פעלקער ליגע איז זיי געלונגען אויפצובויען די זעלבסט־רעגיערונגען. די דאָזיגע קליינע לענדער לעבען אָבער שטענדיג מיט דער מורא, אז אָט די אָדער יענע אוזורפּאַטאָרען וועלען זיי באַפאלען און זיי ווייטער פאַרשקלאַפען. זיי ווייסען, אז זיי זענען צו שוואך זיך אנטקעגען צו שטעלען געגען פוילען, רוסלאנד און דייטשלאנד, און אָט די שרעק פאר דעם אויסערליכען שונא, האָט פאַרשטאַרקט ביי זיי די רעאַקציאָנעריש־שאָוויניסטישע שטימונג, וואָס האָט געפיהרט צום דיקטאַטאָרישען פאשיזם. עס דוכט זיך זיי, אז מיט'ן פאַרשטאַרקען די מאַכט און די דיסציפּלין פון לאַנד דורך א דיקטאַטור וועלען זיי קענען בעסער קעמפען פאר זייער זעלבסטשטענדיגקייט.

---

*) נאָכ'ן פוילישען אויפשטאַנד פון 1863־טען יאָהר, האָט מען אויף גאַנצע פערציג יאָהר אין גאַנצען פאַרבאָטען צו דרוקען ליטוויש. פון 1864 ביז 1904 האָט מען לגמרי פאַרבאָטען צו דרוקען ליטווישע זאַכען. אפילו געבעט־ביכער, האָט מען ניט געטאָרט דרוקען מיט ליטווישע אותיות. זשאַנדאַרען פלעגען ארומרינגלען קירכען און אָפּנעהמען ביי די ליטווינער די געבעט־ביכער. אלץ האָט געמוזט זיין געשריבען אין פויליש, אָדער רוסיש.

קאפיטעל 15.

פאשיזם אין עסטרייך און אין אונגארן

אז די דעמאָקראַטיע אין אייראָפּע האַלט ביים גסיסה־צושטאַנד, איז שוין איצט קיין סוד נישט. מען זעהט עס גאַנץ אָפען, אז טאָג־טעגליך ווערט ערנסטער און געפערליכער דער שיקזאַל פון אייראָפּייאישען דעמאָקראַטיזם. די דעמאָקראַטיע אין אייראָפּא קייקעלט זיך באַרג אראָפּ, און אויף איהר פּלאַץ ווערט אַוועקגעשטעלט אַן אייזערנע און ריזיגע דיקטאַטור, וואָס באַנוצט זיך מיט די באַרבאַרישע מיטעל־אַלטערליכע מאַטען צו שטירצען די פרייהייט. אין אונזער קאָמפּליצירטער, קריטישער עפּאָכע, ווערט געבוירען די נייע פינסטערע אָרדנונג. דער אַלוועלטליכער ווירט־שאַפטליכער קריזיס צוטרייסעלט די שוואַכע יסודות, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטען דער בנין פון די נאָך מלחמה׳דיגע שאַפונגען און ערא֗בערונגען.

נאָך פאַר׳ן היטלעריסטישען נצחון אין דייטשלאַנד האָבען מיר געזעהן אין עסט־רייך די פיבערהאַפטע צוגרייטונג צו א בירגער קריעג, צו א מלחמה צווישען דעם "היימווערר" פאַשיזם, וואָס וויל פאַרניכטען די עסטרייכישע דעמאָקראַטיע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע האָבען אויסגעבויט אין ווין, און אין גרויסע טיילען פון עסטרייך, א דעמאָקראַטיש־האַלב־סאָציאַליסטישע רעגיערונג, און וועלען גע־ווים קעמפען פאַר דער האַלטונג פון אָט דעם טייערען בנין.

היטלער׳ס מורא׳דיגער נצחון אין דייטשלאַנד האָט אָבער נאָך מעהר ערמוטיגט און האַפערדיגער געמאַכט דעם פרעסטיזש פון פאַשיזם אין די רעאַקציאָנערישע קרייזען אין עסטרייך.

דעם פינפטען מערץ, 1933, האָט היטלער מנצח געווען אין דייטשלאַנד. אין דעם זעלבען טאָג האָט דער "קעשענע נאַפּאָלעאָן" דאָלפוס, אָנגעהויבען דעם קרייץ־צוג געגען דער עסטרייכישער קאָנסטיטוציע. נאָך דער רעזיגנאַציע פונ׳ם פּאַרלאַ־מענט־פּראָזיצער, דער סאָציאַליסט רעננער, האָט די רעגיערונג ליקווידירט דעם פּאַר־לאַמענט, און איבערגענומען די מאַכט.

מען האָט אָנגעהויבען סיסטעמאַטיש אויסראָטען די אַלע קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטען: פרייהייט פון וואָרט, פון פרעסע, פון פאַרזאַמלונג, א. ד. גל. דאָלפוס׳עס רעגיערונג האָט אפילו פּאַרמעל דערקלעהרט מלחמה געגען די נאַציס, זי האָט שטרייננ גענומען פאַרפאָלגען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען. מען האָט פאַרמאַכט זייערע קלובען, פאַרבאָטען דעם האַקענקרייץ, איינגעפיהרט א שטרייננע צענזור אויף דער פרעסע. מיט דער הילף פון "היימווערר", זענען טויזענטער אויך אַרעסטירט געוואָרען.

די מיטעלדען אָבער פון דעם סיסטעמאַטישען קאַמף געגען דעם דעמאָקראַטישען רעזשים גרייטען צו דעם נצחון פון די היטלעריסטישע נאַציס. דאָלפוס'עס וועג פיהרט צום פאשיזם, גלייך ווי די פאָן־פּאַפּען הוגענבערג רעאַקציע האָט געפיהרט צו דעם היטלעריסטישען נצחון אין דייטשלאַנד. די ענדע פון עסטרייך, וועט זיין ווי אין דייטשלאַנד. דער "קעשענע נאַפּאָלעאָן", דאָלפוס, האָט דאָך שוין געפּרואווט פּראָקלאַמירען דעם "קאָאָפּעראַטיווען שטאַט", נאָכצוטאָן מוסאָליני'ן. ער האָט דאָך שוין געמאַכט דעם פּאַרזוך פּראַקטיש און טעאָרעטיש, מבטל צו מאַכען דעם פּאַרלאַמענט, באַזייטיגט די סאָציאַליסטישע ארבייטס קאַמערען, וואָס האָבען געקאָסט געניג מיה און ארבייט, איידער דאָס איז אויפגעבויט געוואָרען. עס געהט נאָר אין דעם, וואָס פאַר א דיקטאַטור מען זאָל איינפיהרען, צי א ריין נאַציסטישהיטלעריסטישע, אָדער לויט'ן מוסטער פון איטאַליע, און ממילא גלויבט זיך, אז די רעאַקציע וועט זיך פאַראייניגען און איינגעהן אויף אַזעלכע מינדערוויכטיגע קאָמפּראָמיסען.

דער רעגירונגס־בלאָק אין עסטרייך, באַשטעהט פון דריי עלעמענטען: דער "היימווער" — א האַלב־מיליטאַריסטישע רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט סובסידירט פון גרויס־קאַפּיטאַל אין עסטרייך און פון מוסאָליני'ן אין אויסלאַנד. פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען שיידט זיך אונטער דער "היימוועהר" מיט דעם, וואָס ער איז ווייניגער אנטיסעמיטיש און הויפּטזעכליך מיט דעם, וואָס ער שטרעבט אָפען אויפצולעבען די מאָנאַרכיע, מיט די האַבסבורגער בראש. זיי ווילען זיך ניט צונויפגיסען מיט היטלער'ס דייטשלאַנד, נאָר זיך צוריק פאַראייניגען מיט אונגאַרן, אונטער דער הערשאַפט פון די האָבסבורגער, כמשנים קדמוניות. דער דאָזיגער פּונקט איז זעהר וויכטיג פאַר איטאַליע, וואָס וויל בעסער זעהן די אויפגעלעבטע עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַרכיע, איידער די פאַראייניגונג פון עסטרייךדייטשלאַנד.

די היימוועהר אָרגאַניזאַציע איז נט קיין פּריוואַטע רעאַקציאָנערישע אָרגאַניזאַציע. זי האָט שוין פון לאַנג אין איהרע הענט די רעגירונג פון איינציגע וויכטיגסטע עסטרייכישע פּראָווינצען, און אויך די צענטראַל רעגירונג. איינער פון איהרע הויפּט געלט־געבער און פיהרער, דער מיליאָנערסקער גראַף שטאַרעמבערג איז דער אינערן און פּאָליציי מיניסטער פון עסטרייך.

דער רוקענביין פון דעם רעגירונגס־בלאָק איז די "קריסטליך סאָציאַלע פּאַרטיי", וואָס פאַראייניגט אין זיך פאַרשיידענע עלעמענטען — פון קלעריקאַלע פאַשיסטען, ביז קריסטליכע דעמאָקראַטען, און דער "לאַנד־בונד" מיט וויצע קאַנצלער, ווינקלער, בראש.

די אַלע דריי גרופּען פאַראייניגען אין זיך דעם בלוטיגען האַס צום סאָציאַליסטישען מאַרקסיזם, און צום נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, פאַר וועלכען זיי שרעקען זיך, אז ער זאָל א סוף מאַכען פון זייערע קריסטליך סאָציאַלער פּאַרטיי, ווי ער האָט עס געטאָן אין דייטשלאַנד.

אויף דער פּאָליטישער אַרענע אין עסטרייך האָבען מיר, ביז איצט געזעהן דריי לאַגערען: די סאָציאַל - דעמאָקראַטיע, דער רעגיערונגס בלאָק, און די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטען, וועלכע זענען איצט, נאָך היטלער'ס זיעג אין דייטשלאַנד, געוואָרען א באַדייטענדע מאַכט און אנטוויקלען אן ענערגישע טעטיגקייט. די רעוואַנש אידעאָלאָגיע, די טרויעמען וועגען א גרויסער און מעכטיגער "רייך". די אַלגעמיינע אומצופרידענקייט און אומצוטרוי צו דער איצטיגער רעגיערונג, גרייטען צו דעם באָדען פאַר'ן נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם.

דאָלפוס'עם שטיצע אויף דעם היימווער, איז ווייט נישט קיין שטאַנדהאַפטיגע. אויב איין טייל פון דעם היימווער איז נאָר פאַשיזירט, איז דאָך דער צווייטער טייל היטלעריזירט, און ממילא קען דאָלפוס זעלבסט ניט אויסבויען אן אייגענע פאַשיסטישע באַוואַפענט קראַפט. די היימווער, דאַרף מען וויסען, ווערט אונטערמינירט דורך די שטאַרקע היטלעריסטישע איינפלוסען, און דאָלפוס קען אראָפּגעזעצט ווערען דורך דער אָרגאַניזאַציע, אויף וועלכער ער האָט געבויט זיין גאַנצע מאַכט.

* * *

פון וואַנען נעהמט זיך די גרויסע שפּאַנונג ארום עסטרייך? לוינט זיך דען צו פאַרנעהמען מיט אָט דער קליינער, ארומגעשניטענער עסטרייך, וואָס איהר באַפעלקערונג איז קלענער ווי די באַפעלקערונג פון ניו-יאָרק, אָדער לאָנדאָן?...

די קליינע עסטרייך, איז געוואָרען די לעצטע צייטען אַן אביעקט פון גרויס-פּאָליטיק. איהרע געזאַנדטע אינטערווענירען אין לאָנדאָן, פּאַריז און רוים. איהרע פאָרשטעהער פאָדערען איבעראַל די פאַרזיכערונג פון איהר גאַנצקייט און זעלבסטשטענדיגקייט. פון וואַנען נעהמט זיך די אומרוהיגקייט פון דער עסטרייכישער דיפּלאָמאַטיע? וואָס האָט עס באַוואויגען די עסטרייכישע רעגיערונג צו א גלייכצייטיגער אינטערווענץ אין די הויפּט-שטעדט פון אייראָפּא, און ביים פעלקערבונד?...

דאָס דאָזיגע קליינע לאַנד, וואָס איז אַמאָל פאַררעכענט געוואָרען צווישען די גרויסמעכטע אין אייראָפּא, ציהט די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער וועלט, מחמת דעם, ווייל עסטרייך פאַרנעהמט דעם סאַמע מיטעל-פונקט אין אייראָפּא. זי איז דער בריק צווישען איטאַליע און אונגאַרן; איטאַליע און דייטשלאַנד. איהר געאָגראַפישע לאַגע איז דאָס לאַנד, וואו עס לויפען זיך צונויף די "קראַפט-ליניעס" פון מערב און מזרח, צפון און דרום; פון דער לאַטיינישער, גערמאַנישער, סלאַווישער און מאַדיארישער ראַסע. עסטרייך געפינט זיך אויפ'ן שייד-וועג, אין צענטער פון אייראָפּא; פון אַלע פיר זייטען איז זי ארומגערינגעלט מיט לענדער, וואו עס הערשט א דיקטאַטור: איטאַליע, אונגאַרן, יוגאָסלאַוויע, דייטשלאַנד. עסטרייך איז דער טויער, וואָס פיהרט צום באַלקאַנישען האַלב-אינזעל, און צום נאָהענטען מזרח.

דריי קאָנצעפּציעס האָבען זיך נאָך דער וועלט - מלחמה אויסגעבילדעט בנוגע עסטרייך.

די ערשטע קאָנצעפּציע האָט געהייסען: "אנשלוס". עסטרייך זאָל זיך אַנ־שליסען אין איהר נאָהענטער, עטנאָגראַפישער און קולטורעלער דייטשלאַנד.

די צווייטע קאָנצעפּציע — די איטאַליענישע — וויל איינהאַלטען די זעלבסט־שטענדיגקייט פון עסטרייך. צוריק אויפבויען די עסטרייך־אונגארישע מאָנארכיע, און די אויפלעבונג פון דער האַפּסבורגער דינאַסטיע.

די דריטע קאָנצעפּציע שטאַמט פון דער קליינער אנטאנטע (טשעכאָסלאָ־וואַקיע, רומעניע און יוגאָסלאַוויע), וואָס האָט מורא סיי פאַר אַ פאַרשטאַרקונג פון דייטשלאַנד, דורכ'ן אָנשלוס פון עסטרייך, סיי פאַר אַ תחית המתים פון דער עסט־רייך־אונגארישער מאָנארכיע. די קאָנצעפּציע פון אָט דער אנטאנטע איז: עסט־רייך זאָל זיך פאַראייניגען אין אַ פעדעראַציע פון די דונאַי־מלוכות, און די פאַר־איינינגונג זאָל גילטען אויף'ן ווירטשאַפטליכען געביעט.

די דאָזיגע קאָנצעפּציע ווערט אויך געשטיצט דורך דער גרויסע פּראָטעק־טאָרין פון דער קליינער אנטאנטע — דורך פראַנקרייך, וועלכע וויל נישט, פּונקט ווי די אנטאנטע, ניט קיין פאַרשטאַרקטע דייטשלאַנד, און אויך נישט קיין עסטרייך־אונגארישע מאָנארכיע, וואָס וועט פאַרשטאַרקען איטאַליע אין איהר ראָלע, אין צענטראַל אייראָפּאַ.

די שטרעבונג פון היטלער־דייטשלאַנד איינצושלינגען עסטרייך, טרעפט, אלזאָ, אָן אויף דעם ווידערשטאַנד פון איטאַליע און פראַנקרייך. ניט קוקענדיג אויף זייערע געגענזעצליכע קאָנצעפּציעס, זענען זיי אָבער ביידע ניט צופרידען פון דער אוניע פון דייטשלאַנד־עסטרייך. מיט עטליכע יאָהר צוריק, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אָט אַזאַ פאַראייניגונג פון דייטשלאַנד־עסטרייך, האָבען די פאַראינטערעסירטע גרויסע מלוכות ניט דערלאָזט צו דעם אנשלוס.

די פאַשיסטישע איטאַליע, און די פאַשיסטישע דייטשלאַנד רייסען זיך ביידע ארום עסטרייך. נאָך היטלער'ס נצחון אין דייטשלאַנד, האָבען די עסטריי־כישע נאַציס אָנגעהויבען באַאיינפלוסען די קליינבירגערליכע שיכטען, צו וועלען די צונויפגיסונג פון די ביידע שכנות'דיגע לענדער. איטאַליע איז אָבער זעהר ניט צופרידען מיט זייער האַנדלונג, און דאַריבער שטיצט זי די שיכטען פון דער עסט־רייכישער בורזשואזיע, וואָס חלומ'ן וועגען אויפלעבען די געוועזענע מאַכט פון דער עסטרייך־אונגארישער מאָנארכיע.

פראַנקרייך און די קליינע אנטאנטע וועלען אָבער בשום אופן ניט איינגעהן אויף אַן "אָנשלוס", וואָס זאָל פאַרשטאַרקען דייטשלאַנד, אָדער אויף דער אויפ־לעבונג פון דער עסטרייך־אונגארישער מאָנארכיע, מוסאָליני'ס פּראָיעקט, וואָס זאָל ווייטער פאַרשטאַרקען איטאַליע. עס וואָלט געווען אַ ביטערער ענין פאַר פראַנקרייך, ווען היטלער וואָלט פאַרגרעסערט זיין מלוכה מיט נאָך קנאַפּע 7 מיליאָן מענשען; נאָך ביטערער וואָלט עס אָבער געווען פאַר די נאָהענטע שכנים פון עסט־רייך — פאַר טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע און יוגאָסלאַוויע. *)

*) וועגען דער "אנשלוס" פראַגע זעה די קאַפּיטלאָך 9 און 12. ז. ז. 82—83, 126—127.

די פראגע פון אנשלוס איז שוין אמאל אויפגעקומען, מיט 86 יאהר צוריק, אין יענער צייט פון דער רעוואלוציע אין יאהר 1848. איז שוין זעהר פיעל גערעדט געווארען וועגען דער פאראייניגונג פון עסטרייך - פרייסען, און שוין דאן זענען די טשעכען, מיט אנדערע פעלקער, ארויס מיט אן ענערגישען קאמף געגען דעם אנשלוס. זייער טענה איז געווען, אז אויב עסטרייך זאל צונויפגעגאסען ווערען מיט דייטש־לאנד, וואלטען זיי בטל געווארען אלס פעלקער. זיי האבען זיך דאן באדרוי איינגע־שטעלט פאר דער גאנצקייט פון דער אימפעריע, און די האפסבורגער זענען נאך גאנצע 70 יאהר געבליבען אויף זייער טראן. און אויך איצט, איז די אנטאנטע געגען אזא אנשלוס, כדי זיך צו ראטעווען פון אונטערגאנג.

ווי מיר זעהען, אלזא, קען דער קאמף פאר עסטרייך, און ארום עסטרייך, פארוואנדעלט ווערען אין א העלישען פייער, וואס וועט חרוב מאכען גאנץ איירָאפא. עס קען פיהרען צו א מלחמה צווישען גאנצע קאנטינענטען, און דאריבער ציהט אט די קליינע "קראנקע" מלוכה'לע די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט.

און מיט דעם דערקלעהרט זיך עס אויך די איצטיגע גרויסע שפאנונג ארום עסטרייך, וואס איז א רעזולטאט פון דער שפאנונג אין עסטרייך זעלבסט. די שפא־נונג אין עסטרייך ווירקט אויס די שפאנונג ארום עסטרייך, מיט איהרע געפערליכ־סטע קאנסעקווענצען פאר עסטרייך און פאר אייראפא.

עסטרייך זעלבסט איז צוטיילט אין דריי טיילען: די עסטרייכישע היטלע־ריסטען, וועלכע ווילען אנשלוס מיט דייטשלאנד. די עסטרייכישע בורזשואזיע און פויערטום, וואס ווילען דורכאויס די צוריק - אויפגעלעבטע עסטרייך - אונגארישע מאנארכיע. און די סאציאל־דעמאקראטען, וועלכע ווילען, איצט, ניט קיין פאראיי־ניגונג מיט דייטשלאנד, כל־זמן עס הערשט דארט דער היטלעריזם. די עסטרייכישע ארבייטערשאפט קען אבער אויך נישט מסכים זיין מיט דעם פראיעקט פון פאר־אייניגען עסטרייך מיט'ן רעאקציאנערען הארטי - אונגארן, כדי צו שטיצען די פא־שיסטישע איטאליע.

אומאפהייניגקייט און זעלבסטשטענדיגקייט פון עסטרייך איז איצט דער לאזונג פון דער עסטרייכישער סאציאל - דעמאקראטיע, און פון'ם גאנצען עסטריי־כישען ארבייטער קלאס. אזא פארזיכטיגע, און ביז גאר אויסגערעכענטע, פאליטיק, פיהרט איצט די עסטרייכישע סאציאל־דעמאקראטיע.

דער גורל פון דעם קליינעם לאנד איז באזונדער וויכטיג פאר די סאציאליס־טען פון גאר דער וועלט. די קליינע עסטרייך פארמאגט א גרויסע סאציאל־דעמא־קראטישע פארטיי, וועלכע האט, אויף די חורבות פון דער האפסבורגער מאנארכיע, געשאפען א דעמאקראטישע מלוכה, נאך דער רעוואלוציע פון 1918. שטעהענדיג בראש פון דער ווינער שטאדט־פארוואלטונג, האבען די סאציאליסטען באוויזען, וואס פאר א שעפערישע כוחות עס זענען פארבארגען אינ'ם סאציאליזם, אפילו אין די גרעניצען פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג. די ארבייטער פארזיכערונג און פארזארגונג, די פרעכטיגע ניי - אויפגעבויטע ארבייטער קווארטעלען — די וואונ־דערבארע קארל מארקס הייזער; די שולען און קאאפעראטיוון, וואס זענען געשאפען

געוואָרען דורך דער סאָציאַליסטישער איניציאַטיווע, וועלען אייביג בלייבען אין זכרון פון די סאָציאַליסטען פון דער גאַנצער וועלט.

די געניאַלע, גרויסע פיהרער פונ׳ם עסטרייכישען סאָציאַליזם האָבען ניט נאָר אינ׳ם פּראַקטישען לעבען, נאָר אויך אין טעאָרעטישען זין פון וואָרט, זעהר פיעל אויפגעטאָן. זי האָבען דערהויבען אויף א הויכער מדרגה דאָס אידעאַלע לעבען פון דער פּאַרטיי. די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט פאַרנומען, און פאַר־נעהמט נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג, א חשוב׳ן פּלאַץ אין סאָציאַליסטישען אינטער־נאַציאָנאַל. גענוג צו דערמאָנען איהרע געניאַלע פיהרער וויקטאָר אדלער, און זיי צו לאַנג־לעבען, פרידריך אדלער (סעקרעטאר פונ׳ם צווייטען אינטערנאציאָנאַל) און אטא באוער, וועלכע פאַרנעהמען אזא חשוב׳ן פּלאַץ אין דער טעאָרעטישער זייט פון סאָציאַליזם.

די סטרוקטור פון דער סאָציאַל - דעמאָקראַטיע און ארבייטער פאראיינען, האָט זיך זעהר שנעל געענדערט נאָך דער עסטרייכישער רעוואָלוציע, און אריינגע־בראַכט פיעל נייע רעקרוטען און ארבייטער קעמפער. אין יאַנואַר, 1913, האָט זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי - מיטגלידערשאַפט גערעכענט ניט מעהר ווי 91,000, און אין יאנואר, 1919 זענען שוין געווען א מיטגלידערשאַפט פון 332,391. אין יאנואר, 1913 האָבען די פאַך - פאראיינען געהאַט 253,137 מיטגלידער, און אין דעם זעלבען חודש אין יאָהר 1919 האָבען זיי זיך שוין געצעהלט פון א מיטגלידער־שאַפט פון 772,146. אויף דער זעלבער שטרעקע זענען צוגעקומען גאַנצע צוויי־דריטעל נייע מיטגלידער.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געפינט זיך אָבער איצט אין א זעהר שווערער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע. די געפאַהר פון א פולשטענדיגער נידערלאַגע, איז גרויס, טראָץ איהר גוטער טאַקטיק און אקטיווער מאָביליזאַציע פון פּראָלעטארישען קלאַס. דאָ האָבען מיר אפילו ניט צו טאָן מיט זוכען די סיבות פון איהר שוואַכקייט, אין וועלכער עס איז צושפּליטערונג אין די ארבייטער רייהען. די סאָציאַליסטען אין עסטרייך זענען, מערסטענטייל, געווען מעהר רעוואָלוציאָנעריש און איינין. די קאָ־מוניסטישע פּאַרטיי איז דאָך געווען זעהר קליין אין די לעצטע יאָהרען, און ניט גע־שפּילט קיין גרויסע ראָלע.

ניין! ניט די אידעאָלאָגישע איינשטעלונג, ניט די פּראַקטישע פּרינציפּען, ניט די מעלות און חסרונות פון די פיהרער זענען שולדיג אין דער נידערלאַגע פון עסטרייכישען פּראָלעטאַריאַט. די סאָציאַליסטען אין עסטרייך האָבען ניט געליטען פון "פּאַרלאַמענטארישען קרעטעניזם". זיי האָבען זיך גאַנץ פעסט געהאַלטען, און זענען געווען איבער דער גאנצער צייט, קאַמפּס - פעהיג. די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען זענען אפילו געווען די ערשטע, וועלכע האָבען געוואָלט מוותר זיין פון זייער פּראָגראַם און אידייאָלאָגיש פאַראייניגען דעמאָקראַטיע מיט דיקטאַטור, דאָס הייסט, צו פאַראייניגען דעם צווייטען מיט׳ן דריטען אינטערנאַציאָנאַל, כדי עס זאָל ווערען פאַראייניגט דער אַלוועלטליכער פּראָלעטאַריאַט.

די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט ניט געליטען פון דער צושפּליטערונג אין די ארבייטער רייהען, איז נישט פאַראַנטוואָרטליך פאר דער רעגירונגס פּאָליטיק, פאַר׳ן קריזיס און ארבייטסלאָזיגקייט. די עסטרייכישע סאָצ. דעמ. האָבען זיך פאָראוים צוגעגרייט פאר דעם קאמף געגען דעם פאשיזם... און דאָך האָט דאָס אַלעס ניט געהאָלפען. זי פאַרלאָזט איצט איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער, און מוז אויסמיידען דעם אנטשיידענעם קאמף.

* * *

וואָס זענען די אורזאכען, וואָס טרייבען עסטרייך צום פאשיזם? וואָרום איז די רעאקציע אזוי גרויס? פון וואַנען נעהמט זיך די ריזיגע קאָנטער־רעוואָלוציע?

כדי דאָס אלעס צו ערקלעהרען, מוזען מיר גוט באטראכטען דעם פונדאמענט פון דער האַפּסבורגער "דואַלע מאָנארכיע", און די יסודות פון דער רעוואָלוציע — די "צופאַלונג פון דער מאָנארכיע".

די צונויפגעשטוקעוועטע האפּסבורגער אימפּעריע איבער מערב אייראפּא, ציהט זיך אזש פון פינסטערען מיטעלאלטער. דער ערשטער האפּסבורגער רודאָלף איז ניט געווען קיין עסטרייכער, און אויך ניט קיין גערמאַנער. מיט דער הילף פון פּויסט, שווערד און מיט דעם הייליגען פּויפּסט, האָט דער ערשטער האַפּסבורג זיך ארויפגעכאַפּט אויפ׳ן קייזערליכען טראָן. די וויַיטערדיגע האפּסבורגס האָבען דורך רויב און שדוכים, געקליבען לאַנד צו לאַנד, און צוזאַמענגעשטעלט די אזוי גערופענע עסטרייך־אונגארן אימפּעריע. אין יאָהר 1437 איז קעניג זיגמונד, — וועלכער האָט באַקומען זיין טראָן איבער אונגארן, בעמען, בירושה פון זיין פאָטער — געשטאָרבען ניט איבערלאָזענדיג קיין זוהן־יורש, איז די ירושה איבערגעגאנגען צו זיין איידעם, אלבערט פון עסטרייך. אזוי ארום איז געשאַפען געוואָרען די פּאראייניגונג פון עסטרייך־אונגארן אונטער דעם הויז פון די האפּסבורגער. אזוי ארום איז געלייגט געוואָרען דער גרונדשטיין פון יענער אימפעריע, וואָס האָט זיך שפּעטער ערוואָרט צו ווערען די הערשערין כמעט איבער דעם גרעסטען שטח פון אייראָפּא.

די "דואַל־מאָנארכיע" האָט אין איהר אימפּעריע פארמאָגט פארשיידענע ראַסען און פעלקער: גערמאַניש־טעאוטאַנישע, מאַדיארישע, סלאַווישע, רומענישע *) מיט לאַטיינישע, סלאַווישע שפּראַכען, און קאטוליש־פּראָטעסטאַנטישע רעליגיעס. געוויסע פּראָווינצען און קליינע איטאַליענישע מלוכות זענען אָפּהענגיג געגען אין דער עסטרייך־אונגארישער אימפּעריע. די באַלקאַנישע לענדער, דאָס אייראָפּייאישע

*) דייטשען: עסטרייך טיראָל א. א. וו.
מאַדיאַרען: אונגארן און טראַנסילוואַניע.
סלאַווען: טשעכען, סלאָוואַקען, פּוילען, בעמען, שלעזיע, יוגאָסלאַוויע, (קראַאַטען).
רומענער: רומעניע, טראנסילוואַניע, מערב טיראָל, א. א. וו.
אנדערע: אידען, ארמעניער א. א.

טערקיי, אַלץ איז געווען אונטער דעם אייזערנעם קנאַפּעל פון דער האַבסבורגער דינאַסטיע.

גאַנצע זיבעצען פּראָווינצען און קליינע מלוכות זענען געווען דעפּענדענט אויף דעם צענטראַל־אימפּעריאַליסטישען הויז אין עסטרייך. יעדע מלוכה האָט געהאַט איהר פּאַרלאַמענט, לויט א געוויסער אויטאָנאָמישער רעכט. זיי האָבען אויך געהאַט א רעכט צו שיקען זייערע דעפּוטאַטען צום ווינער רייכסראַט, וועלכע זאָלען נעהמען א שטעלונג אין די לאָקאַלע אַנגעלעגענהייטען. די באַפעלקערונג פון דער גאַנצער אימפּעריע האָט זיך געצעהלט אין 1900 ביי 47,139,359.

אָט אזוי האָט אָנגעהאַלטען די צונויפגעלאַטעטע, צונויפגע׳שדכנ׳טע און צונויפגע׳גזל׳טע אימפּעריע איהר פּעסטונג פון רעאַקציע און פעאָדאַלע ווילדקייט. אַפילו אין דעם רעוואָלוציאָנערען יאָהר, 1848, ווען די האַבסבורגער זענען אַרויסגעיאָגט געוואָרען פון ווין. אונגאַרן האָט געפאָדערט נאַציאָנאַלע באַפרייאונג. די מאַסען האָבען רעוואָלטירט געגען זייערע אונטערדריקער, און עס האָט שוין געזאָלט צוטיילט ווערען די עסטרייך־אונגאַרישע אימפּעריע, און איהר איינטיילען צווישען די דייטשען, די אונגאַרן, די פּאָליאַקען און די איטאַליענער — די ״פיר געשיכטליכע פעלקער״, ווי מען האָט זיי דאַמאָלסט גערופען. און דאָך איז נאָך אַלץ די האַבסבורגער געלונגען צו באַזיגען זייערע געגנער, צו דערשטיקען די רעוואָלוציע און דעמאָקראַטיע. די קליינע פעלקער, ווי טשעכאָסלאָוואַקיע און יוגאָסלאַוויע, האָבען ניט געוואָלט איינגעשלונגען ווערען צווישען די דייטשען און איטאַליענער. די רעאַקציע איז נאָך דאַן גענוג גרויס געווען. ווי ענגעלס האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אז די האַבסבורגער אימפּעריע איז באַשיצט פון דער איטאַליענישער ציוויליזאַציע, דורך די אַלפּען־בערג. פון דער דייטשער ציוויליזאַציע — דורך די בערג פון בעמען און מערן. און דער טייך דונאַי — דער רעאַקציאָנערער שטראָם, האָט געטראָגען צו דער האַבסבורגער אימפּעריע. די באַרבאַריי פון די מזרח־לענדער. (אַך, ווי צייטען ענדערען זיך. היינט לויערט שוין ניט די דייטשע און איטאַליענישע ציוויליזאַציע; עס לויערט א מיטעלאַלטערליכע פינסטערניש און א דעספּאָטישער פּאַשיזם. נ. ש.)

עס איז געקומען די וועלט־מלחמה, אין 1914, און האָט א תל געמאַכט פון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע. דער עסטרייך־אונגאַרישער אולטימאַטום קיין סערביע, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די וועלט־מלחמה און רואינירט די גאַנצע וועלט, האָט רואינירט די האַבסבורגער אימפּעריע און צובראָכען די דואַלע מאָנאַרכיע. באַלד אין אָנפאַנג פון דער מלחמה, האָבען זיך שוין אָנגעהויבען אַוועקרייסען פון איהר: די טשעכען, יוגאָסלאַווען און אַנדערע נאַציאָנען. אַזאַ דואַלע מאָנאַרכיע איז זעהר לייכט געווען צו צוברעכען ביי וועלכען עס איז אויפשטאַנד. פאַר אַזאַ צונויפגעשטוקעוועטער מאָנאַרכיע איז געפערליך געווען אויסצוהונגערען איהרע מאַסען און זיי אַוועקצושיקען צום שלאַכטפעלד. די פיר יאָהר קריעג האָבען אין גאַנצען צובראָכען די אימפּעריאַלע אַרמיי. איבער דער צייט פון מלחמה האָט אין לאַנד געהערשט אַן אָרימקייט, הונגער, קעלט און פאַרצווייפלונג. אין איין זייט האָט געהערשט די בורזשואַזיע; אויף דער צווייטער זייט די דינאַסטיע און די גענעראַלען. דער אונצו־

טרוי צו דער מאַנאַרכיע איז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער. טאָג־טעגליך איז צוגעקומען נייע אינדעפּענדענטע מלוכות, וועלכע האָבען זיך אָפּגעריסען פון דער אימפּעריע. און אָט דאָס אַלעס האָט געבראַכט צו דעם מאַנאַרכיסטישען קריזיס.

די עליים זענען נאָך צוגעקומען מיט ווילסאָנ׳ס "פערצעהן פּונקטען" און געפאָדערט די אנערקענונג פון די קליינע מלוכות. די פארשיידענע דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען פון דער קעניגליכער פאַמיליע, האָבען קיין געהעריגע רעזולטאַטען ניט געבראַכט. דאָס האָט פאַרשאַרפט די געגנערשאַפט צו דער מאַנאַרכיע. דאָס פאָלק האָט געפאָדערט זייער רעזיגנאַציע. די האַבסבורגער, גלייך ווי די האָהענצאָלערן, וועלכע האָבען געהאַט א דורכפאַל אויפ׳ן שלאַכטפעלד מיט די מערב׳דיגע מלוכות, האָבען אין זייער היים מעהר געליטען דורך די רעוואָלוציעס, וואָס זענען דערהויפּט צוגעגרייט געוואָרען געגען זיי. זייער דורכפאַל אויפ׳ן שלאַכטפעלד איז געווען דער באָדען פון דער רעוואָלוציע. דער שיקזאַל פון די אימפּעריעס איז באַשטימט געוואָרען ביי די גלאָקען פון די ארמייען, מאַרשירענדיג צום קריעגס־פראָנט.

אין די טעג צווישען 28־טען און 31־טען אָקטאָבער, 1918 איז געקומען אן ענדע אויף דער האַבסבורגער מאַנאַרכיע. דעם 12־טען נאָוועמבער איז שוין פּראָקלאַמירט געוואָרען די עסטרייכישע רעפּובליק, אין וועלכער די סאָציאַליסטען האָבען געשפּילט א גאָר באַדייטענדע ראָלע. אין דעם ערשטען צוזאַמענשטעל פון מיניסטאָרען קאַבינעט איז קאַרל רעננער געוואָרען קאַנצלער, וויקטאָר אדלער — אויסלאַנדס־מיניסטער, און נאָך אנדערע אָנגעזעהענע סאָציאַליסטען זענען אריין אין דער רעגיערונג.

אין יענע ערשטע רעוואָלוציאָנערע יאָהרען, פון 1918 - 1920, איז עסטרייך געגאַנגען אזוי וויט ראַדיקאַל, אז געוויסע לינקע גרופּען האָבען אפילו געוואָלט איינפיהרען א "פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור", לויט׳ן סאָוועטישען מוסטער. די אַקטאָבער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט געשטאַרקט און ערמוטיגט דעם ארבייטער־קלאַס אין עסטרייך־אונגאַרן אויך איבערצונעהמען די רעגיערונג מיט מאַכט.

דעם 21־טען מערץ, 1919 האָבען די אונגאַרישע קאָמוניסטען ערפאָלגרייך דורכגעפיהרט זייער פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, פּראָקלאַמירט די אונגאַרישען סאָוועטען רעפּובליק, און איינגעפיהרט א קאָמוניסטישע דיקטאַטור, לויט׳ן לענינישען מוסטער. זיי האָבען דאַן געשלאָסען דעם באַוואוסטען אָפּמאַך מיט לענינ׳ן, וועלכער האָט געלויטעט ווי פאָלגט: "ביז דער צייט, ווען די אנדערע אייראָפּייאישע מלוכות וועלען אריבער צו א סאָוועטען־רעזשים, דאַרפען רוסלאַנד און אונגאַרן, איינע די אַנדערע זיך העלפען מאַטעריעל און מיליטעריש. די פארשיידענע סאָוועטען מלוכות דאַרפען מאָביליזירען זייערע ארמייען פאַר א געמיינזאַמער אטאַקע אויף דער אנטאַנטע ("עליים"), ספּעציעל אויף פּוילען און רומעניע". *)

די נאָכפאָלגער פון לענינ׳ן האָבען געגלויבט, אז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז נאָהענט, און דאַריבער האָבען זי צוגעגרייט פּלענער צו אָרגאַניזירען א

*) ד. שוב: "לענין", (וועקער, ניו־יאָרק, 1928) ז. ז. 203 - 204.

קאמוניסטישע רעוואלוציע אין גאנץ איראפא. די קאמוניסטען האבען דאן ערווארטעט, אז אין פארלויף פון איניגע מאנאטען זאלען אלע ארומיגע אומצופרידענע לענדער שטימען באלשעוויסטיש. צום ערשטען די קליינע מלוכות: טשעכאסלאוואקיע, רומעניע, יוגאסלאוויע; נאכהער די גרויסע מלוכות: איטאליע, פראנקרייך, ענגלאנד.

די אונגארישע קאמוניסטען, געפינענדיג זיך אין דער אמאליגער האבסבורגער אימפעריע, האבען זיך צום ערשטען א לאז געטאן קיין עסטרייך, פון בודאפעסט קיין וויען, כדי צו גרינדען א קאמוניסטישע רעפובליק אין עסטרייך, ווי אין אונגארן, און צוריק צו פאראייניגען עסטרייך מיט אונגארן.

די סאציאל-דעמאקראטען, אפילו די מעהר רעוואלוציאנערע, האבען אבער ניט מסכים געווען מיט די קאמוניסטען. אין זיין מייסטערווערק: "די עסטרייכישע רעוואלוציע". *) דערקלעהרט אונז אטא באוער דאס אונמעגליכקייט, און אוממעגליכקייט איינצוארדנען א פראלעטארישע דיקטאטור אין עסטרייך:

ערשטענס — האלט באוער — וואלט דאס עטאבלירען א פראלעטארישע דיקטאטור נאר מעגליך געווען אין די אינדוסטריעלע דיסטריקטען פון עסטרייך, וואו די ארבייטער וואלטען זיך געקענט אנטקעגענשטעלען געגען דער גרויס-בורזשואזיע און באנקירען. אבער ניט אין די אגרארישע געגענטען, וואו די דיקטאטור וואלט געליטען דעם גרעסטען דורכפאל. יענע אפאזיציאנעלע פראווינצען וואלטען זיך אין גאנצען געקענט אפזונדערען און אפטיילען זיך פון עסטרייך. דער קאמף געגען די דאזיגע רעאקציאנערען וואלט געפיהרט צו א בלוטיגען בירגער קריעג, וואס וואלט געבראכט צו דער אריינמישונג פון דער אנטאנטע. דער אונטערשייד פון עסטרייך און אונגארן באשטעהט אויך אין דעם, וואס עסטרייך קען ניט עקזיסטירען אהן דעם אימפארט פון אנדערע לענדער. די חולה-נופל'דיגע מלוכה דארף שטענדיג אנקומען צו פינאנציעלער שטיצע מן הצד, און ווי געוועהנליך, פון די פארבינדעטע. און ווי אזוי קען זי געהן קעמפען מיט זיי?!

צווייטענס, דארף מען אויך נעהמען אין אנבאטראכט, דאס די עסטרייכישע פויערים זענען גוט ארגאניזירט, און די אונגארישע פויערים זענען גארניט ארגאניזירט, און מעהרסטענסטייל אפאטיש.

דריטענס, אזא פאראייניגונג מיט אונגארן וואלט געמיינט א מלחמה מיט טשעכאסלאוואקיע — די שפייזערין פון עסטרייך. און דאס איז דאך אן אונמעגליכע זאך.

די עסטרייכישע סאציאל-דעמאקראטען זענען גארניט געווען דאגעגען פון איינפיהרען, אין אונגארן, א קאמוניסטישע רעגיערונג. פארקעהרט, זיי האבען נאך געהאלפען די אונגארישע סאוועטען רעפובליק. זיי זענען נאר געווען געגען דעם איינצופיהרען א "פראלעטארישע דיקטאטור" אין עסטרייך גופא, צוליעב די דערמאנטע אורזאכען.

*) Otto Bauer, The Austrian Revolution, (Translated by H. J. Steming) London, 1925, p.p. 91—103.

בעלא קון, מיט זיינע קאָמוניסטען, האָבען אין אָנפאַנגס געמיינט, אז די סאָציאַליסטען וועלען זיי שטיצען אין עסטרייך, גלייך ווי עס האָבען געטאָן די אונגאַרישע גענאָסען. אזוי שנעל אָבער ווי זיי האָבען אויסגעפונען, אז די עסטרייכישע סאָציאַליסטען שטימען ניט מיט זיי, האָבען זיי באַלד אָנגעהויבען אטאַקירען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, און ארויסטרעטען פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע.

די קאָמוניסטען האָבען אָרגאַניזירט דעם "פאָלקס־וועהר" פון געוועזענע סאָלדאַטען, רעוואָלוציאָנערע אינוואַלידען און וועטעראַנען. זיי זענען אפילו ארויס אין עפענטליכע דעמאָנסטראַציעס. עס איז פאָרגעקומען געגוג קאַמפען צווישען דער פאָליציי און די רעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראַנטען, ביז עס איז אָנגעקומען אַן אולטימאַטום פון פראַנקרייך. קלעמאַנסאָ האָט ארייגעשיקט א וואָרנונג צו דער רויטער ארמיי, און די רייאַטען זענען אָפּגעשטעלט געוואָרען.

אַז די סאָציאַליסטען, זענען אין דעם הינזיכט, אין גאַנצען גערעכט געווען מיט דעם, וואָס זיי האָבען געזאָגט, אַז עס איז נאָך ניט צוגעגרייט דער באָדען פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין עסטרייך, איז צו זעהן פון דעם פאַקט, וואָס אפילו בעלאַ קונ׳ס דיקטאַטור אין אונגאַרן האָט אויך ניט מעהר עקזיסטירט ווי אייניגע חדשים. און עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז די זעלבע אורזאַכען, וואָס האָבען געפיהרט צום שנעלען פאַלען פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור אין אונגאַרן, וואָלט געווים געווען געהאַט א שטאַרקערע ווירקונג אויף עסטרייך.

וועגען די אורזאַכען, וואָס האָבען געבראַכט צום אונטערגאַנג פון דער אונגאַרישער קאָמוניסטישער דיקטאַטור זענען פאַראַן מיינונגס פאַרשיידענהייטען צווישען די קאָמוניסטען זעלבסט. פּראָפ. וואַרגאַ, א געוועזענער קאָמיסאַר פון דער אונגאַרישער סאָוועטען־רעפּובליק, האָט באַהויפּטעט, אַז די דיקטאַטור איז געפאַלען דערפאַר, וואָס אונגאַרן איז געוואָרען איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווען שוואַך. די רוסישע רויטע ארמיי האָט ניט געקענט קומען צו הילף דער אונגאַרישער ארמיי, און אויך האָבען די פיהרער געמאַכט א רייהע טעות׳ן. בוכאַרין אָבער, באַהויפּטעט, אַז די אונגאַרישע דיקטאַטור איז געשטירצט געוואָרען פון די אויסלענדישע ארמייען, פון די פּויערים בונטען, אינווייניג אין לאַנד, און פון דער קליין־בורזשואזיע, אין די שטעדט . . ." די אונגאַרישע דיקטאַטור", זאָגט בוכאַרין, "האָט געהאַט געגען זיך די גרויסע מעהרהייט פון דער באַפעלקערונג פון די שטעדט און דערפער, און דערפאַר האָט זי זיך ניט געקענט האַלטען" . . . *)

אין אונגאַרן איז ניט געשאַפען געוואָרען א "פאַשיזם" אינ׳ם בוכשטעבליכען זין פון וואָרט, ווי אין איטאַליע. דאָרט איז צוריק אויפגעשטאַנען די פריצישע אריסטאָקראַטיע, ריכטיגער געזאָגט, א מאָנאַרכיסטישע רעסטאַוראַציע, און זיך אומגעקעהרט צו דער אַלטער אָרדנונג. די אריסטאָקראַטען און גענעראַלען, וועלכע

---

*) ד. שוב "לענין", ז. 205 אויסצוג פון דער מאָסקווער "איזוועסטיא" פון 21־טען אויגוסט, 1928.

זענען אויף א ווײַלע פּארטריבען געוואָרען, זענען צוריקגעקומען, און געוואָרען די הערשענדע קלאסען. גענעראל הארטי איז ביז׳ן היינטיגען טאָג פּארבליבען דער דיקטאטאָר. מיט בלוטיגע מיטלען האָבען זיי אונטערדריקט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

די רעוואָלוציע אין עסטרייך, וואָס איז געקומען אלס רעזולטאט און אויסדרוק פון דער ניט - לאָגישער האנדלונג פון דער בורזשואזיע און די עליים, און איבערהויפּט פון דער פּאררעטערישער האנדלונג פון דער מאָנארכיע, האָט נאָר אין אָנפאנגס, געלאָזט וואקסען דעם ארבייטער-קלאס און די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג. נאָר אין יענער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָדע זענען די סאָציאל־דעמאָקראטען געווען גענוג שטארק צו געבען א טויט־קלאפּ דער רעאקציע ביים ״האבסבורגער פוטש״ אין 1921.

נאָך מעהר, דער האבסבורגער פוטש אין מערץ 1921, האָט גאָר אריינגע־בראכט נייע פרישע כוחות אין דעם ארבייטער־קלאס. זעהענדיג, אז מען לויערט אויף דער רעפּובליק, האָבען זיי זיך גוט אָרגאניזירט און געשאפען זייער אייגענעם מיליטער און באטאליאָנען. די שטארקע באוועגונג פון דער מאָנארכיסטישער רעס־טאווראציע פון די האבסבורגער אין אונגארן, איז געווען דער אָנפאנג פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס האָט געוואָלט נאָכטאָן דער דייטשער רעאקציע נאָך איהר ״קאפּ־פוטש״ איינצופיהרען א מאָנארכיסטישע דיקטאטור. קארל האבסבורג האָט אפילו געמאכט שטאם מיט דער עסטרייכישער רעאקציע און קריסטליך סאָציאלער פּארטיי, ארונטערצואווארפען די דעמאָקראטישע רעגירונג און צוריק איינצופיהרען אין עסטרייך א מאָנארכיע.

דאַן האָבען נאָך די סאָציאליסטען געקענט שטעלען א ווידערשטאנד און קעמפען געגען דער קאָנטער־רעוואָלוציע. זיי האָבען אויפגעדעקט דאָס נארישקייט פון דער מאָנארכיע, וואָס וויל פּאראייניגען עסטרייך מיט דער בייערישער פּראָ־ווינץ. צום באדויערען אָבער, איז אין די איצטיגע באדינגונגען, דער פּאָליטישער איינפלוס פון די עסטרייכישע סאָציאל־דעמאָקראטען זעהר שוואך, און קענען שוין ניט באווייזען אזעלכעס, ווי אין יענע, אמאָליגע גוטע צייטען.

דער שלום־אָפּמאך אין סען גערמאין איז געווען דער רעזולטאט פון דער רעוואָלוציע; ער האָט אָבער צו דער זעלבער צייט באלד באשאפען דעם באָדען פאר דער רעאקציע, פאר דער קינפטיגער קאָנטער־רעוואָלוציע און פאשיזם. אויף דעם זעלבען טאָג, ווען עסטרייך האָט באדארפט ראטיפיצירען דעם שלום־אָפּמאך (17־טען אָקטאָבער, 1919), ווען די ערשטע רעגירונג האָט רעזיגנירט און א צווייטע קאָאַלי־ציע רעגיערונג, וואָס האָט שוין געטראָגען א גאָר אנדערען כאראקטער, איז צוזאַ־מענגעשטעלט געוואָרען, אָט דאַן האָט זיך שוין אָנגעהויבען באווייזען סמנים פון ירידה.

פון די צענטראלע אימפעריעס, וועלכע זענען צובראָכען געוואָרען נאָך דער וועלט־מלחמה, האָט די האבסבורגער אימפעריע מעהר געליטען, ווי אלע אנדערע.

פאר גאנצע פיר הונדערט יאָהר האָט עסטרייך פארנומען א חשוב׳ן פּלאַץ אין דער אייראָפּייאישער פּאָליטיק. פאראייניגט געווען אין א קאָמונע פון פארשיי־

דענע ראסען און נאציאָנען. א מאַזאַיק פון דייטשען, מאַדיאַרען, טשעכען, סלאָוואַקען, פּאָליאַקען, רוטענער, רומענער, קראַאַטען, סלאָווען, איטאַליענער — א באַפעלקערונג פון נאָהענט 50 מיליאָן מענשען. און איצט איז זי געוואָרען אָפּגעזונדערט פון אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילען, רומעניע, איטאַליע, יוגאָסלאַוויע — געבליבען קוים ביי א באַפעלקערונג פון אריבער 6 מיליאָן. וויען איז שוין ניט די הויפּט־שטאָדט פון א גאַנצער אימפּעריע, נאָר פון א זעקס מיליאָניגער באַפעלקערונג, וועלכע וואוינען אויף א טעריטאָריע פון 30,766 קוואַדראַטנע מיילען.

אזא נאַציאָנאַלע באַליידיגונג, אזא שרעקליכער דורכפאַל האָט באַלד באַשאַפען די רעאַקציע, אין פאָרם פון נאַציאָנאַלער גאַנצקייט, וואָס וויל אויפבויען און אויפלעבען דאָס אַמאָליגע עסטרייך. די פאַרביטערונג פון די מאַסען געגען דער רעפּובליק, איז אַלע מאָל מעהר פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט געוואָרען. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אז די רעפּובליק איז שולדיג אין דער נידערטרעכטיגקייט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען געגען זיי מיט דעם, וואָס זי האָט מסכים געווען צו דעם אָפּמאַך.

דער אַלוועלטליכער עקאָנאָמישער קריזיס האָט פאַנאַנדערגעבונדען די סטיכיע פון אַלוועלטליכען פאַשיזם. אין דעם געמיש פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דעמאַגאָגיע, האָט דער פאַשיזם אויסגעבויט פאַר זיך א נעסט, פריהער פאַר אַלץ, אין די לענדער, וואָס זענען באַ'עולה'ט געוואָרען פון דעם פרידענס־אָפּמאַך. די ניט־באַפרידיגטע ״נאַציאָנאַלע״ אינטערעסען האָבען געשטויסען די פאָלקס־מאַסען אין די אָרעמס פון נאַציאָנאַל - סאָציאַליזם. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט באַזונדער שטאַרק געטראָפען די צוויי לענדער — דייטשלאַנד, וואָס איז פאַראָרימט געוואָרען פון די שווערע רעפּאַראַציעס צאָהלונגען, און עסטרייך, וואָס איז אָפּגעשניטען געוואָרען פון איהר עקאָנאָמישען פונדאַמענט. און אָט די ענליכע סיבות האָבען אַרויסגערופען ענליכע פאָלגען. איןביידע לענדער איז געשאַפען געוואָרען א פאַשיסטישער גולם, וואָס טרוימט נאָך אַלץ צום אַמאָליגען צוריק אויפצושטעלען די אַמאָליגע מעכטע.

שולדיג אין דער צופאַלונג פון דער עסטרייכישער אימפּעריע איז די מאָנאַרכיע זעלבסט, וויסענדיג די פאַרשיידענאַרטיגקייט פון איהר אימפּעריע, דער אַנטאַגאָניסטישער אטאָם, די געאָגראַפישע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע דיפערענצען אין אָט דער אימפּעריע, האָט זי אויך פאָראויס באַדאַרפט פאַרשטעהן די געפערליכקייט פון מלחמה, אז דער שרעקליכער דינאַמיק וועט זיך פריהער אָנצינדען צווישען איהרע אייגענע בירגער, אויב זיי וועלען נאָר דערפיהלען א פונק פון דרויסען . . .

די זעלבע אורזאַכען, וואָס האָבען געבראַכט צו דער רעוואָלוציע, האָבען באַלד פאָראויס אָנגעזאָגט די בשורה פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. דער שלום־אָפּמאַך, די מלחמה פאַרלוסטען, וואָס האָבען געבראַכט צו דער שטירצונג פון דער מאָנאַרכיע, האָבען באַלד געעפענט א טיר פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דער מיטעלאַלטערליכער אידעע — פון פאַשיזם, וואָס וויל דערשטיקען די פרייהייט און וויל פאַרניכטען דעם ארבייטער־קלאַס.

די רעוואָלוציאָנערע פעריאָדע האָט זיך נאָר געענדיגט, און די בורזשואזיע האָט שוין געזוכט מיטלען, ווי אזוי ארויסצוכאַפּן די מאַכט פון די סאָציאַליסטישע הענט, און לײדער, איז איהר דאָס געלונגען. די רעאַלע כוחות - פּאַרהעלטנישען האָבען זיך אנטשײדען געענדערט לטובת דער בורזשואזיע. די מאַסען - ארבײטס־לאָזיגקייט האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם פּראָלעטאַריאַט, און כמעט ווי אונמעגליך געמאַכט צו באַנוצען זיך מיט א גענעראַל סטרייק — דער שאַרפסטער געווער פון דעם ארבײטער־קלאַס. — היטלער׳ס נצחון אין דײטשלאַנד, האָט ארויסגערופען בײם דעקלאַסירטען מיטעלשטאַנד א מורא׳דיגען אויפשוואונג פון פאַשיסטישער שטימונג.

פאַרענדיגענדיג זיין קלאַסיש ווערק, שרייבט אטא באוער: ״גלייך ווי די מענשהייט האָט באַדאַרפט איבערגעהן פון פעאָדאַליזם צו קאַפּיטאַליזם, דורך א סעריע פון רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסען, וואָס איטליכעס האָט באַשאַפען, טראַנזיציאָנעלע פאָרמען פון פּאָליטישען און סאָציאַלען לעבען, ביז מען איז איבערגעגאַנגען פון פעאָדאַלען סיסטעם פונ׳ם דרײצעהנטען יאָהרהונדערט צום קאַפּיטאַליסטישען שטאַט פונ׳ם נײנצעהנטען יאָהרהונדערט, אזוי אויך מוז די מענשהייט דורכמאַכען א סעריע פון רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסען אויף דער סטעזשקע פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם, דורך דער טראַנזיציע פון געוויסע פּאָליטישע און סאָציאַלע שטאַטען.

״די 1918 רעוואָלוציע איז געווען דער רעוואָלוציאָנערער פּראָצעס פון דעם הינזיכט. די רעוואָלוציע וואָס האָט חרוב געמאַכט די האַבסבורגס, איז ניט געווען אונזער רעוואָלוציע, איז ניט געווען די רעוואָלוציע פונ׳ם עסטרײכישען פּראָלעטאַריאַט, נאָר די רעוואָלוציע פון די טשעכען, פון די יוגאָסלאַווער און פּוילישער בורזשואזיע. דער עסטרײכישער ארבײטער־קלאַס האָט נאָר אויסגענוצט די געלעגענהייט פון דעם צופאַלענעם אויטאָראַטיווען שטאַט, זיך פיעל מעהר צו פאַרפעסטיגען און איבערנעהמען די מאַכט איבער די שולען און פאַבריקען . . . ״

פאַר דער עסטרײכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — האָט דער וועלט באַרימטער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער, קאַרל קאוטסקי, אָנגעוויזען — בלײבט נאָר איצט איבער איין וועג — אוועקצוגעהן פון ״אָנגריף סטראַטעגיע״, און זיך נעהמען צו דער ״אויסמאַטערונגס - סטראַטעגיע״. אײנצוהאַלטען זײערע געטרײע ארבײטער, און וואַרטען אויף א מעהר גינסטיגער צייט, ווען עס וועט מעגליך זיין ארויסצוגעהן אינ׳ם עפענטליכען קאַמף געגען דעם פאַשיזם. פריהער זיך גוט צוצוגרייטען און נאָכהער ביי דער ריכטיגער געלעגענהייט צו דערשטיקען דעם פאַשיזם, וואָס איז איצט, צום באַדויערען, גענוג שטאַרק, און ריזיג גרויס אונטערצודריקען די רעוואָלוציאָנערע ראַדיקאַלע באַוועגונגען. *)

*) דאָס קאַפּיטעל איז אָנגעשריבען געוואָרען אין יאַנואַר, 1934. פאַר׳ן בירגער־קריעג, אין פעברואַר (פון 11־טען ביז׳ן 18־טען), 1934, ביי וועלכען די עסטרײכישע ארבײטער האָבען ארויסגעוויזען זייער העראָאיזם אין זייער קאַמפּס־פרייהייט געגען דעם פאַשיזם.

א וואונדערליכער קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, וועט אויך פארבלייבען דער קאמף פון די עסטרייכישע ארבייטער געגען דער פאשיסטישער רעגיערונג. כאטש זיי האבען געוואוסט, אז זייער קאמף איז א פארלוירענער, האבען זיי בעסער געוואלט שטארבען אין פרייהייט, איידער בלייבען לעבען אין שקלאפעריי. אנשטאט אונטערצוגעבען זיך אהן א קאמף, האבען די עסטרייכישע ארבייטער־מאסען, אונטער דער פיהרערשאפט פון דער סאציאליסטישער פארטיי, אויפגעהויבען די פאן פון רעוואלט. די דאזיגע מוט וועט באוואונדערט ווערען פון דער גאנצער וועלט, און וועט האבען א ווירקונג צו פארשטארקען די סאציאליסטישע פאזיציעס אומעטום. די ווינער און לינצער סאציאליסטען און ארבייטער האבען געגעבען דער גאנצער סאציאליסטישער, און דער גאנצער ארבייטער וועלט, דעם באגייסטערענדען ביישפיל ניט נאר ווי אזוי צו לעבען, נאר ווי אזוי צו שטארבען פאר'ן סאציאליזם. זיי האבען געראטעוועט אי דעם כבוד, אי דעם איינפלוס פון סאציאליזם איבער גאר דער וועלט.

ניין! ניט אומזיסט האבען זיך די טויזענטער עסטרייכישע סאציאליסטען זיך מקריב געווען און ארויסגעגאנגען אויפ'ן שלאכטפעלד אויסגעקוילעט צו ווערען. ניט אומזיסט האבען די עסטרייכישע סאציאליסטישע ארבייטער, אין די טויזענטער, איינגעלייגט זייערע לעבענס, און נאך טאפעלט אזוי פיעל שמאכטען ביי דאלפוס'ן אין די געפענגענישען. פיעל, זעהר פיעל, האבען זיי אויפגעטאן מיט זייערע ליידען און בלוטען — זיי האבען דערהויבען דעם ארבייטער כבוד. מיט זייער העלדישען האפנונגסלאזען קאמף, האבען זיי אויפגעוועקט דעם דורשט נאך זעלבסט־אויפאפערונג. אט דאס האבען געטאן די טויזענטער מארטירער, וועלכע זענען טויט־געפאלען אויף די ווינער שטראסען. די טויזענטער ארבייטער, וועלכע האבען זיך געוואלגערט אינ'ם בלוט־באד פון די ווינער קאנאלען, און די סאציאליסטישע ארבייטער פיהרער, וועלכע שמאכטען איצט אין די געפענגענישען. די טויזענטער פון זיי האבען מיט זייער העלדישען מארטירער־טויט געראטעוועט דעם העלדישען מארטירער־לעבען פון דער גאנצער סאציאליסטישער באוועגונג. פאר די סאציאליסטען פון דער גאנצער וועלט איז עס א דערהויבענע, שטראהלענדע, אויפמונטערענדע טרייסט. די ווינער קרבנות, וועלכע זענען געפאלען אין זייער הייליגען קאמף, וועלען בלייבען איינגעקריצט אין זכרון פון יעדען ליבעראלען, דיינקענדען מענש. נ. ש.

קאפיטעל 16

די מאָנארכיסטישע דיקטאטור אין יוגאָסלאוויע

גלייך ווי די נאָרדישע סלאווען, פוילען און טשעכאָסלאוואקיע, וועלכע זענען באפרייט געוואָרען פון דער עסטרייכישער אימפעריע, אזוי אויך זענען די סלאווען פון זיד־אייראפא געוואָרען, נאָך דעם קריעג, אינדעפענדענטע פאראייניגטע נאציאָנען.

פון דעם ניי־געשאפענעם באלקאן, וואָס פארנעהמט א שטח פון 320,000 קוואָדראטנע ענגלישע מיילען, אויף וועלכע עס געפינט זיך א באפעלקערונג פון ארי־בער פערציג מיליאָן (40,000,000), געהערט: 96,134 קוואדראטנע מיילען, מיט א באפעלקערונג פון 12,017,323 *) (לויט דעם צענזוס פון יאָהר 1931) — צו יוגאָסלאוויע. 122,282 קוואד. מיילען **) שוין ארייגערעכענט בעסאראביע, מיט א זיבעצעהן מיליאָנעדיגער באפעלקערונג, באלאנגט צו רומעניע. די בולגארישע טעריאָטריע רעכענט זיך ביי 39,824 קוואד. מייל, מיט א פינף מיליאָנעדיגער באפעלקערונג. גריכענלאנד פארמאָגט 49,000 סקוו. מיילען פאר א באפעלקערונג פון 6,000,000; און אלבאניע, דער קלענסטער באלקאנישער שטאט, פארנעהמט ניט מעהר ווי א שטח פון 17,000 סקוו. מייל, און האט א באפעלקערונג פון 830,000 איינוואוינער.

דער נייער יוגאָסלאווישער שטאט, וואָס איז פראָקלאמירט געוואָרען דעם 1־טען דעצעמבער, 1918, באשטעהט פון סערבען, קראאטען, סלאווענער, אונטער דער פאראייניגונג פון סערביע, מאָנטענעגרא, באסניע - הערצעגאווינא, קרא־אטיע - סלאוואניע און דאלמאטיע.

די קאָנסטיטוציע, וואָס איז פארעפענטליכט געוואָרען דעם 21־טען יוני, 1921, האט נישט ארונטערגעוואָרפען די מאָנארכיע. קעניג אלעקסאנדער דער ערשטער, דער זוהן פון קעניג פעטער דער ערשטער, און פרינצעסין זאָרקא, די טאָכטער פון ניקאָלאי דעם ערשטען פון מאָנטענעגרא, און דער איידעם פונ׳ם ערשטען פערדי־נאנד פון רומעניע, איז אויף ווייטער געבליבען אין דער שפיצע פון דער רעגיערונג. די קאָנסטיטוציע האט אָבער באשאפען א פארלאמענט, א ״נאראדנא סקופשטינא״, פון 315 רעפרעזענטאנטען.

אויף אזא אופן זענען די סלאווענען — דער נאָרד־מערב טייל פון יוגאָסלא־וויע, וועלכע זענען שוין גאר פון אָנהויב פון זייער אנטוויקלונג ארייגעפאלען אין

*) אין יאָהר 1924 איז פיומע געוואָרען אן איטאליענישע שטאָדט. יוגאָסלאוויע איז דאן פארקלענערט געוואָרען אויף 95,628 סקוו. מיילען, און אויף א באפעלקערונג פון 11,337,686. נ. ש.

**) גרעסער פון איטאליע מיט 5,000 סקוו. מיילען.

די גערמאַנישע הענט; די קראאטען, וועלכע זענען זינט 1102־טען יאָהר רעגירט געוואָרען פון אונגארן; די זידישע סלאוועןֿ־קראאטען, וועלכע זענען זינט 1769 אויך געוואָרען אָפּהענגיג אין אונגארן; און סערביע, וואָס איז זינט דער מלחמה אין קאסאווו (1389) געווען א טערקישע פּראָווינץ, ביז צו דעם בערלינער אָפּמאַך אין יולי, 1878, ווען זי האָט צוריק באקומען איהר אומאָפּהענגיגקייט — געוואָרען פאַראייניגט אונטער איין קעניגרייך. א דאַנק דעם סערבישען גרויסען קעמפּער ניקאָלאי פּאשיטש, איז איהר געלונגען צו פאַראייניגען די אלע פארשיידענע פעלקער אין איין פאַראייניגטער נאַציע.

געגוג מיה און ענערגיע האָט מען אוועקגעלייגט ביים צוזאַמענעהמען די אלע נדחים, ביים פאַראייניגען די פעלקער, די צושפּליטערטע נאַציע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש, שפּראַכליך, רעליגיעז פאַנאַנדערגעטיילט אין פאַרשיידענע טיילען. עס איז געווען געגוג שווער צוזאַמענצוקניפּען און צוזאַמענבינדען אָט די אַלע אוועקגעפאַלענע און אוועקגעשטויסענע, וועלכע זענען שטענדיג געווען אָפּהענגיג און אונטערוואָרפען אונטער אנדערע גרויס־מעכטע, און זיך צוגעוואוינט צום גלות לעבען, און גלות פּסיכאָלאָגיע.

דער יוגאָסלאווישער שטאַט אנערקענט די אלע דריי קריסטליכע רעליגיעס צוליעב דעם, ווייל דאָס פאָלק איז צוטיילט אין די דריי קריסטליך רעליגיעזע סעקטען. די סערבען, וועלכע זענען קריסטאַליזירט געוואָרען פון דער מזרח, באַלאַנגען צו דער גריכיש־ארטאָדאָקסישער קירכע. די קראאטען, סלאוואנען באלאנגען צו דער קאַטוילישער קירכע, און אַנדערע — צו דער פּראָטעסטאַנטישער רעליגיע. פּשוט דערפאר, ווייל אין דער צייט, ווען די סערבען האָבען געהאַט זייער מזרח וועג דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבען די קראאטען־סלאוואנען געקוקט מערב־זייט, דורך דעם אַדריאַטישען ים, קיין רוים, אָדער צפון־זייט, קיין בודאַפּעסט און וויען.

די דאָזיגע אָריענטאַציעס האָבען, געוועהנליך, פיעל געווירקט אויך אויף דער פּאָליטישער זייט. די געמישטע מענשען האָבען זיך ניט נאָר אידייאיש, נאָר אויך פּראַקטיש אָפּגעטיילט איינער פון דעם צווייטען. פאַראַן דאָרט אזעלכע פּראָווינצען, ווי צום ביישפּיל, באנאט און באסקא, וואו עס געפינען זיך דאָרט פארשיידענע טיפּען מענשען: מאַדיאַרען, סערבען, דייטשען, קראאטען, סלאוואנער, רומענער, רוטענער א. א. די געגענזאַצען צווישען די פארשיידענע פעלקער זענען גאָרניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען נאָך דער מלחמה. אדרבה, צוליעב דעם עקאָנאָמישען קריזיס איז דער אנטאגאָניזם צווישען זיי נאָך מעהר פאַרשטאַרקט געוואָרען. און דאַריבער איז די פאַראייניגונג זעהר שווער אָנגעקומען, מען זאָל עס קענען דורכפיהרען און פאַרווירקליכען. געווען אפילו אזעלכע, וועלכע האָבען עפענטליך געזאָגט, אז פאר זיי איז פיעל בעסער בודאַפּעסט, איידער בעלגראד. זיי האָבען ניט געוואָלט איבערייסען זייערע באַציהונגען מיט רומעניע, אונגארן־עסטרייך, וואו דער פויער האָט געקענט פארקויפען זיינע פּראָדוקטען גיכער ווי אין דעם ניי־געבוירענעם יוגאָסלאוויע.

יוגאָסלאַוויע האָט אויך אַ זעהר שווערע פּראָבלעמס מיט איהר בילדונגס אינ־סטיטוציעס. אין די פאָלקס און רעאַל־שולען פאַר זייערע קינדער, וואָס ווערען אויסגעהאַלטען פון די קירכעס און פון דער רעגיערונג, ווערען דאָרט געלערנט און גערעדט פאַרשיידענע שפּראַכען, וואָס מאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס פאָלק וואָלט געווען צוטיילט, און געהערט גאָרניט צו איין נאַציע. די שפּראַכען ־ דיפערענצען שטערען מכלל די האַרמאָניזאַציע פון דער באַפעלקערונג. קיין הויך־שולען, אָדער אוניווערזיטעטען האָבען זיי לגמרי ניט. זיי דאַרפען אַנקומען קיין אונגאַרן, אָדער צו אַנדערע אייראָפּייאישע שטעדט, וואָס באַשטעהט פון פיעל שוועריגקייטען, און אין איניגע פאַלען, איז עס פאַר זיי אין גאַנצען אונמעגליך, צוליעב פינאַנציעלע און פּאָליטישע אורזאַכען.

די נייע יוגאָסלאַווישע רעגיערונג האָט אויך געהאַט צו צאָהלען ריזיגע, פאַר און נאָך מלחמה׳דיגע רעפּעראַציעס, פון אַ סומע פון 641,651,000 דאָלאַר. דאָס אַלעס מאַכט אונמעגליך די עקזיסטענץ פון דער יונגער אינדעפּענדענטער, נאָך מלחמה׳דיגער מלוכה.

די דאָזיגע שוועריגקייטען האָבען זיך באַלד ארויסגעוויזען ביים צוזאַמענ־שטעלען דעם ערשטען פּאַרלאַמענט. אין וועלכען די ראַדיקאַלען, אונטער דער פיה־רערשאַפט פון ניקאָלאַ פּאַשיטש, מיט זייערע 92 דעפּוטאַטען, האָבען געשפּילט די הויפּט ראָלע. סטעפאַן ראַדיטש, דער פיהרער פון די קראָאַטישע פּויערים, האָט געהאַלטען אין איין אַלאַרמירען געגען דער סערביאַנישער דינאַסטיע, וואָס וויל פאַרשקלאַפען דאָס פאָלק, און געפאָדערט די רעזיגנאַציע פון דער מאָנאַרכיע. עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז די קראָאַטען זאָלען זיך אין גאַנצען אָפּטיילען. דאָס האָט געבראַכט צו אַ שאַרפען קריזיס אין די רעגיערונגס קרייזען. די גאַנצע רעגיער־רונג האָט געמוזט רעזיגנירען.

ראַדיטש איז אין יאָהר 1924 אַוועק קיין מאָסקווע גרינדען די אינטערנאַצי־אָנאַלע פּויערים פּאַרטיי, צו וועלכער פּאַרטיי די קראָאַטען האָבען זיך אָנגעשלאָסען, מיינענדיג, אַז דער סאָוועטען פאַרבאַנד וועט זיי שטיצען אין זייערע פּאָליטישע מאַנעווערס. ״די סאָוועטען רעגיערונג״, האָט ראַדיטש דערקלעהרט צו די פּויערים, — ״האָט איהם צוגעזאָגט, דורך טשיטשערין׳ען, אַז זיי וועלען איהם העלפען, ווען ער וועט זיך נאָר נויטיגען אין זייער הילף, און צוליעב דעם קענען זיי שטעלען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע געגען דער בעלגראַדישער רעגיערונג״.

דער טומעל געגען דער מאָנאַרכיע איז געווען אויסערגעוועהנליך גרויס. פון אַלע זייטען האָט מען געהערט: ״נידער מיט דער מאָנאַרכיע! נידער מיט בעלגראַד! גיט אונז אַ רעפּובליק!...״ עס האָט דאַן געהאַלטען דערביי, אַז די יוגאָסלאַווישע מאָנאַרכיע זאָל זיך צופאַלען. ביז עס איז געקומען צו די נייע וואַהלען, דעם 8־טען פעברואַר, 1925. דאַן האָבען די ראַדיקאַלען, אונטער פּאַשיטש׳ען געהאַט אַ מעהר־הייט פון 165 דעפּוטאַטען, און פאַרמירט אַ רעגיערונג. די רייאַטען האָבען זיך שוין אָפּגעשטעלט. ראַדיטש זעלבסט האָט תשובה געטאָן אויף זיין רעוואָלוציאָנערער ארבייט, און איז אריין אין קאַבינעט, אלס בילדונגס מיניסטער.

דורך די עטליכע שטילערע, און מעהר זיכערע יאָהרען, האָט די מאָנארכיע זיך וואָס מעהרער געזעהן צו פארפעסטיגען און זיך פארשטארקערען. געשאַפען פאַר זיך א פעסטען און זיכערען באָדען. און אויף דעם 6־טען יאנואר, 1929, האָט דער קעניג אָפגעשאפט די קאָנסטיטוציע, פאנאנדערגעלאָזט דעם פארלאמענט, און איבערגענומען די גאנצע עקזעקוטיווע מאכט אין זיינע הענט אריין. אין א דעקרעט, וואָס ער האָט דאן ארויסגעלאָזט (דעם 17־טען פעברואר, 1929), האָט ער ערלויבט צו שאַפען א לעגיסלאַטיווען ראט פון 17 מיטגלידער, (11 סערבען, 4 קראאטען און 2 סלאָוואנען).

ווי מיר זעהען, איז דער יוגאָסלאווישער פאשיזם ניט דער זעלבער, ווי דער איטאַליענישער פאשיזם, וואָס איז געבויט אויפ'ן געגענזאץ צווישען דעם ארבייטער קלאַס און קאַפיטאליסטישער בורזשואזיע, און זעהט אין מוסאליני'ן א משיח, א דערלייזער פאר'ן פאָלק. און אויך ניט אידענטיש צו דער אונגארישער רעאקציע, וואָס איז געבויט אויף דעם געגענזאץ צווישען די רייכע אריסטאָקראטען און אָרימע פויערים. אין יוגאָסלאוויע איז בכלל ניטאָ קיין פריצים. עס איז א ריין פויערים־לאַנד.

די יוגאָסלאווישע רעאקציע האָט געפונען איהר פונדאמענט אין די נאציאָ־נאַלע געגענזאצען צווישען די דערמאָנטע פעלקער, וואָס מאכען פאר דער יוגאָסלא־ווישער מאָנארכיע אָנמעגליך אויפצוהאַלטען די עקזיסטענץ פון דער נאָך ניט איינ־געשטעלטער מלוכה. די יוגאָסלאווישע פויערים האָבען קיין משיח ניט געזוכט. דער משיח איז ארויפגעצוואונגען געוואָרען אויף זיי. די מאָנארכיע זעלבסט, מיט איהר אייגענעם ווילען, האָט אָנגענומען דיקטאטאָרישע מיטלען, כדי צו זיכערען דעם טראָן.

מיר מעגען אָבער צווייפלען אין דעם, צי עס וועט איהר געלינגען אזעלכעס דורכצופיהרען, צי די מאָנארכיע וועט קענען איינהאַלטען די נאציאָנאַלע פאראיי־ניגונג אין פאָרם פון יוגאָסלאווישען שטאַט. די קעניגרייך איבער די סערבען, קרא־אטען און סלאוואנען, האָט גאנץ שוואכע שאנסען צו קענען אָנהאלטען איהר דינאס־טיע. די יוגאָסלאווישע אנטאנטע האָט ניט קיין אויסזיכטען צו קענען עקזיסטירען אין דער צייט, ווען זי איז ארומגערינגעלט מיט אזוי פיעל אינערליכע און אויסער־ליכע שונאים.

פון יוגאָסלאוויע שפרייזען מיר אריבער אין דער נאָהענטער באַלקאנישער מלוכה, רומעניע. אויך דאָרט אנטוויקעלט זיך דער עהנליכער יוגאָסלאווישער פא־שיזם. דער רומענישער פאשיזם ווערט געבויט אויפ'ן געגענזאץ צווישען דער צו־שטארקער ארמיי, און צו־שוואכען פאָלק, פון דער ניי־אויפגעקומענער, און נאָך ניט באַפעסטיגטער מלוכה, וואָס ברייננגט דערצו, עס זאָל געשאַפען ווערען א שטריינגע דיקטאטאָרישע מאכט.

רומעניע איז נאָך דער קריעג פארגרעסערט געוואָרען מיט דריי פּראָווינצען: בעסאראביע - טראנסילוואניע, בוקאווינא און א גרויסער טייל פון דער יוגסלאווישער פּראָווינץ באנאט. בעסאראביע וואָס געפינט זיך ביים שווארצען ים, צווישען דעם דניעסטער און פרוט. דער גדר צווישען מזרח און מערב, האָט יאָהרען־לאַנג באַלאנגט

צו רוסלאַנד זינט דעם רוסיש־טערקישען אָפּמאַך אין יאָהר 1812. *) דער דיספּוט ארום דער טעריטאָריע האָט אין דער מלחמה־צייט אין 1916 אָנגענומען א גאַנץ ערנסטען כאראקטער.

די האבסבורגער האָבען דאָס ניט געוואָלט דערלאָזען, אז בעסאראביע־רומעניע זאָל ווערען א זעלבסטשטענדיגע מלוכה. ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט זיך אין מאלדאוויע און אין קעשענאוו געגרינדעט א נאַציאָנאַלע פארטיי, וואָס האָט פארלאנגט אויטאָנאָמישע רעכט פאר בעסאראביע. אין 1918 איז בעסאראביע פאראייניגט געוואָרען מיט רומעניע, ניט קוקענדיג אויף דער געגנערשאפט צווישען די ארומיגע שונאים. רומעניע איז אָבער ניט זיכער מיט איהרע פּראָווינצען. זי האָט מורא פאר וועלכע עס איז איבערפאַלען מצד אויסלאַנד און א דאנק דער דאָזיגער מורא שאפט זיך א פאשיזם אין פאָרם פון א שטרייגנער מיליטערישער דיקטאטור.

*) נאָך דער קרימער קריעג זענען די מאלדאווער גרעניצען אביסעל געענדערט געוואָרען. אין 1877 האָט אָבער רוסלאַנד ווידער פארכאָפּט בעסאראביע. — נ. ש.

קאפיטעל 17

פאשיזם און אנטיסעמיטיזם

פאשיזם אלס א קליין־בירגערליכע באוועגונג, האט גענומען — ווי מיר האבען שוין פריהער אנגעוויזען — פון אלע פראגראמען, און פון אלע פארטייען: פון דעם סאציאליסטישען, קאמוניסטישען פראגראם, ביז׳ן מאנארכיסטישען בורזשואזישען פראגראם און דאס אויסגענוצט אויף א ווילד דעמאגאגישען אופן. דער פאשיזם האט אויך אויסגענוצט די אלטע טראדיציעס פון אנטיסעמיטיזם, וואס שטימט מיט׳ן "עכט נאציאנאלען גייסט", און אין דער זעלבער צייט, גיט עס א געלעגענהייט ארויסצורוקען אזעלכע שארפע רעוואלוציאנערע לאזונגען ווי פארבאפען די אידישע אוניווערסאלע געשעפטען א. ד. גל. וואס אפעלירט צום קליין־הענדלער, צום פויער און צו טיילען פון פארפירטע ארבייטער.

עס דארף אויך אויפמערקזאם ווערען דער פאקט, וואס בעת יעדער פארצווייפעלטער סיטואציע באנוצט זיך דער אדער יענער פאשיסטישער פיהרער מיט אלע ליידענשאפטען און אלע פאראורטיילען וועלכע ער באמיהט זיך אויפצובלאזען געגען דער אדער יענער געפלאגטער פרעמדער נאציע, כדי איינצוהאלטען דעם שטראם פון די נאטירליכע עקאנאמישע שטרעמונגען, וואס וואלטען געבראכט צו רעוואלוציעס און אויפשטאנדען געגען דער הערשענדער סיסטעם . . .

דער היטלעריזם, גלייך ווי דער פאשיזם אין פוילען, רומעניע, ליטע און לעטלאנד *) האט ממילא געמוזט זיין אנטיסעמיטיש געשטימט. דער ראסען־האס איז א נאטירליכער אויסדרוק פון יעדער שאוויניסטישער באוועגונג. יעדער איינער וויל שאפען זיין אייגענעם גאט. די דייטשען ווילען אן עכט גערמאניש - נארדישען גאט, די אנדערע אן עכט סלאווישען גאט. איטליכער וויל זיך פארהיטען פונ׳ם פרעמדען גייסט. די דייטשע בלוטיגע נאצים ווילען זיך פארהיטען פון אזעלכע שרעקליכע גייסטער, ווי א שטייגער אונזערע בארימטע גאונים, אלבערט איינשטיין, קארל מארקס, ברוך שפינאזע, וועלכע האבען באלויכטען די וועלט מיט זייערע שאפונגען.

*) אן אויסנאם פון איטאליע, וואס מוסאליני און זיינע נאכפאלגער האבען ניט דערלאזען צו אנטיסעמיטיזם. אפשר ווייל אין איטאליע שפילען ניט די אידען קיין גרויסע ראלע. עס זענען אין גאנצען פאראן פופציג טויזענט אידען; און באזונדער שטעהט דאך מוסאליני אינטעלעקטואליש פיעל העכער פון היטלער׳ן און פארשטעהט בעסער ווי אזוי צו פיהרען דיפלאמאטישע פאליטיק.

די בורזשואזיע האט אויך גאנץ גוט געוואוסט ווי אזוי אויסצונוצען איהר ווילדקייט, פארראטענדיג אזוי נידערטרעכטיג איהר אידישע העלפט, די אידישע בורזשואזיע, און איהר מפקיר געוועז צו די אויפגערייצטע און אויפגעהעצטע מאסען, אבי מען זאל זיי לאזען צו רוה. זייער ווירטשאפט זאל זיין געזיכערט; און זייער קאפיטאל זאל ניט רואינירט ווערען.

די נאציאנאלע קאפיטאליסטען האבען דורך דער גאנצער צייט, טאג־איין, טאג־אויס, געהאלטען אין איין אריינהאמערען אינ'ם דייטשען פאלק, אז אין דייטשלאנד'ס נידערלאגע אין דעם קריעג, אין דער ארבייטסלאזיגקייט, אין דעם קריזיס, און אין דער פארארימונג פון דעם מיטעל־קלאס, זענען שולדיג די מארקסיסטען, די אידישע סאציאליסטען, וועלכע האבען צובאלעוועט די ארבייטער. היטלער מיט זיינע משרתים און משרתי - משרתים, אויף דער צווייטער זייט, האבען ווייטער די גאנצע שולד ארויפגעלייגט אויף די אידישע קאפיטאליסטען, וועלכע האבען פארקויפט און פארשקלאפט דייטשלאנד.

מען מוז אבער דא אויך אפען באטאנען, און זיך גאר ניט שעהמען, אז דער אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד האט געקראגען א ברייטע באזע צוליעב דער אויסערגעוועהנליכער "קראנקער" אידישער "עקאנאמיק", וואס האט אויפגערייצט "דאס דייטשע פאלק". העכער פיר־און־זיבעציג פראצענט (74%) פון דער אידישער באפעלקערונג אין בערלין, איז געוועזען באשעפטיגט אין האנדעל און אין לופטהאנדעל. אכט־און־זעכציג פראצענט (68%) פון אלע גרעסערע געשעפטען פון דאמען־קליידער זענען געוועזען אידישע. צום שרייענדיגסטען איז אויך געוועזען די ראלע פון אידען אין דער דייטשער פינאנציעלער וועלט, וואו זיי האבען געשפילט א דאמינירענדע ראלע. אויך די דעפארטמענט סטארס (גרויס־געשעפטען), די פירמעס טיץ, ווערטהיים, איזראעל א. א., באלאנגען צו אידען. דאס האט אויפגעריסען די אויגען פון די מאסען, וועלכע האבען ניט געקענט פארגינען, און ניט געקענט צוזעהן דאס רייכטום, וואס שטעהט איין אין אידישע הענט, און האבען אנגעהויבען צו טרוימען פון אוועקנעהמען עס פון די אידען.

מען קען זיך שוין גאנץ גוט פארשטעלען, וואס פאר א ווירקונג דאס האט געקענט האבען אויף א באוועגונג, וואס שטיצט זיך אויפ'ן דעקלאסירטען קליינעם בירגער, אויפ'ן מיטעל־קלאס. דערצו נאך, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען באלדיגע הילף. היטלעריסטען האבען דאך געהאלטען אין איין צוזאגען, און פארזיכערען די מאסען, אז אט מארגען וועלען זיי שוין אויסגעלייזט ווערען. מען וועט זיך אריינלאזען אין די אידישע געשעפטען און מען וועט זיי נאציאנאליזירען. יעדער איינער וועט זיך נעהמען וואס ער וועט נאר וועלען, וואס זיין הארץ וועט גלוסטען, און דערביי וועט ער נאך טאן א מצוה: מען וועט ראטעווען דייטשלאנד, מען וועט איהר רייניגען פון איהרע באטריבער. א נאצי, אז ער איז פארבייגעגאנגען דורך דעם ראטשילד־הויז אין פראנקפורט אם מיין, האט ער ביי זיך געטראכט, אז אין א ליאדע טאג, וועט מען דאס אלעס צוטיילען צווישען די דייטשען, און אויך ער, וועט כאפען א היבשע טייל פון זייער פארמעגען.

אזוי ארום איז דער נאַציסטישער אנטי-קאַפּיטאַליזם געוואָרען דער אויס־דרוק פון אנטיסעמיטיזם. דעם אידען האָט מען פאַררעכנעט פאַר דעם איינציגען קאַפּיטאַליסט, וועמען מען דאַרף באַזייטיגען און נאַציאָנאַליזירען זיין פאַרמעגען.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ ארויסצוברייגגען די היסטאָרישע סיבות, וואָס האָבען געטריבען דעם אידען צו די "פריע פּראָפעסיעס" און קראנקער עקאָנאָמיק. די דאָזיגע קראַנקע סאָציאַלע סיטואציע, דאַרף מען אויך וויסען, איז זעהר שווער אויס־צוהיילען אין דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, אזוי גוט אין אַנדערע לענדער ווי אין דייטשלאַנד.

מיר ווילען נאָר דאָ ארויסברייגגען די טאָפּעלע ליידען פונ'ם אידען, וועלכער ליידט אי אלס איד, אי אלס קאַפּיטאַליסט, און אי אלס סאָציאַליסט. דער פאַשיזם וואָס קאָמפּליצירט זיך ארום דער נאַציאָנאַלער סביבה, נוצט אויס אויך א ווילד זאָאָלאָגישען און מערדערליכען אופן צו באַשולדיגען דעם איד אין רעוואָלוציאָנע־רישקייט און רעאקציאָנערישקייט. אויב דער דייטשער פּראָלעטאַריער ליידט גענוג פונ'ם פאַשיזם אלס ארבייטער, ליידט אָבער דער אידישער גייסטיג און פיזישער ארבייטער אי אלס ארבייטער און אי אלס איד.

גלייכצייטיג האָבען מיר דאָ צו טאָן מיט נאָך א פאַשיסטישען שאַנטאַזש, וואָס זוכט צו באַווייזען און איינצורעדען די דייטשע דעקלאַסירטע קליינבירגער, אינטעליגענטען און ארבייטער, אז אויב מען וועט ארויסטרייבען די אידען, די זעקס הונדערט טויזענט דייטשע אידען, וועט דער ארבייטער קריגען ארבייט, דער קליינ־בירגער — קונים, און דער אינטעליגענט — א שטעלע.

אין אמת'ן אָבער זענען די אידען דאָך ניט מעהר ווי א הייפּעלע. די גרויסע אוניווערסאַלע געשעפטען וועלען דאָך ניט איינגעטיילט ווערען, זיי וועלען נאָר איבערגעהן און אריינפאַלען אין די הענט פון "עכטע" דייטשע קאַפּיטאַליסטען. דאָס פאָלק וועט ווייטער גאָרניט געניסען. דער דייטשער קליינביגער וועט נאָך גאָר־ניט געהאָלפען ווערען, אפילו דאַן, ווען מען וועט ארויסיאָגען דעם אידישען קליינ־בירגער.

דער אידישער קליינבירגער ווערט געטראָפען פונ'ם קריזיס, פונקט ווי דער ניט־אידישער. נאָכמעהר, אויב דאָס קליינבירגערטום בכלל, ווערט דאָס ערשטע "כפרה הינדעל" פון דעם טראַגישען קריזיס אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, איז דאָס אידישע קליינבירגערטום דאָס "כפרה הינדעל" אין טאָפּעל. דעם אידישען קליינבירגערטום קומט אויס אויסצושטעהן א מלחמה פון אויבען, מצד דער ווירט־שאַפטליכער שטאַרקער בורזשואזיע, און א מלחמה מצד דעם נאַציאָנאַל־פרעמדען קאָנקורירענדיגען קליינבירגערטום. ביי יעדען ווירטשאַפטליכען קריזיס הויבט זיך אָן דער ערשטער צו וואַקלען, דער עקאָנאָמיש-וויי‍ניגער סטאַבילער שיכט, וואָס דאָס איז דאָס קליינבירגערטום, און דאָס אידישע קליינבירגערטום איז דאָך דער אומסטאַבילסטער שיכט פון די אומסטאַבילסטע. דערפאַר טאַקע ווערט דאָס אידי־שע קליינבירגערטום. דער כמעט ערשטער אביעקט אין דער וועלט פאַר די קלעפּ פון דער איבערגאַנגס עפּאָכע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און אין דעם פּעריאָד פון

זיעגרייכען פאשיזם. דער יאוש, די פּרעספּעקטיוולאָזיגקייט פון דעם אידישען קליינבירגערטום ווערט פיעלפאַך גרעסער ווי ביי דעם ניט־אידישען קליינבירגערטום. זיינע ארויסטרעטונגען, זענען נאָך פארצווייפעלטער, נאָך האָפנונגסלאָזער, ווייל זיי זענען נאָך מעהר צוועקלאָז. שוין דערפאר אליין, וואָס דאָס אידישע קליינביר־גערטום, און מיט איהם דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, ווערט פאָרגעשטעלט ביים פאַ־שיזם אלס דער שונא, וואָס האָט געבראַכט צום אונטערגאַנג פון דעם ניט־אידישען קליינבירגערטום, וואָס האָט אונטערגעגראָבען די יסודות פון דער נאַציע און איהר עקאָנאָמיש צובראָכען. אַך, ווי פאַלש און נידערטרעכטיג זענען אָט די ביזע פאַר־לוימדונגען.

* * *

דער היטלעריסטישער אנטיסעמיטיזם איז אויך אַן איבערבלייבעכץ פונ׳ם אמאָליגען אנטיסעמיטיזם נאָך פונ׳ם פינסטערען מיטעלאלטער. דער אנטיסעמי־טיזם איז שוין פון גאָר פריהערדיגע צייטען איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין דער נשמה פון דייטשען פאָלק.

די אידען זענען שטענדיג געווען דאָס "כפּרה הינדעל". אויב דער דייטש האָט עפּעס געליטען עקאָנאָמיש אָדער סאָציאַליש, האָט ער זיין גאַנצען כעס אויס־געלאָזט צום אידען. אין דער צייט פונ׳ם דרייסיג־יאָהריגען קריעג, (1618—1648) ווען דייטשלאַנד האָט עקאָנאָמיש געליטען, זענען אונטערגעבראָכען געוואָרען די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע יסודות פונ׳ם דייטשען אידענטום. מען האָט זיי באַ־קעמפט מיט דער גרעסטער גרויזאמקייט, אין אלע ווינקלען פון דייטשלאַנד. און אפילו נאָך דער פראנצויזישער רעוואָלוציע (1789), אין דער צייט פון רעפאָרמאַציע, ווי נאָר עס האָט א בליאַסק געטאָן פאר די אידען, אין דער פארשטיקטער געטאָ, איז באַלד אויפ־ס׳ניי אויפגעגאַנגען א וואָלקען פון אידען־שנאה, און זיי געוואָלט אומ־ברייגנען מיט א מבול פון אנטיסעמיטיזם.

אזוי איז אַוועקגעגאַנגען כמעט דאָס גאַנצע אכצענטע יאָהרהונדערט — דאָס יאָהרהונדערט פון אויפקלעהרונג. אידען האָבען גאָרניט גענאָסען, סיי אינ׳ם פּאָליטישען, און סיי אינ׳ם בירגערליכען הינזיכט. דער אויפגעקלעהרטער פרידריך, דער גרויסער האָט נאָר לפנים געמאַכט אייניגע הנחות און רעגלאַמענטען. רעכטליך זענען זיי ווייטער געבליבען צו פינסטערען און אונטערדריקט צו ווערען, ווי אין די פריהערדיגע יאָהרהונדערטער. ער האָט דאָך אלע אידען ארויסגעשיקט פון די קליינע שטעדטלאך, אלס פארלאַנג פון דער אָרטיגער באַפעלקערונג.

עס האָבען זיך דאַן אפילו אָנגעהויבען הערען שטימען געגען דער אונמענש־ליכער באַהאַנדלונג, וואָס מען ווענדט אָן בנוגע אידען, אָבער מען האָט זיי ווייניג וואָס געהערט. לעסינג, מענדעלסאָנ׳ס נאָהענטער חבר, וועלכער האָט אָנגעשריבען זיין גרויסע דראמע: "נאטאַן דער ווייזע", אין וועלכער ער האָט ארויסגעצייגט זיין אידען־פריינטשאַפט, האָט זעהר פיעל געליטען. די דייטשען זענען איהם די יאָהרען דערגאַנגען פאר זיין וואַגען ארויסצושטעלען זיך פאר די אידען.

נאָך מיט הונדערט יאָהר צוריק האָט בערנע געזוכט אויפצוקלעהרען דעם דייטשען פאָלק וועגען די דאָמאָלסטדיגע פאָגראָמען אויף אידען מיט א משל פון א יעגער און א שלאַנג. ווען דער יעגער וויל פאַקען די ריזיגע שלאַנג, גיט ער איהר פריהער אן אָקס איינצושלינגען . . .

מארטין לוטהער האָט עס גאַנץ אָפען געזאָגט: — "געטרוי נישט דעם פוקס אויף דער גרינער לאָנקע; געטרוי נישט קיין אידען אויף זיין שבועה" . . .

"דאָס פאָטערלאַנד פון די אידען באַשטעהט אין זייער רוה; קיין קאָמונע אויף דער ערד האַלט זיך ניט אזוי שטארק ווי די דאָזיגע, און דערפאַר איז עס אבּ-סורדיש זיי צו געבען א פּלאַץ אין דער רעגיערונג, אָדער אין דער אדמיניסטראַציע פונ'ם שטאַט" — האָט געזאָגט שאָפּענהויער.

"אין דער פּראַקטיק, איז אין אַלע אייראָפּייאישע לענדער פאַרשפּרייט א מאַכטפולער פריינדליכער שטאַט, וואָס איז שטענדיג אין קריעג מיט אַלע אנדערע שטאַטען, און פּרעסט געפערליך די בירגער: — דאָס איז יודאיזם" — האָט פיכטע דערקלעהרט.

גאַנץ אַנגעזעהענע גרויסע פילאָזאָפען האָבען געהאַט אזעלכע פאַלשע באַ-גריפען וועגען אידען און אידענטום. אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבען אַנט-וויקלען דער אזוי גערופענער וויסענשאַפטליכער אנטיסעמיטיזם, וואָס שטיצט זיך אויף דער ראַסען-טעאָריע. אין דייטשלאַנד האָט דער אנטיסעמיטיזם אָנגענומען אַזאַ ערנסטען כאַראַקטער, אַז אפילו אין די סאָציאַליסטישע קרייזען האָט ער גע-האַט אַ זעהר גרויסע ווירקונג. די קריסטליכע סאָציאַליסטען זענען אַלע געווען אויסגעשפּראָכענע פאַרביסענע אנטיסעמיטען. אדאָלף שטאַקער, דער גרינדער פון דער קריסטליך סאָצ. דעמאָקראַטיע, דער גרויסער אינטעלעקט און טעאָלאָג, האָט אויסגענוצט זיין גאַנצע מאַכט און פּאָזיציע צו באַקעמפען די אידען, און געשריבען פיעל ווערק וועגען אידען-האַס. די קריסטליכע סאָצ. פּאַרטיי און זייערע אָנהענגער האָבען דעם איד געמאַכט פאַר דעם "שעיר לעזאזל" און אויפגערייצט די מאַסען געגען איהם. און אויב אין רוהיגע צייטען האָט מען געהאַסט דעם איד'ן, הלמאי ער איז א סאָציאַליסט, און געהעצט געגען איהם הלמאי ער איז א קאַפּיטאַליסט, ווי אזוי קען מען פאַרלאַנגען, אז די בלוטיגע היטלעריסטען זאָלען בעסער זיין ? ! . . .

ווען נישט די כלומרשט'ע וויסענשאַפטליכע ווערק: "די גרונדלאָגען דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט", און "מענש אונד גאָט" פון דעם רענעגאַט, וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין דייטשלאַנד, האוסטאָן סטוארט טשעמבערליין; "דער יודע אונד מאָדערנעם קאַפּיטאַליזמוס" פון פּראָפ. זאמבארט, וואָלט זיך גאָרניט גע-קענט אנטוויקלען אזאַ אנטיסעמיטישע באַוועגונג, ווי דער היטלעריזם. די פריקס, די געבעלס, די גערינגס, זענען די נאָכפאָלגער און תלמידים פון זייערע פריהערדיגע וועג-ווייזער, וועלכע האָבען זיי געלערנט, ווי אזוי צו פעלשען די וויסענשאַפט, און אויסטראַכטען פאַלשע ראַסען-טעאָריעס.

אין די פריהערדיגע צייטען, ווען עס איז נאָר געווען א גרויסער עקאָנאָמי-שער קריזיס, איז באַלד פאַרשטאַרקט געוואָרען דער אנטיסעמיטיזם. אזוי איז גע-

ווען אין ביסמארקס צייטען, וועלכער איז אין זיין ערשטער רעדע, אין רייכסטאג שארף ארויסגעטראטען געגען אידען. און דאס זעלבע זעהען מיר אויך איצט, אינ'ם איצטיגען מאמענט, וואס דייטשלאנד ליידט אזוי פיעל פונ'ם עקאנאמישען קריזיס — האט זיך פארשטארקט דער אנטיסעמיטישער געפיהל פון די צארנדע און ליי־דענדע מאסען.

אזוי שנעל, ווי דער מיטעלאלטער איז צוריקגעקומען, מיט'ן וואונדערליכען פראגרעסירטען מאדערנעם עראפלאן, מיט זיין גאנצער ברוטאלער און ווילדער מאכט און זיך פארשפרייט איבער'ן דייטשען ארבייטער באוועגונג און אידענטום בפרט, און אויף דער גאנצער ציוויליזאציע בכלל, האט עס אונז אידען מעהר געטראפען פריהער פאר אלעמען, און שווערער פאר אלעמען, האבען, מיר אידען, עס דער־פיהלט. געגען היטלער'ן וואלט שוין אפילו ביסמארק געווען א ליבעראלער און טאָ־לעראנטפולער מענש.

אזוי ווי די פאשיזירונג אין דייטשלאנד האט נאר באקומען די מאכט, און מען האט אנגעהויבען אויסראטען די אלע, וועלכע זענען ניט מסכים מיט דעם היט־לער־רעזשים, אזוי גיך ווי מען האט אנגעהויבען "רייניגען" די אוניווערזיטעטען, ארטיסט און קונסט אקאדעמיעס — האבען אידען מערסטענס געליטען. הונדער־טער אידישע פראפעסארען האבען געמוזט פארלאזען דייטשלאנד און זיך ארויס־לאזען מיט'ן וואנדער - שטעקען זוכען א פלאץ וואו זיך אהינצוטאן. די דייטשען פון אידישער אפשטאמונג ווערען באהאנדעלט ווי פרעמדע און פיינט פון פאטער־לאנד. מענשען, וועלכע האבען געוואונען די נאבעל - פרייזען, די וויכטיגסטע פיגורען אין דער דייטשער וויסענשאפט, ריכטען איצט אפ גלות.

עס האט אבער באמת גאר ניט געדארפט זיין קיין אנטווישונג אט די לעצטע גרויליכע פאסירונגען אין דייטשלאנד. עס האט נישט געדארפט זיין קיין איבער־ראשענדע נייעס אט די פאגראמען אויף אידען.

נאך איידער היטלער איז אריין אין מאכט; איידער דער היטלעריסטישער טעראר האט זיך אנגעהויבען, האבען מיר גאנץ גוט געדארפט וויסען, וואס עס באדייט פאר'ן דייטשען אידענטום, אויב היטלער זאל זיגען און ווערען דיקטאטאר איבער דייטשלאנד. מיר האבען זיך שוין פריהער געקענט פארשטעלען די קאניבאלע מעשים פונ'ם בלוטדורשטיגען אנטיסעמיט, היטלער, און זיינע בויאנעס.

היטלער'ס אויטאביאגראפיע: "מיין קאמף", וואס איז נישט מעהר ווי א לענגערער רעפעראט און פראפאגאנדע ביכעל, וואס רעפרעזענטירט דעם היטלעריזם, איז פול מיט אידען־האס. פון דער הקדמה ביז צו דער ענדע, וועקט עס דעם אנטי־סעמיטיש־חיה'שען געפיהל. פון צווייטען קאפיטעל אן געפינען מיר נישט קיין איין קאפיטעל, וואו עס זאל ניט דערמאנט ווערען דעם איד'ס נאמען מיט שאנד און שפאט; מיט זלזולים, בלבולים און באליידיגונגס אויסדריקען.

זינט ער איז געקומען קיין וויען, וואו ער איז צום ערשטען מאל אין זיין לעבען געקומען אין באריהרונג מיט אידען, האט ער שוין אנגעהויבען האסען דעם

איד, ניט וויסענדיג אפילו פארוואס און פאר וועלכען קומט איהם צו האסען. ווי ער אליין דערצעהלט אין זיין "קאמף", *) זאל ער געוועז לערנען זיין אנטיסעמיטיזם פון קארל לועגער, דער פיהרער פון דער עסטרייכישער קריסטליך סאצ. פארטיי. דערוויסענדיג זיך, אז אויך די סאציאל דעמאקראטישע פארטיי מיט איהרע צייטונגען ווערען פיעל קאנטראלירט פון אידען, איז ער באלד ארויסגעטראטען פון דער פארטיי, און אפילו געווארען איהר פרינציפיעלער געגנער.

אויף טריט און שריט, ביי יעדען ווארט און זאץ, ווערט אויסגעדריקט זיין צארן געגען דעם איד'ן, וואס איז אינטערנאציאנאליסטיש, קאסמאפאליטיש, קאפיטאליסטיש און קאמוניסטיש. אין אלעם באשולדיגט ער דעם איד: דער איד האט ארגאניזירט די רעוואלוציע אין דייטשלאנד. דער איד האט ארגאניזירט די רעוואלוציע אין בייערען געגען פרייסען, און דער איד וויל צוטיילען דאס דייטשע פאלק אין צוויי טיילען, און איהם אזוי ארום אין גאנצען צוצוברעכען.

די אידען — האלט היטלער אין איין ווידערהאלען — זענען שולדיג אין דייטשלאנד'ס דורכפאל אין דער לעצטער וועלט-מלחמה. די אידען האבען רואינירט דייטשלאנד צוליעב זייערע אייגענע אינטערנאציאנאלע אינטערעסען. ער קומט צום אויספיר, אז "די נאציאנאל סאציאליסטישע באוועגונג וועט זעהן, אז כאטש אין דייטשלאנד זאל מען רעאליזירען דעם טויטליכען שונא, און איהם באקעמפען. דאס וועט ברייגען בענעפיטען צו דעם ארישען הומאניטעט אין זיין קאמף פאר לעבען..." ער גלויבט אויך, אז אין אלע אנדערע לענדער וועט מען קומען צום באוואוסטזיין אויסצוראטען און צו פארניכטען אט דעם גרעסטען שונא. דעם איד פאררעכענט ער פאר דעם גרעסטען אוזורפאטאר, וועלכער וויל פארכאפען און קאנטראלירען די גאנצע וועלט. **)

"דער שווארצהאריגער אידען-יונג" — שרייבט היטלער — "לויערט שטונדען-לאנג, מיט א טייוואלישער פרייד, אויף דער יונגער מיידעל, וועלכע ער שענדעט מיט זיין בלוט, כדי זי צוצורויבען פון איהר פאלק. ער (דער איד) גראבט אונטער די יסודות פון דער קונסט, ליטעראטור און טעאטער; רייסט אראפ אלע באגריפען פון שעהנקייט און ערהאבענקייט; פון גוטסקייט און איידעלקייט, און אנשטאט דעם, שלעפט ער אראפ די מענשען אין דעם אייגענעם קרייז, פן זיינע נידעריגע אינסטינקטען. ווי נאר דער איד דערגרייכט צו דער פאליטישער מאכט, ווארפט ער פון זיך אראפ די לעצטע מאסקע וואס ער טראגט. פון דעם דעמאקראטישען איד ווערט א בלוטיגער איד, א טיראן פון די פעלקער".

אט אזעלכע צאצקעדיגע געדאנקען ווערען ארויסגעזאגט אין דער ביבעל פון נאציאנאל סאציאליזם, וואס ווערט געלעזען אין גאנץ דייטשלאנד, און וואס איז פארהייליגט געווארען ביים יונגען נאצי, אין וועמען עס איז גוט איינגעפלאנצט געווארען די מארד-זריעה אויף אידען.

*) Adolf Hitler: My Struggle, Hurst & Blockett Ltd., London 1933, Part 1, Chap. 2, p.p. 30-36

**) זעה: "מיין קאמף" (ענגלישע איבערזעצונג) ז. ז. 241—252.

נאָך אין 1920, ביים "קאפ פוטש", האָט שוין אויף היטלער׳ס פאָן געפלא־טערט דער האקענקרייץ מיט׳ן אנטיסעמיטישען רוף, אויסצוקוילען אלע אידען. זינט דאמאלסט אָן האָט מען אָנגעהויבען מארשירען אונטער׳ן געזאנג, פון יענעם גיפטיגען לידעל: "אונד ווען דאָס יודענבלוט פאָן מעסער שפריטצען, דאן גייטס נאָכאמאָל זאָ גוט".... פארענדיגענדיג מיט: "דויטשלאנד ערוואכע! יודע פער־רעקע!" אנטיסעמיטיזם איז געוואָרען דאָס לעבען און נשמה פון היטלער׳ס באַ־וועגונג.

די אָפיציעלע פראָגראם פון ד. נ. ס. ד. א. פּ. אין יאהר 1920, האָט אין איהרע 25 פונקטען, געגעבען פרייהייט צו אלע שיכטען פון לאנד מיט׳ן אויסנאם צו אידען און דער אידישער רעליגיע, וואָס איז שעדליך פאר׳ן לאנד, און שטימט בכלל נישט מיט דעם ספּיריט פון דעם דייטשען פאָלק.

פון פונקט 13 ביז פונקט 17, רעדט מען ארום וועגען דער נאציאָנאליזאציע און אגראר רעפאָרם. היטלער זעלבסט האָט אָבער געמאכט א קאָמענטאר אויף דעם זיבעצענטען פונקט. און אין אפּריל, 1928, האָט ער עפענטליך דערקלעהרט, אז דער פונקט איז נאָר בנוגע אידען, אז ער ערלויבט אוועקצונעהמען פון אידען זייער גע־קויפטען באָדען און עס צוטיילען צווישען די דייטשען. ער מאכט א חלוק פון אידי־שע ערד, וואָס איז געקומען צו זיי דורך "ספּעקוליאציע", און דיישע ערד וואָס איז געקומען "לעגאל", דורך שווערער מיה און ארבייט, צום גערמאנער און זייערע גער־מאנישע עלטערען.

אין די פריהערדיגע פונקטען, ווערט אויסדריקליך ארויסגעזאָגט, אז קיינער, חוץ מיטגלידער פון דער דייטשער נאציע, קענען נים זיין קיין שטאטליכע בירגער. קיינער, חוץ דייטשיש בלוט קען ניט זיין קיין מיטגליד צו דער נאציע, און ממילא דער איד, וואָס קען ניט אריינגענומען ווערען אלס מיטגליד צו דער נאציע, האָט שוין קיין רעכט אויך נישט. ער בלייבט רעכטלאָז, און האָט קיין שטימע ניט צו קיין רעגיערונגס וואהלען.

עהנליכעס געפינען מיר אין דעם אָפיציעלען פארטיי מאניפעסט פון די נאצים, וואָס איז פראקלאמירט געוואָרען דעם 6־טען מערץ, 1930, וואו עס ווערט צווישען אנדערעס דערקלעהרט אז "דער אידישער געלט־מארק, וואָס קאָנטראָלירט די פארלאמענטארישע דעמאָקראטיע אין דייטשלאנד, האָט א תל געמאכט פון דער דייטשער אגריקולטור און ארבייטער קלאס . . . און דאריבער מוז מען אוועקנעהמען דעם באָדען, וואָס געהערט צו אידען, און עס אוועקגעבען צו עכטע דייטשען".

דער איד בלייבט, אלזאָ, א רעכטלאָזער, א שטאטלאָזער און זיין פארמעגען איז הפקר. ווען מען וויל קען מען איהם ארויסשיקען פון לאנד און זיין ווירטשאפט קאָנפיסקירען, און איינטיילען צווישען די דייטשע.

די היטלעריסטישע משרתים האָבע דורך דער גאנצער צייט אגיטירט דעם אנטיסעמיטיזם און געהעצט געגען דעם איד׳ן. אויף דער פלאטפאָרם, אין די צייטונגען, איבעראל האָט מען געהאלטען אין איין פראָפאגאנדירען דעם אידען־האָס.

"די אידען — האָבען זיי שטענדיג איבערגע'חזר'ט — זענען די פינאַנסירער, די באַנקירען, די רויבער, וועלכע זויגען אונזער בלוט. זיי האָבען אנטוויקעלט דעם צינזען־קנעכטשאַפט, וואָס האָט פּאַראַליזירט דייטשלאַנד. די איינציגע עצה קען נאָר זיין: זיי אויסצוקוילען. דאָס וואָלט געווען דער בעסטער "מאָראַטאָריום" די מיליאָנען ארבייטסלאָזע, אנשטאט צו שטילען זייער הונגער מיט ברויט, האָבען זיי געוואָלט זיי געבען אידיש בלוט צו טרינקען.

דר. אלפרעד ראָזענבערג, דער בלוטיגער היטלעריסטישער פילאָזאָף, האָט זיך גאָר ניט געשעהמט, און עס אָפען דערקלעהרט אין זיין בוך: — "דער מיטאָס דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט", אז אויף יעדען טעלעגראַפען שטאַנגע (סלופּ) פון מינכען ביז בערלין, וועט א קאָפּ פון א פּראָמינענטען אידען, אויפגעהאַנגען ווערען".

"אנטיסעמיטיזם" — זאָגט גאָטפריד פעדער — "איז דער פונדאַמענט פון אונזער באַוועגונג. דער נאַצי מוז זיין מעהר ווי א סתם אנטיסעמיט, ער דאַרף האַסען דעם איד קאָלעקטיוו — דאָס גאַנצע אידיש פאָלק, אלס פאָלק, און ניט נאָר אינדיווידועל".

דר. יאָזעף געבעלס, היטלער'ס רעכטע האַנט און פּראָפּאַגאַנדע מיניסטער, וועלכער האָט אמאָל געמאַכט א ניט־געלונגענעם פאַרזוך צו שרייבען פּאָעזיע און דראַמעס, וועמעס ווערק "דער וואַנדערער", וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין 1924, האָט קיין טעאַטער אין דייטשלאַנד ניט געוואָלט אויפפיהרען — האָט אין זיין בוך "די פאַרפלוכטע האַקענקרייצלער", געשריבען: — "אידען האָבען חרוב געמאַכט אונזער ראַסע, א תל געמאַכט פון אונזערע מאָראַלע טראַדיציעס. דער איד איז אונפּראָדוקטיוו, זיין פאַרמעגען האָט ער אַוועקגע'גנב'עט פון אַנדערע. דער איד האָט פאַרשקלאַפט דאָס דייטשע פאָלק... אלע נאַציאָנאַליסטען זענען אידען־האַסער, ווייל זיי האָבען באַשמוצט אונזער ראַסע און נאַציאָן"...

אין זיינער א בראָשורע האָט געבעלס צווישען אנדערעס געזאָגט: —

"די פרייהייט פון דער דייטשער נאַציע קען נאָר דערגרייכט ווערען, געגען די אידען. געוויס איז דער איד אויך א מענש... אָבער די פלוי איז אויך א באַשעפעניש... עס איז דער חוב אויף אונז און אויף אונזער געוויסען, איהם צו מאַכען אומשעדליך".

אין זיין ארטיקעל: "איך האָב געזעהן וואָס די נאַציס האָבען געטאָן צו די אידען" *) ברייננט אונז דער בארימטער רומעניש־ענגלישער שרייבער, קאָנאַרד בערקאָוויצי, די פאָלגענדע ציטאַטע פון געבעלס א רעדע: —

"ווען דער טאָג וועט קומען, און דו וועסט כאַפּען א אידען־קאָפּ אונטער דיינע ווילען, זאָלסטו איהם גוט צודריקען, ביז דו וועסט שוין פיהלען, אז ער איז טויט. קיין סימפּאַטיע צו אידישע פרויען און קינדער. מיר רופען פאַר באַרבאַרישע

*) Konard Bercovicy, "I Saw What the Nazis Did to the Jews" Liberty, May 6, 1933, p.p. 16, 21

און׳ברחמנותדיגע אויסראָטונג צו דער פאראייניגטער ראַסע, וואָס שלעפּט אַרום אונזער גערמאַניש בלוט. דויטשלאַנד פאַר דויטשען! מיר וועלען צוקוועטשען די אַלע, וועלכע האָבען ערלויבט די אידען צו לעבען אַזוי לאַנג״ (געמיינט די סאָציאַליסטען).

און איצט מכה ראַסע. היטלער אין זיין פאַרגרייזטען בוך, ווייסט צו דערצעהלען וועגען דאָס אומריינקייט פון אידיש בלוט, וואָס באַשמוצט דאָס ריינקייט פון דער עכט ארישער ראַסע. ער פאַרקריכט שוין אַזוי ווייט, צו באַשולדיגען די אידען אַלס די איינציגע פאַרשפּרייטער פון סיפיליס און פּראָסטיטוציע.

היטלער פאָדערט זאָפאָרט די ראַסען טעאָריע זאָל ווערען געזעצליך, און זאָל אריין אין דער פּראַקטיק. דער נאַציאָנאַלער שטאַט זאָל צוטיילען זיין באַפעלקערונג אין דריי טיילען: שטאַט־בירגער, שטאַט־סוביעקטען, און פרעמדע. דער געבורט זאָל ניט מעהר געבען ווי די נעמען ״סוביעקט״, וואָס גיט די רעכט צו וואוינען אין לאַנד, אָבער ער בלייבט נאָך רעכטלאָז. און האָט קיין רעכט צו שטימען ביי וועלכע עס איז רעגיערונגס וואַהלען כל זמן ער איז נישט קיין עכט גערמאַנער, פון דער אַרישער ראַסע. דער אונטערשייד צווישען דעם ״סוביעקטיווען״ און ״פרעמדען״ מעגנש זאָל באַשטעהן אין דעם, וואָס דעם ערשטען לאָזט מען באַטש אָטעמען, און וואוינען אין לאַנד אונטער די פאַרשיידענע דיסקרימינאַציעס; און דעם לעצטען ניט־געוואונשענעם גאַסט, מעג מען צו יעדער צייט, אָן וואָסערע באַשולדיגונגען — דעפּאָרטירען.

היטלער האַלט אין איין אויסרעכענען די מעלות פון דער אַרישער ראַסע, די שאַפער און בויער פון דער קולטור, און אין געגענטייל צו דעם אַריער שטעלט ער אַוועק דעם איד, וואָס איז אונפּראָדוקטיוו, חרוב׳־מאַכער פון קולטור, וועמען מען דאַרף אויסראָטען און פאַרניכטען.

כדי צו זיכערען דאָס ריינקייט פון דייטשען בלוט, און נאָכמעהר, צו פאַרהיטען דאָס דייטשע בלוט פון דער אויסמישונג מיט׳ן אידישען. די אידען זאָלען זיך שוין מעהר ניט קענען אַסימילירען און באַשמוצען די דייטשען, (די אידען זעלבסט זענען באַגאַנגען אָט דעם פאַרברעכען מיט׳ן זוכען זיך צו ראַטעווען פון דיסקרימינאַציע, דורך דעם עקסטרעמסטען אַסימיליאַציע פונקט — שמד נ. ש.) — האָט היטלער אָנגעהויבען איינצואָרדנען די סטעריליזאַציע.

דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער ״ראַסען טעאָרעטיקער״, פּראָפעסאָר שטעמלער, האָט אָנגעגעבען פאָלגענדע סמנים פאַר דער ראַסען אונטערשיידונג:

1. אַלס אַנגעהעריגער צו אַ פרעמדער ראַסע, זאָל אַריינגערעכענט ווערען יענער, וועלכער פאַרמאָגט אין זיך לכל הפּחות אַ העלפט פרעמד בלוט, דאָס הייסט, וועמענס איינער פון די עלטערען, אָדער צוויי פון די עלטערענס־עלטערען, האָבען געהערט צו אַ פרעמדער ראַסע. אַלץ איינס וועלכע רעליגיע זיי האָבען געהאַט. אַלס פרעמדע ראַסע ווערען דערביי אָנערקענט אַלע פאַרביגע ראַסען און די אזיאַטישע און אָריענטאַלישע ראַסען, די אידען שוין אַריינגערעכענט.

2. יעדער דערוואקסענער דייטשער בירגער קען נאָר הייראַטען, אונטער א שבועה, אָנגעגעבען אין מעלדונגס־אַמט, צו וועלכער ראַסע ער געהערט . . .

3. די אלע, וועלכע ווערען אנערקענט אלס אָנגעהעריגע צו א פרעמדער ראַסע, טאָרען זיך מעהר נישט באַצייכענען אלס דייטשען, נאָר אלס פרעמדע־ראַסיגע (אידען פון דייטשלאנד א. א. וו.).

א געוויסער פּראָפ. ברעגמאַן, איז געגאַנגען נאָך ווייטער און געזאָגט: —
1) אז חתונות צווישען דייטשען און פרעמד־ראַסיגע זאָלען זיין שטריינג פאַרבאָטען פון איצט אָן. 2) אז א געשלעכטס פארקער צווישען נישט חתונה געהאַטע דייטשען און פרעמד־ראסיגע, זאָל באַשטראָפט ווערען: דער פרעמד־ראסיגער מיט תפיסה, און דער דייטש מיט א בלויזען ארעסט...

גוסטאוו דאַרע׳ס בוך: — ״ניי אדעל אוסבלוט אונד באָדען״ באַקומט היט־לער׳ס סאַנקציע, אינ׳ם דריטען רייך. לויט זיין פּלאַן קענען נאָר חתונה־אַקטען באַ־שטעטיגט ווערען פון רעגיערונגס אינספּעקטאָר דאַן, ווען מען האָט שוין פריהער געמאַכט די ביאָלאָגישע דעמאָראלאָגישע, סינעקראלאָגישע אונטערזוכונגען.

לויט זיין פּלאַן, ווערט די דייטשע פרוי צוטיילט אין פיר בלוט־קלאַסען: די ערשט־קלאַסיגע פרוי איז די, וועלכע איז אין גאַנצען ״ריין״ פון וועלכע עס איז פרעמדער ראַסע. אזעלכע איז פּאַסיג צו הייראַטען צו א בלוט־נאָבעלען דייטש. א נאָבעלער דייטש וועט ניט טאָרען הייראַטען נאָר אן ערשט־קלאַסיגע מיידעל. מייד־לאַך פון דעם צווייטען קלאַס זענען די, וועלכע זענען פּאַרדעכטיגט אין ניט גענוג היטענדיג זייער ריינקייט. זיי מוזען געשטעלט ווערען אונטער א ספּעציעלער אָב־סערוואַציע צו אנאַליזירען זייער בלוט, ביז מען געפינט אויס דעם אמת, און אויב זיי זענען ״ריין״ מעגען זיי אויך הייראַטען אַ ריינעם מענש. דער גורל פון די ביידלאַך פון דעם דריטען קלאַס איז כמעט צום ערגסטען. דאָס זענען מיידלאַך, וועמעס בלוט פּראָבע האָט ניט אויסגעהאַלטען, מעגען זיי זיין פיזיש אינטעלעקטו־אליש גאַנץ גוט אנטוויקעלט, איז זיי ניט ערלויבט צו הייראַטען א נאָבעלען דייטש. זיי מעגען נאָר הייראַטען צו א נידעריגען קלאַס מענש, און בתנאי, אז די הייראט זאָל זיין קינדערלאָז . . . א פרוי פונ׳ם פערטען קלאַס איז אין גאַנצען פּאַרבאָטען צו הייראַטען, אונטער קיינע באַדינגונגען.

אָט אזוי האָט דער היטלעריסטישער אידען־פרעסעריי מאשין געארבייט די גאַנצע צייט פון זיין אנטשטעהונג ביז׳ן היינטיגען טאָג. היטלער, וועלכער האָט עפענטליך ערקלעהרט אין זיין ״קאַמף״, אז ״פיהרען די מאַסען קען מען נאָר דאַ־מאָלסט, ווען מען נאַרט זיי אָפּ״, האָט דורך דער גאַנצער צייט געהאַלטען אין איין נאַרען דאָס דייטשע פאָלק און זיי איינגערעדט, אז אין אלץ און אלעמען זענען שול־דיג די אידען. אזוי ארום וואָלט עס ממילא געווען ניט נאַטירליך, ווען די אָנהענגער פון היטלעריזם זאָלען ניט זיין קיין אויסגעשפּראָכענע אנטיסעמיטען.

* * *

היטלער האט קיין אָריגינעלען אנטיסעמיטיזם ניט געדאַרפט שאפען. דאָס מאטעריאל דערצו, די טעאָריעס זענען שוין געווען צוגעגרייט. עס האט נאָר געפעלט די גינסטיגע צייט דאָס צו פארקערפערען און עס פּראַקטיש דורכצופיהרען.

אזוי ווי די בלוטיגע באנדיטען האבען איבערגענומען די מאכט, האבען זיי זיך באלד א וואָרף געטאן אויף דעם דייטשען אידענטום, און זיך גענומען דורכפיה־רען זייער אנטיסעמיטישען פּראָגראם. דאָס איז געווען די לייבסטע זאך פאר זיי דורכצופיהרען דעם גרעסטען טייל פון זייער פּראָגראם, וואָס באשטעהט דורכאויס אין אנטיסעמיטיזם. עס איז דאכט זיך גרינגער אויסצוקוילען הונדערטער אידען איידער צו נאציאָנאַליזירען די בענק און גרויס אינדוסטריעס — איידער צו געבען ברויט די הונגעריגע, איידער צו שאפען ארבייט פאר ארבייטסלאָזע.

אָט אזוי דינט מען אָפּ דער אידישער באפעלקערונג, וואָס האט זיך באזעצט ארום דעם ריינישען געגענט שוין מעהר ווי טויזענט יאָהר — די זעקס הונדערט טויזענט אידען (איין פּראָצענט פון דער גאַנצער באפעלקערונג), וועלכע האבען אזוי פיעל בייגעשטייערט צו דעם לאנד, מעהרער ווי זייער קוואָטא; די, וועלכע האבען זיך טריי געשלאָגען אין דער וועלט־מלחמה פאר ״זייער״ פאָטערלאנד.

דאָס הארץ בלוטעט, די אויגען פינקלען, די טרעהרען ווערען ארונטערגע־שלונגען און דערשטיקט, ווען מען הויבט זיך אָן צו דערמאָנען פון די היטלעריסטישע גרויזאמקייטען.

אומזיניג, לעכערליך זענען די הכחשות פון די היטלעריסטען, אז די גרויל־פּראָפּאַגאנדע איז א ליגנערישע פּראָפּאָגאנדע. קאמיש זעהט אויס די באהויפּטונג, אז אונטער דער היטלער רעגיערונג געשעהט די אידען קיין שלעכטס נישט. נאָך פופצעהן יאָהר צייט ווי מען אנטוויקלעט סיסטעמאטיש די שנאה צום איד. פופצעהן יאָהר צייט האט מען די אידען פּאָרגעשטעלט אלס די ערגסטע ברואים, מיט וועמען מען דאַרף זיך גוט ״אָפּרעכענען״. איז דען א וואונדער, וואָס נאָך דער אזוי גערוי־פענער נאציאָנאַלע רעוואָלוציע, איז די מאָרד זריעה פארטיג און צייטיג געוואָרען?

קאפיטעל 18

דער אלגעמיינער סך־הכל פון דעם פאשיזם און זיין באוועגונג

אַך, ווי שרעקליך עס האָט זיך געענדערט דאָס בילד פון אייראפּא פאַר די לעצטע יאָהרען. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט מען פיעל אַכט געלייגט אויפ׳ן אייראָפּייאישען דעמאָקראַטיזם און רעפּובליקאַניזם ; עס האָט זיך געדוכט, אז אָט, אָט קומט שוין אָן די גאולה, און דער מיטעלאַלטער ווערט אָפּגעווישט. און פּלוצלונג האָט זיך פאַרשפּרייט אַזאַ געדיכטער, פינסטערער וואָלקען, וואָס וויל פאַרדעקען גאַנץ אייראָפּא מיט איין מאָל.

די שוואַרצע קייט פון פאַשיזם, פון ערב־פאַשיזם, פון גאַנץ פאַשיזם, ציהט זיך פון דער נאָרד ביז דער זיד, דורכ׳ן סאַמע הארץ פון צענטראַל אייראָפּא, — פון דעם ווייסען ים, אויף וועמעס ברעגעס עס ליגט פינלאַנד, דורך פוילען, דייטשלאַנד, עסטרייך א. א. וו. ביז צום מיטעל ים, קיין יוגאָסלאַוויע און איטאַליע. פון די סקאַנדינאַווישע לענדער ביז צו די באַלטישע און באַלקאַנישע לענדער.

פאַשיזם! — דאָס פּאָפּולערסטע ווערטעל אין דער איצטיגער צייט. זינט דער וועלט־מלחמה איז דאָס וואָרט אריינגעצויגען געוואָרען אין דער טאָג־טעגליכער מענשען־שפּראַך. ספּעציעלע אָפּהאַנדלונגען און דיסקוסיעס ווערען געפיהרט אין די צייטונגען און זשורנאַלען פון דער גאַנצער וועלט. די ליטעראַטור פוןביידע קלאַסען, פון דער קאַפּיטאַליסטישער און פּראָלעטאַרישער, איז פול מיט מיינונגען, פון געגען און פאַר דעם פאַשיזם. דער דענקער און פובליציסט, דער פּאָעט און פילאָזאָף — אַלע זענען זיי פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע.

קיין דעפינירטען פּראָגראַם, אָדער מאַניפעסט, פון וועלכען מיר זאָלען קענען גענוי אנאַליטיש אָפּשאַצען זיינע טעאָרעטישע און פּראַקטישע וועגען און צילען, איז ביז איצט נאָך ניט פאַרעפענטליכט געוואָרען. ניט דאָס פובליקום און מאַסען נאָכפאָלגער פאָדערען, אָדער נויטיגען זיך גאָר אין אַזאַ זאַך, ווי א פּראָגראַם, און ניט דער פיהרער וויל פאָראויס ארויסזאָגען זיינע גרונט־פּרינציפּען.

דאָס, וואָס מיר ווייסען פון די אזוי גערופענע פאשיסטישע ליניעס, וועגען און צילען, איז נאָר פון זייער פּראָפּאַגאַנדע און אגיטאַציע, און פון אונזער אביעקטיווער אָפּשאצונג פון די טאַטען, וואָס ווערען באַגאַנגען אין דער פאשיסטישער, אָדער נאַציאָנאַל - סאָציאַליסטישער וועלט. דאן זעהען מיר אָבער, אז ניט אומעטום

אנטוויקעלט זיך דער פאשיזם אין דעם זעלבען פארם. מיר זעהען פאר זיך פאשיזמען אין פארשיידענע שלייערס.

די פונדאמענטאלע און אלגעמיין־אנגענומענע געזעצען, אויף וועלכע דער פאשיזם שטיצט זיך זענען:

1. אימפעריאליזם און נאציאנאליזם — מיט אנגעשטריינגטע כוחות צו קעמפען געגען אינטערנאציאנאליזם, צו זיין גרייט מיט א מיליטאריסטישען און פאטריאטישען עלעמענט, צו ראטעווען דאס פאטערלאנד און די נאציאן פון אונטערגאנג. אין טייל פאשיסטישע לענדער ווערט דאס אויסגעטייטשט, צו קעמפען געגען דעם ווערסאילער פרידענס־אפמאך און פעלקער ליגע, וואס האט רואינירט זייערע אימפעריעס. לויט'ן היטלעריסטישען אויסטייטשונג, מיינט עס, צו שאפען די "דריטע אימפעריע", וואס זאל צוריק פאראייניגען דעם דייטשען פארבאנד פון 25 שטאטען.

2. צו קעמפען געגען די אוטאפיסטען, קאמוניסטען און סאציאליסטען, וועלכע פרעדיגען פאסיפיזם און אינטערנאציאנאליזם, ווייל דאס איז געגען דער נאטור, און געגען דעם רעאלען פאקטאר אין מענשליכען לעבען און אין זיין אנט־וויקלונגס פראצעס.

3. צו שטיצען די רעליגיע, דער סיפירט און מאראל פון דער מענשהייט, וואס איז שוין מיט טויזענטער יאהרען צוריק איינגעווארצעלט געווארען אין דער מענשליכער נשמה. און אויך איינצווארדנען קאנפעסיאנעלע שולען, וואו מען זאל לערנען מיט די קינדער רעליגיע און גלויבען.

4. איינגער צו מאכען די פרייע טעטיגקייט, סיי פון דער בורזשואזיע, און סיי פון דעם ארבייטער־קלאס. רעגולירען מיט צוואנג־מיטלען דאס לעבען און טעטיגקייט פון דעם יחיד אדער גרופע, דורך דעם אפעקן פון דער געזעלשאפט. דער אינדיווידועלער מענש זאל קאנטראלירט ווערען פון דעם שטאט. אויף דעם עקאנאמישען געביט מיינט עס: אז די פראדוקציע פון דעם לאנד זאל ניט אויסגע־נוצט ווערען פאר דעם בלויזען פראפיט פון דעם יחיד, נאר לטובת הכלל, פאר דער גאנצער געמיינדע און באפעלקערונג. אונטער דעם שטאט'ס קאנטראל זאל באגרעניצט ווערען די פראפיטען פון א קאפיטאליסטישער אונטערנעהמונג, אין די אינטערעסען פון דער גאנצער געזעלשאפט. אבער דאס מיינט ניט, מען זאל אין גאנצען צושטערען די סטרוקטור פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

5. כדי דאס צו גאראנטירען און ווירקזאם מאכען דעם קאנטראל איבער די יחידים, מוז מען עס באשריינקען, און ניט אנטרויען צום פאלק און דעמאקראטיע. אזא זאך קען נאר געמאלט זיין, ווען עס איז פארקערפערט אין איין־איינציגען פיהרער, וועלכער זאל מיט זיין אינטעלעקטועלען חוש געפינען פלענער ווי אזוי דאס אלעס צו קאנטראלירען. דער דאזיגער "גרויסער" מענש דארף זיין דער דיק־טאטאר איבער דעם שטאט און איבער אלע מלוכה־ארגאנען.

ווי מיר זעהען, אַלזאָ, איז דער פאַשיזם ניט מילכיג, און ניט פלייש ; ניט סאָציאַליסטיש און ניט קאַפּיטאַליסטיש. ער פּרעדיגט צום ארבייטער־קלאַס אָפּצושאַפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, און צו דער בורזשואַזיע — אויפצובויען דעם קאַפּיטאַליזם, און וויל שאַפן א ״שטאַט - קאַפּיטאַליזם״, וואָס זאָל דינען די אינטערעסן פון פאָלק און נאַציע. מיט׳ן פּרעדיגען סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם, איז מען אויסן ראָמאַנטיש צו באַאיינפלוסן די ארבייטער מאסען, און אַפּילירן צו דער מאַסן קליינבירגערטום.

דער פאַשיסטישער שטאַט זעהט אויס ווי א פאַרבאַנד פון עגאָאיסטן, וואָס נעהמט צו די פרייהייט פון דער באַפעלקערונג, סיי אין וואָרט, סיי אין טאַט. דער אייגענער ״איך״ שטעהט העכער — טויזענט מאָל העכער — פאַר דעם גאַנצן סאָציאַלן באַוואוסטזיין.

ניט אומעטום אָבער האָט דער פאַשיזם דעם זעלבן כאַראַקטער, און ניט איבעראַל ווערן שטריינג אָפּגעהיט די דערמאָנטע פּרינציפּן. אין א טייל לענדער איז ער מעהר ליבעראַל, אין אַנדערע לענדער — מעהר קאָנסערוואַטיוו.

עס איז אויך פאַראַן געוויסע פונקטן, וואָס ניט איבעראַל האָבן זיי געהאָט די זעלבע ווירקונג. ווי, למשל, דער אנטיסעמיטיזם ביי היטלער׳ן און זיינע נאַצים איז עס געוואָרן א הויפּט אישו, און פאַרנעהמט דעם אויבענאָן אין זיין פּראָגראַם. זייער מאָטאָ איז : ״דויטשלאַנד ערוואַכע ! יודע פאַררעקע !״ אינטענסיוו און סיסטעמאַטיש וואָרצלען זיי איין אויפסניי דעם אידען־האַס, און וועקן אויף דעם אַלטן דייטשן קולטורעלן אנטיסעמיטיזם. דאָס זעלבע זעהען מיר אין פּוילען, עסטרייך, ליטע א. א. וו. וואו דער אנטיסעמיטיזם האָט זיך אזוי צופלאַקערט אין די לעצטע צייטן.

גאַנץ אנדערש איז אָבער אין איטאַליע. אונטער מוסאָליני׳ס דיקטאַטור איז דער אנטיסעמיטיזם אין גאַנצן פאַקטיש אויסגעוואָרצעלט געוואָרן. ״אנטיסעמיטישער פאַשיזם״ — האָט מוסאָליני געזאָגט — ״מיינט נאַרישקייטן. מיר פּראָטעסטירן געגען געוויסע מענשן, אין דייטשלאַנד, וואָס פאַראייניגן פאַשיזם מיט אנטיסעמיטיזם״.

דער אמת איז *) אז דער פאַשיזם אין דייטשלאַנד, פּוילען, רומעניע, ליטע א. א. האָט געמוזט זיין אנטיסעמיטיש געשטימט. דער ראַסן - האַס איז א נאַטירליכער אויסדרוק פון יעדער שאָוויניסטישער באַוועגונג. יעדער איינער וויל באַשאַפן זיין אייגענעם גאָט. די דייטשן אַן עכט גערמאַניש — ״נאָרדישען גאָט״. די סלאַווען — א סלאַווישען גאָט. איטליכער וויל ארויסציִיגען זיין סופּערנאַציאָנאַליזם. און דאָס, וואָס אין איטאַליע האָט מוסאָליני און זיינע נאָכפאָלגער ניט דערלאָזט צום אנטיסעמיטיזם, קען זיין דערפאַר, ווייל אין איטאַליע האָבן אידען ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע. עס זענען אין גאַנצן פאַראַן פופציג טויזענט אידען אין איטאַליע. און באַזונדערס, מוסאָליני שטעהט דאָך אינטעלעקטואַליש פיעל

*) זעה פריהערדיגען קאַפּיטעל 17, ז. 176.

העבער פון היטלער׳ן. און אויך פיעלע אנדערע נאציִשע פונקטען עקזיסטירען גאר ניט אין איטאליע, אונטער דעם מוסאליני־רעזשים.

דער פאשיזם — ווי מיר זעהען — האט זיך קאלאסאל אנטוויקעלט. גאנץ אייראפא איז פול מיט דעם פאשיזם. די עפידעמיע האט זיך שוין ווייט אריבערגעטראגען איבער די גרעניצען פון איטאליע און דייטשלאנד. דעם פאשיזם קענען מיר שוין אנטיילען אין:

1. פאשיסטישע מלוכות: איטאליע, פוילען, דייטשלאנד, אונגארן, עסטרייך און די באלטישע לענדער.

2. האלב־פאשיסטישע מלוכות: די באלקאנישע לענדער.

3. קליינע גרופען פאשיסטען: ענגלאנד, דער יונגער לארד אסוואלד מאזלי און זיין פארטיי. די ראיאליסטען אין פראנקרייך. קליינע גרופען געפינען מיר כמעט אין אלע אייראפייאישע לענדער.

פארוואס האט זיך דער פאשיזם אנטוויקעלט אין א מאסען באוועגונג? פארוואס זענען די מאסען באאיינפלוסט געווארען פון דער פאשיסטישער דעמאגאגיע? און פון וואנען האבען זיך גענומען די קוואלען פון פאשיזם?

פארשיעדענע סיבות האבען געפיהרט דערצו. היסטארישע אומשטענדען און סאציאל עקאנאמישע קריזיסען האבען געווירקט און געהאלפען אנטוויקלען דעם פאשיזם איבער גאנץ אייראפא. ווי מיר האבען שוין אין די פריהערדיגע קאפיטלאך באהויפטעט, זאל דער פאשיזם אין די מערסטע לענדער, געוועזען שעפען פון די פאלגענדע קוואלען:

1. וועלט־מלחמה, און אומבאפרידיגטער נאציאנאליזם. די וועלט־מלחמה, מיט איהרע גרויסע פארלוסטען און אונצופרידענער באליידיגטער נאציאנאליזם, זענען געוועזען די ערשטע קוואלען, פון וועלכע דער פאשיזם האט געשעפט, און שעפט נאך ביז׳ן היינטיגען טאג. אין די לענדער, וואו די מלחמה, און איהרע שאדענס, האבען מעהר געטראפען; די לענדער, וואס האבען מעהר געליטען פון דעם ווערסאילער פרידענס־אפמאך — איטאליע און דייטשלאנד — האט דער פאשיזם פריהער ווי ערגעץ אנדערשוואו, זיך אנטוויקעלט אין א מאסען־באוועגונג.

2. קריזיס און ראמאנטיזם. דער קריזיס, אנשטאט צו העלפען פארשטארקען דעם קאמף פאר פרייהייט און סאציאליזם, האט גאר דעמאראליזירט די מאסען און זיי אריינגעפיהרט אין א פינסטערער רעאקציע. דער ביטערער קריזיס, וואס האט ארומגעכאפט די גאנצע וועלט, האט אויפגערייצט די מאסען, און אין א האפנונגסלאזען צושטאנד זיי איבערגעלאזט. אין אזעלכע אומשטענדען איז זעהר לייכט געוועזען עס זאל געבוירען ווערען א משיח־אידעע אין פארם פון פאשיזם. חלומות פון "מלכות מוסאליני", אדער "מלכות היטלער" האט זיך אנגעהויבען פארשפרייטען.

"פאַשיזם" — זאָגט קלאָוד טריוועדס, אַ באַוואוסטער איטאַליענישער סאָציאַליסט — "איז זיך צוגעוואַקסן פון דער עקאָנאָמישער און מאָראַלישער באַדערפניש פון דער נאַציאָן".

3. כאַאָס און צוטריסלונג. אין יענע כאַאָטישע יאָהרען, ווען עס איז אָנגעגאַנגען דער גרויסער קאַמף אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צווישען צווייטען און דריטען אינטערנאַציאָנאַל. אַ דאַנק דער טאַקטיק פוןביידע אינטערנאַציאָנאַלען איז געלונגען דעם פאַשיזם ער זאָל זיך אַריינכאַפען אין דער אַרבייטער מחנה. אין דער צייט, ווען דער קאַמף צווישען ביידע סאָציאַליסטישע עקסטרעמען — לינקע און רעכטע — האָט זיך שטאַרק געפיהלט, איז געקומען דער שונא, אין אַ סאָציאַליסטישען "לבוש", מיט דעמאַגאָגישע לאָזונגען, און אַרויסגעכאַפט פון זיי די מאַכט. אונטער דעם מאַנטעל פון סאָציאַליזם האָבען די שאָוויניסטישע פּראַקציעס אויך געפּרעדיגט "רעוואָלוציע", און "נידער מיט דער הערשענדער אָרדנונג", און דאָס האָט אַפּילירט צו דער מאַסען־פּסיכאָלאָגיע. "די מיליאָנען, וואָס שטימען פאַר היטלער'ן — האָט אַ דייטשער שריפטשטעלער געזאָגט — "איז דערפאַר, ווייל ער זאָגט צו די דייטשען, אַז אַלעס פון דער פאַרגאַנגענהייט מוז חרוב ווערען, — אַ נייע וועלט וועל איך שאַפען".

דער פאַשיזם, מיט זיין נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין, פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט די נאַציאָנאַלע שטרעבונג — האָט געווירקט אויף די מאַסען. איבערהויפּט אויף דער יוגענט, אויף דעם מיטעל־קלאַס און אינטעליגענציע, ביי וועלכע עס איז נאָך גענוג איינגעוואָרצעלט דער שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליזם. דער פּאַטריאָטישער לאָזונג: — "זייט גרייט, דאָס פאָטערלאַנד איז אין געפאַהר" — האָט גיכער געווירקט, און אַפּעלירט צו די מאַסען, ווי דער לאָזונג פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט, אַז דער "פּראָלעטאַריאַט האָט קיין פאָטערלאַנד". דער נאַציאָנאַלער פונקט, וואָס איז איינגעוואָרצעלט אין דער מענשליכער זעלע, און אין זיינע געפיהלען, האָט דינאַמיש עקספּלאָדירט, און ענטוזיאַסטיש אַנטוויקעלט געוואָרען דורך דעם פאַשיזם. דאָס בייזע בלוט, וואָס האָסט דעם "פרעמדען", האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט. עס איז געבוירען געוואָרען דער פאַשיזם, וואָס איז ביי זיי געוואָרען אַ מין עוואַנגעליזם, וואָס קעמפט פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג. אַ פענאָמענאָן, וואָס ראַטעוועט אי די נאַציאָן, אי דאָס פאָלק.

די "משיחים" פון דעם פאַשיזם, בעניטאָ מוסאָליני און אַדאָלף היטלער — די מעהר פּאָפּולערע, ווי אירגענד אַנדערע פאַשיסטישע פיהרער, האָבען אויסגענוצט דעם שעת הכושר, פון יענע אומבאַגרייפענדע קריזיס טעג, פון יענע אומבאַשרייבליכע נידערלאַגען, און באַקעמפט די ראַדיקאַלען פון לינקס און רעכטס.

מוסאָליני און היטלער, די שעפער פון די ברוין - שוואַרצע באַוועגונגען, זענען די מאָדערנע משיחים, אין לעגענדאַרישע בילדער, ביי זייערע אָנהענגער. נייע משה'ס זענען געקומען אויסלייזען די גערמאַנישע און לאַטיינישע פעלקער. די צעזאָרען און ביסמאַרקען זענען צוריק אויפגעשטאַנען פון זייער שלאָף, אויפצובויען און

ווידער באנייען די אמאליגע גרויסע אימפעריעס; צו פארזארגן זייערע נאציאנען מאטעריעליש און גייסטיג "ברוחניות ובגשמיות". און צו באפרידיגן די עקאנאמישע באדערפנישען. מיט אזא שלייער זענען די פיהרער פארהילט פאר זייערע איינפאכע בלינד־גלויביגע.

דער אונטערשייד צווישען מוסאליני'ן און היטלער'ן קען זיין נאר אין דעם:
— היטלער איז דער סימבאל פון אנטיסעמיטיזם און ראסען־האס, וועלכער האט קיין גלייכען צו זיך. זיין "קאמף" איז פול מיט דער אויסגעטראכטער ראסען טעאריע און אלטער פלאגיאטישער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע — און מוסאליני פראטעסטירט געגען אנטיסעמיטיזם און ראסען אונטערשיידען, און אין איינציגע פאלען איז ער ארויסגעטראטען ווי א אידען־פריינט.

ווייטער איז, לא ראוי זה כראוי זה;ביידע זענען זיי געבוירענע צו דיקטאטור און טעראר, וואס זאל דינען זייערע אייגענע אינטערעסען פון כבוד און זעלבסטהערשאפט.

ש ל ו ם .

פעהלער אויסבעסערונג.

זייט	שורה	געדרוקט	דארף זיין
3	18	בעלגיע	בולגאריע *)
5	6	דער	די
8	4	מארקיסטען	מארקסיסטען
14	34	גרויסען	גרויסע
15	10	דיפיניציעלאז	דעפיניציעלאז
16	2	פארטיין	פארטייען
28	35	יווריסט	יוריסט
32	18	כלל	בכלל
56	16	קליינביגער	קליינבירגער
61	4	אפילירען	אפעלירען
77	2	געהייסע	געהיימע
80	10	הערשעפט	הערשאפט
115	16	סאציל	סאציאל
154	34	(אנמערקונג) אפרונט	אפגרונט

*) איז מיין נאך ניט געדרוקטע עסיי איבער "מלחמה און שלום" ווערט באוויזען דאס דייטשלאנד'ס אריינטריט אין די גרעניצען פון בעלגיע, האט גורם געווען ענגלאנד זאל ערקלעהרען קריעג דייטשלאנד דעם 4-טען אויגוסט, 1914. בעלגיע איז צום ערשטען אטאקירט געווארען פון די דייטשען, ליגענדיג אויף דער גרעניץ־טעריטאריע צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך. ענגלאנד האט זיך אבער שוין פון לאנג געהאט פארפליכטעט צו היטען בעלגיע'ס נייטראליטעט.

בולגאריע, זייענדיג פון דעם באלקאן, האט ניט געקענט פארטראגען די זיגען און אוואנטיורעס פון סערביע. איהר האט פארדראסען אויף דעם אפמאך אין בוקארעסט וואס האט אויסגעברייטערט די גרעניצען פון סערביע, און דאריבער איז זי צוגעטראטען צו די צענטראלע מלוכות און ערקלעהרט קריעג צו סערביע דעם 14-טען אקטאבער, 1915.